STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01635

ATLANTIDA

Pierre Benoit

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

0-657-01635-7

D:\YIDDISH\TITLES\9780657016357T.PS

THE STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY PROVIDES
ON-DEMAND REPRINTS OF MODERN YIDDISH LITERATURE

ORDERS MAY BE PLACED BY PHONE AT (413) 256-4900 X155; BY FAX AT (413) 256-4700; BY E-MAIL AT ORDERS@BIKHER.ORG; OR BY MAIL AT NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER, 1021 WEST STREET, AMHERST, MA 01002-3375 U.S.A.

©1999 NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:
Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Lief D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

BOOK DESIGN BY PAUL BACON

PRINTED IN THE U.S.A. ON ACID-FREE PAPER

פיער בענואָ

אַטלאַנטידאַ

פון פראַנצויזיש: א. כהן

DONATED BY THE FAMILY OF
ESTHER ... GREENBERG

וואַרשע 1924

אַטלאַנטידאַ

אַ לעגענדאַרישער ראָמאַן

DONATED BY THE FAMILY OF
ESTHER SHPONKA GREENBERG
BORN SOKOLOV, POLAND
1899-1984

פֿאַרלאַג ש. יאַטשקאָווסקי, לעשנע 27·

געזעצט אין פולאח, פּ. קרומער

געדרוקט בא ברידער וואָיצי־
קיעוויטש. וואַרשאַ, גענשע 15

געבונדן בא א. קאַמיען

Pierre Benoit
Atlantyda

Wydawnictwo Szymon
Jaczkowski — Warszawa

Drukarnia B-ci Wójcikiewicz
Warszawa, Gęsia 15.

פּיער בּעזנוּאַ

אַ ט ל אַ נ ט י ד אַ

באַגלייט־בריוו *)

אויב אָט די בלעטלעך וועלן אַמאָל זען די ליכטיקע שיין — וועל איך שוין דאַמאָלס אויף דער וועלט נישט זיין. דער טערמין, וואָס איך באַשטים פאַר זייער דערשיינען, גאַראַנטירט מיר פולשטענדיק דערפאַר.

איך וואָלט נישט וועלן, אַז דער צוועק פון אָט די בלעטלעך זאָל פאַלש אויסגעטייטשט ווערן. מען מעג מיר גלייבן, אַז איך האָב נישט קיין שום מחבר־אַמביציע בנוגע די דאָזיקע פיבער־האַפט־אָנגעוואָרפענע שורות. איך בין תמיד געווען ווייט און בין

---

*) אָט דעם בריוו, אינאיינעם מיטן בייגעלייטן באַזונדער־פאַרחתמעטן כתב־יד, האָט פאַרוטשניק פ ע ר י ע ר איבערגעגעבן דעם וואַכמייסטער ש אַ ט ע ל ע ן פון דריטן ספּאַרייסער פּאָלק, אין דעם טאָג, ווען ער איז אַרויסגעפאָרן קיין טאַסילי, דעם לאַנד פון די טואַרעגן אַוודזשערן (צענטראַל־סאַהאַראַ). וואַכמייסטער שאַטעלען האָט געהאַט דעם אויפטראָג איבערצוגעבן דאָס אַלץ, בא דער ערשטער מעגלעכקייט, דעם ה' ל ע ר י, ערן־ראַט פון אַפּעלאַציע־געריכט אין ריאָן, דעם נאָנטסטן קרוב פון פאַרוטשניק פעריער. דער דערמאָנטער באַאַמטער איז פּלוצלינג געשטאָרבן פאַרן צען־יאָריקן טערמין, וואָס איז באַשטימט געוואָרן פאַרן אַרויסגעבן דעם כתב־יד. צוליב דעם האָט דאָס דערשיינען פאַרשפּעטיקט ביז היינט.

איך איצט ווייט פון אַזאַ זאַך. מיין צוועק איז, אַז אַנדערע זאָלן נישט מאַכן די נסיעה, וואָס איך האָב געמאַכט, און וואָלט נאָכאַמאָל נישט געוואָלט מאַכן.

פיר אַ זייגער אינדערפרי. באַלד וועט דער זון-אויפגאַנג אָנצינדן דעם הימל מיט אַ ראָזאָווען פייער. דער „באָרדזש" אַרום מיר איז פאַרזונקען אין שלאָף. דורך דער האַלב-געעפנטער טיר הער איך דאָס רויִקע אָטעמען פון אַנדרע סענט-אַווי.

אין צוויי טעג אַרום וועלן מיר ביידע אָפּפאָרן. מיר פאַרלאָזן דעם „באָרדזש" און לאָזן זיך טיף קיין דרום-זייט. נעכטן פרי איז אָנגעקומען אַ באַפעל פון מיניסטעריום.

ווען איך זאָל אַפילו וועלן, איז שוין איצט צו שפּעט חרטה צו האָבן. אַנדרע און איך האָבן זיך אַ סך געסטאַרעט וועגן דער מיסיע. די דערלויבעניש, וואָס איך האָב געבעטן מיט זיין הסכם, איז איצט געוואָרן אַ באַפעל. און ווירקלעך, דערצו בין איך אַדורכגעגאַנגען אַלע ראַנגען פון דינסט און אויסגענוצט אַלערליי פּראָטעקציעס אין מיניסטעריום, כדי איך זאָל איצט מורא קריגן און זיך צוריקציִען?...

„מורא קריגן", — האָב איך געזאָגט? — ניין, איך האָב נישט קיין מורא. איינמאָל באַנאַכט, אין גוראַראַ, ווען איך האָב צוויי פון מיינע וועכטערס געפונען דערהרגעטע און זייערע בייכער אויפגעשניטענע מיטן שרעקלעכן קרייץ-שניט פון די באַרבאַרן — אָט דאַמאָלס האָב איך יאָ געפילט אַ פחד, איך ווייס, וואָס עס הייסט מורא, אָבער איצט, איינקוקנדיק זיך אין פינסטערן הימל, פונוואַנען עס וועט באַלד אַרויסשווימען מיטאַמאָל אַ גרויסע פורפורנע זון, ווייס איך, אַז איך ציטער נישט אויס מורא. עס ציטערט אין מיר די הייליקע שרעק פון געהיימעניש, וואָס ציט מיך צו זיך ווי אַ מאַגנעט.

און אפשר איז דאָס אַלץ אַן אָפּנאַרעריי? אַן איינבילדונג

פון אַ צעהיצטן מוח און פון אַן אויג, וואָס איז אָנגעפילט מיט מיראַזשן? ס׳וועט זיכער קומען אַ צייט, ווען איך וועל איבערלייענען נאָכאַמאָל די דאָזיקע בלעטלעך מיט אַ רחמנותדיקן שמייכל, פון אַ פופציק־יאָריקן מענטש, וועלכער לייענט אַלטע בריוו.

אָפּנאַרעריי, איינבילדונגען, אָבער די דאָזיקע אָפּנאַרעריי און איינבילדונגען זענען מיר טייער. „קאַפּיטאַן דע סענט-אַווי און פּאָרוטשניק פּעריער — זאָגט די דעפּעשע פון מיניסטעריום — האָבן די אויפגאַבע אויסצופאָרשן דעם צוזאַמענשטעל פון ווייסן זאַמדשטיין און קוילנהאַלטיקן קאַלך-שטיין אין טאַסילי... גלייכצייטיק דאַרפן זיי אויסנוצן די געלעגנהייט צו דערוויסן זיך וועגן די שנדערונגען, וואָס זענען מעגלעך פאָרגעקומען אין דער שטעלונג פון די אַזדזשערן צו אונדזער איינפלוס-ספערע א. א. וו.“

אויב דער ציל פון דער נסיעה וואָלט געווען נישט מער, ווי אָט די קלייניקייטן, פיל איך, אַז איך וואָלט נישט געפאָרן...

איצט ציט מיך און שרעקט מיך צוגלייך. און איך וואָלט געווען שטאַרק אַנטוישט, אויב איך וואָלט מיך נישט געפונען פּנים אל פּנים מיט יענעם, וואָס מאַכט מיך ציטערן.

אינמיטן טאָל אועד־מיאַ רופט זיך אָפּ אַ שאַקאַל.

יעדעס מאָל, ווען צווישן די געדיכטע וואָלקנס רייסט זיך אַדורך אַ זילבערנער לבנה־שטראַל, נעמט אים אָן די טורקלטויב פאַר דער יונגער זון און לאָזט זיך הערן אין פּאַלמען־וועלדל.

מען הערט טריט אינדרויסן. איך בייג מיך אַרויס פון פענסטער: אַ שאָטן, איינגעוויקלט אין שוואַרצן גלאַנציקן שטאָף שלייכט זיך איבער דער טעראַסע פון פאָרט. אַ ליכט האָט אַ גלאַנץ געטאָן אין דער מיט עלעקטריע אָנגעזאַפּטער נאַכט. אַ מענטש האָט אָנגעצונדן אַ פּאַפּיראָס, האָט זיך אַוועקגעזעצט מיטן פּנים צו דרום־זייט און גערייכערט.

דאָס איז סעגעיר בן-שעיק, אונדזער טאַרגישער וועג־ווי־

זער, וועלכער וועט אין דריי טעג אַרום אונדז פירן אויף די אומבאַקאַנטע פלאַך-בערג פון דער געהיימניספולער „אומאַשאַש", דורך די „באַמאַדן" פון שוואַרצן שטיין, דורך די אויסגעטרוקנטע קוואַלן, באַזילבערטע זאַלץ-פעלדער, באַגילדטע זאַמדן, איבער וועלכע עס הייבט זיך אַ כוואַליע-אַרטיקער נעפל פון ווייסלעכן שטויב.

סעגעיר בן-שעיק! אָט דאָס איז ער. אויפן געדאַנק קומט מיר די טראַגישע פראַזע פון דיוואַריע; „דער פאַלקאָווניק האָט אַריינגעזעצט דעם פוס אין שטייג-ביגל און אין דעם מאָמענט האָט ער באַקומען אַ שטאָך מיט דער שווערט".*)

...„סעגעיר בן-שעיק!... ער איז דאָרט. ער רייכערט רויק אַ פאַפיראָס פונם שאַכטל, וואָס איך האָב אים געגעבן... מיין גאָט! שענק מיר דעם דאָזיקן חטא!

דער לאָמפ וואַרפט אויפן פאַפיר זיין געל ליכט. וואָס פאַר אַ וויסטער מזל האָט באַשטימט, אַז צו זעכצען יאָר זאָל איך אַריינטרעטן אין דער מיליטערישער שול סען-שיר, און אַזוי אַרום געמאַכט מיך פאַר אַ חבר פון אַנדרע דע סענט-אַווי. איך האָב דאָך ליבער געקענט שטודירן יוריספּרודענץ, מעדעצין, וואָלט איך איצינד געווען אַ רויקער מענטש, געלעבט אין אַ שטאָט מיט אַ קירך און מיט וואַסער לרוב, אַזוי ווי אַלע מענטשן, און וואָלט נישט געווען אַ פאַרזעעניש אָנגעטון אין תכריכים און פאַרוואָרפן מיט מיין אומאויסדריקלעכער בענקשאַפט אין אַ מדבר, וואָס וויל מיך איינשלינגען.

אַ גרויסער זשוק איז אַריין דורכן פענסטער. ער רוישט, קלאַפט זיך אָן די ווענטלעך, אָן דער קויל פון לאָמפ און פאַלט

*) ה. דיוואַריע, דער טראַגישער סוף פון פלאַטערס שליחות. ביולעט. פון דער בעאָג. בעז. 1881.

דערנאָך [illegible] אָפּגעבראָכענע פליגעלעך אויף דעם ווייסן בלאַ-
דאָרט.

דאָס איז אַן אַפריקאַנישער זשוק, גרויס, שוואַרץ, מיט העל-גרויע פלעק.

איך טראַכט וועגן אַנדערע זשוקעס, וועגן זייער ברודער אין פראַנקרייך, די ברוין-גאָלדיקע, וועלכע איך פלעג זען אַרומשמייען, ווי קליינע זון-קיילעכלעך, אין די הייסע אָוונטן אין מיין געבוירט-דאָרף. קינדווייז פלעג איך דאָ פאַרברענגען מיין וואַקאַציע, שפּע-טער — מיינע אורלויבן. בשעת מיין לעצטן אורלויב איז געגאַנגען בײַ מיין זייט אַן עלעגאַנטע, ווייסע פיגור, איינגעהילט צוליבן קאַלטן אָוונט אין אַ מוסלין-שאַל.

איצט, אונטערן איינפלוס פון דער דאָזיקער דערינערונג, הענגט מיין בליק אַ ווײַלע איבערן פינסטערן ווינקל פון מיין צי-מער, איבער דער נאַקעטער וואַנט, וווּ עס בלישטשעט די שויב פון אַ פאַרשטויסענעם פּאָרטרעט.

איך פאַרשטיי, ווי ווייט דאָס, וואָס האָט דאַכט זיך געזאָלט זיין מיין גאַנץ לעבן און נשמה, האָט אָנגעוווירן פון זיין באַדיי-טונג. דער דאָזיקער טרויעריקער סוד האָט מער נישט קיין אינטע-רעס פאַר מיר.

אויב די וואַנדערנדיקע זינגערס פון ראָלף וואָלטן איצט גע-קומען אונטערן פענסטער פון דער „באָרדזש" ברומען אונטער דער נאָז זייערע באַקאַנטע לידער, וואָלט איך זיי געוויס נישט געוואָלט אויסהערן, און אויב זיי וואָלטן דווקא געזונגען, וואָלט איך זיי געלאָזט אַוועקטרייבן.

וואָס האָט אַרויסגערופן די דאָזיקע ענדערונגען? אַ געשיכטע אַ מעשה, וואָס עס האָט דערציילט אַ מענטש, וועלכן ס'דריקט איי-נער פון די שרעקלעכסטע חשדים.

סעגעיר בן־שעיק האָט אויסגערייכערט זיין פּאַפּיראָס. איך הער, ווי ער קערט זיך אום צו זיין ראָגאָזשע אין דער געביידע B לעבן דער וואַך אויף לינקס.

אונדזער אָפּפאָר איז באַשטימט אויפן 10־טן נאָוועמבער, דער כתב־יד, וואָס איז ביי־געלייגט צום דאָזיקן בריוו, איז אָנגעהויבן געווארן זונטיק דעם ערשטן, און פאַרענדיקט געוואָרן דאָנערשטיק דעם 5־טן נאָוועמבער.

אַליוויע פּערייער

פּאַרטיזאַנער פון 3־טן ספּאַרטאַקיסטן־פּאָלק.

ערשטעס קאַפּיטל

אַ פּאָסטן אויף דרום

שבת, דעם 10־טן יוני 1903 האָבן צוויי געשעענישן פון אַ גײַסט־גלײַכער וויכטיקייט איבערגעריסן דאָס איינטאָניקע לעבן, וואָס מען האָט געפירט אויפן פּאָסטן האַסי־איניפעל: ס׳איז אָנגעקומען אַ בריוו פון פּרל. סעסיל דע ס. און עס זענען דערהאַלטן געוואָרן פרישע נומערן פון „זשורנאַל אָפיסיעל” פון דער פראַנצויזישער רעפּובליק.

— איר וועט דערלויבן, ה׳ פּאָרוטשניק? — האָט געזאָגט דער וואַכמײַסטער שאַטעלען, כאַפּנדיק זיך דורכצוקוקן די בלעטער, נאָכדעם ווי ער האָט אַראָפּגעריסן פון זיי די באַנדעראָלן.

איך האָב אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ צום צייכן פון דערלויבעניש און בין באַלד געווען פאַרטיפט אין לייענען דעם בריוו פון פּרל. ס.

„ווען איר וועט האָבן דערהאַלטן אָט דעם בריוו — האָט געשריבן דאָס ליבע יונגע מיידל — וועט די מאַמע און איך שוין זײַן אויפן דאָרף. אויב אין אייער איינזאַמקייט וועט איר קענען געפינען אַ טרייסט אין דעם, אַז איך לאַנגווײַליק מיך אַזוי גוט ווי איר, מעגט איר זײַן פולקאָם צופרידן.

דער טאָג פון „גראַן פּרי” (גרויסער פּריז) אויף די וויש־

טשיגעס איז שוין געווען. איך האָב געשטעלט אויפן פערד, וואָס איר האָט מיר אָנגעוויזן, און האָב נאָטירן [illegible]

אייערנעכטן זענען מיר געווען אויף מיטאָג בײַ מאַרסיאַל דע לאַ טוש. ס'איז דאָרט געווען דער אייביק-יונגער עליאַס שאַטריאַן. איך שיק אײַך זײַן לעצט בוך, וואָס האָט געמאַכט אַ גרויסן רושם. די הערשאַפט מאַרסיאַל דע לאַ טוש זענען קענטיק דאָרט אָפּגעמאָלט ווי לעבעדיק.

איך לייג בײַ אויך די נײַעסטע ווערק פון בורזשע, לאָטי און פראַנס און אויך אייניקע מאָדערנע קאָנצערט-שטיק.

וואָס איז שייך פּאָליטיק, זאָגט מען, אַז דאָס דורכפירן דאָס נײַע געזעץ וועגן די פּאַראַפיעס וועט זיך אָנשטויסן אויף גרויסע שוועריקייטן. אין טעאַטער איז נישטאָ קיין וויכטיקע נײַעסן. איך האָב אויסגעשריבן אויפן זומער די „אילוסטראַציאָן“... ווי איז אײַער מיינונג וועגן דעם?

אויפן דאָרף איז דאָך נישטאָ וואָס צו טון. תמיד דיזעלבע פאַרטיע אידיאָטן צום טעניס-שפּיל.

איך וועל אײַך שרײַבן אָפט און דאָס וועט פון מײַן זײַט נישט זײַן קיין שום פאַרדינסט. שוינט מיך מיט אײַערע באַטראַכטונגען וועגן קליינעם קאָמבעראַל. איך בין נישט קיין צווײ-גראָשנדיקע פעמיניסטקע (אָנהענגערין פון פרויען-רעכט) און האָב גענוג צוטרוי צו יענע, וואָס זאָגן, אַז איך בין אַ שיינע, און בפרט צו אײַך.

איך ווער שיער משוגע באַם געדאַנק, אַז אויב איך וואָלט מיר דערלויבט אַ שטיף טון מיט אונדזערע דאָן-פאַראַבקעס מאַטש אַ צענט-חלק דערפון, ווי איר שטיפט מסתמא מיט די פרויען פון אײַער אולעד-נאַיל...

אָבער לאָמיר דערפון נישט רעדן. איך וועל דערפון קיין גרויס פאַרגעניגן נישט האָבן".

איך האָב געהאַלטן בײַ אָט דער שטעלע אין בריוו פון דעם

יונגן מיידל, ווען אַ ווילדער אויסגעשריי פון וואַכמייסטער האָט מיך געצווונגען אויפצוהייבן דעם קאָפּ.

— ה׳ פּאַרוטשניק!

— וואָס איז?

— צום טייוול! פּיינע מענטשן זיצן דאָרט אין מיניסטעריום. זייט מוחל, לייענט!

ער האָט מיר דערלאַנגט דעם „אָפּיציעל״. איך האָב געלייענט: „אויפן גרונט פון באַשלוס פון ערשטן מאַי 1903 ווערט קאַפּיטאַן אַנדרע דע סענט־אַווי קאָמאַנדירט צום 3־טן פּאָלק ספּאַהיס און באַשטימט פאַר קאָמענדאַנט פון פּאָסטן האָסי־איניפעל״.

שאַטעלענס צאָרן האָט דערגרייכט די העכסטע שטופע.

— קאַפּיטאַן דע סענט־אַווי קאָמענדאַנט פון פּאָסטן! אַ פּאָסטן, קעגן וועלכן מען האָט קיינמאָל גאָרנישט געהאַט אויסצוזעצן! מען האַלט אַפּנים אונדזער פּאָסטן פאַר אַ פאַרשיקונגס־אָרט!

איך האָב זיך געוווּנדערט נישט ווייניקער ווי דער אונטער־אָפיציר. אָבער דאָ האָב איך באַמערקט די זויערע מינע פון גורין, אַ זעלנער פון די דיסציפּלינאַרע באַטאַליאָנען, וועלכער איז בײַ אונדז געווען קאַנצעלאַריע־שרייבער: ער האָט אָוועקגעלייגט די פעדער און אויפמערקזאַם זיך אײַנגעהערט.

— ה׳ וואַכמייסטער, קאַפּיטאַן דע סענט־אַווי איז מיין שול־חבר — האָב איך געזאָגט טרוקן.

שאַטעלען האָט זיך פאַרנייגט און געגאַנגען צו דער טיר. איך בין אים נאָכגעגאַנגען.

— נו, אַלטער, — האָב איך געזאָגט, קלאַפּנדיק אים אויף דער פּלייצע, — נאָר נישט בייז זיין! פאַרגעסט נישט, אַז אין אַ שעה אַרום פאָרן מיר צום אָאַזיס. גרייט צו די ביקסן. מען דאַרף אַ סך אויסבעסערן אונדזער קיך.

אומקערנדיק זיך אין קאַנצעלאַריע האָב איך אַ ווינק געטון

ריך, ער זאָל אַרויסגיין, בלייבנדיק איינער אַליין, האָב איך גיך אַרענדיקט לייענען דעם בריוו פון פרל. ס. דערנאָ״, נעמענדיק ידער אין האַנט דעם „אָפיסיעל״, האָב איך נאָכאַמאָל איבערגעלייענט די מיניסטעריום־פאַראָרדנונג, וועלכע באַשטימט אַ נייעם שעף פאַר אונדזער פאָסטן.

זייט פינף מאָנאַטן האָב איך פאַרנומען די דאָזיקע שטעל ען קען דרייסט זאָגן, אַז איך האָב דערפילט ווי געהעריק מיינע פליכטן און געגאָסן דעם טעם פון אומאָפהענגיקייט. איך קען אפילו זאָגן בלי גוזמא, אַז אונטער מיין לייטונג איז אַלץ געגאַנ־ ען בעסער ווי אונטער קאַפיטאַן דייליוואָלס, דעם פאָרגייער פון ענט־אַווי.

קאַפיטאַן דייליוואָל איז געווען אַ בראַווער מאַן, אַ קאָלאָניאַל־ אָפיציר פון אַלטן שניט, אַן אונטער־אָפיציר פון די דאָדס און דיושענס, ער איז אָבער געווען שטאַרק איבערגעגעבן דעם טרונק, און ווען ער האָט גענומען אַ ביסל משקה, פלעגט ער אויסמישן אַלע דיאַ־ לעקטן, וואָס זענען באַ אונדז אָנגעגאַנגען, און רעדן מיט אַ שפּראַך ון דור הפלגה.

קיינער איז נישט געווען אַזוי שפּאָרזאַם אין וואַסער ווי ער.

איינמאָל, ווען ער האָט איבעריגעם מיטן וואַכמייסטער געהאַט צוגעגרייט זיין אַבסענט (שטאַרקע משקה), האָט שאַטעלען, וועלכער האָט נישט אַראָפּגעלאָזט די אויגן פון קאַפיטאַנס גלאָז, באַמערקט צו זיין דערשטוינונג, ווי דער גרינער קאָליר פון געטראַנק ווערט בלאַס אונטער דער ווירקונג פון אַ פאָרציע וואַסער, וואָס איז געווען גרעסער ווי געוויינטלעך. שאַטעלען האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ, פילנדיק, אַז דאָ איז געשען עפּעס אויסערגעוויינטלעכס. קאַפּיטאַן דייליוואָל איז געזעסן אַן אומבאַוועגלעכער, האַלטנדיק אַ פלעשל אין דער האַנט, און נישט אַראָפּגעלאָזט די אויגן פון דעם וואַסער, וואָס האָט געטריפט טראָפּנווייז אויפן צוקער. ער איז געווען טויט.

אין משך פון פינף מאָנאַטן נאָכן טויט פון סימפּאַטישן שיכור, האָט די אייבערשטע מאַכט קענטיק נישט געזאָרגט וועגן אַ ממלה מקום פאַר דייליוואָלן. אַ צייט האָב איך אַפילו געהאָפט, אַז מען וועט מיך איבערלאָזן באַ די פליכטן, וואָס איך האָב פאַקטיש דערפילט... און דאָ קומט אַזאַ פּלוצלינגע נאָמינאַציע...

קאַפּיטאַן דע סענט-אָוי... אין סען-שיר איז ער געווען מיינער אַ קאָלעגע. אַ צייט האָב איך נישט געהערט פון אים. דערנאָך האָט ער צוגעצויגן מיין אויפמערקזאַמקייט דורך זיין געשווינדן אַוואַנסירן אין דינסט און דעם אָרדן, וואָס ער האָט באַקומען אַלס פאַרדינטע אויסצייכנונג פאַר די דריי אויסערגעוויינטלעך-דרייסטע פאָרשונגס-נסיעות אין טיבעטסטי און אין איר; דערנאָך קומט פּלוצלינג די געהיימניספולע דראַמע פון זיין פערטער נסיעה, יענע באַרימטע מיסיע, וואָס איז אונטערגענומען געוואָרן צוזאַמען מיטן קאַפּיטאַן מאַראַנזש, און פון וועלכער עס איז צוריקגעקומען נאָר ער אַליין.

אין פראַנקרייך ווערט אַלץ גיך פאַרגעסן. פון דאַמאָלס איז שוין אַריבער אַן ערך 6 יאָר. איך האָב מער נישט געהערט רעדן וועגן סענט-אָוי. איך האָב אַפילו געמיינט, אַז ער איז אַרויסגעטרעטן פון דער אַרמיי. און אַצינד דאַרף ער גאָר ווערן מיין שעף.

— „דער צי יענער — האָב איך געטראַכט — אַלץ-איינס!... אין דער שול איז ער געווען אַ גוטער יונג, און מיר זענען שטענדיק געווען אין די בעסטע באַציִונגען. איבעריקנס, פאַרמאָג איך נישט די הכנסות, וואָס זענען נייטיק צו ווערן אַ קאַפּיטאַן.”

און פייפנדיק בין איך אַרויס פון קאַנצעלאַריע.

אַוועקלייגנדיק דאָס געווער אויף דער אָפּגעקילטער ערד, בין איך און שאַטעלען געשטאַנען באַ דער סאַזשלקע, וואָס ליגט אין צענטר פון קליינעם אָאַזיס, פאַרשטעקט הינטער די הויכע גראָזן פון אַלפאַ-אַלפאַ. די אונטערגייענדיקע זון האָט גערויטלט די שמאָלע

קאַנאַלן פון שטייענדיקן וואַסער, וואָס האָבן באַוואַסערט די אָרימע פעלדער פון די איינגעבוירענע שוואַרצע.

דעם גאַנצן וועג האָבן מיר נישט גערעדט קיין וואָרט. שאַטעלען איז קענטיק געווען ברוגז.

אין פולקאָמער שטילקייט האָבן מיר דערשאָסן, אַמאָל ער, אַמאָל איך, עטלעכע אָרימענקע טורקלטויבן, וועלכע זענען געקומען, אויסגעמאַטערטע פון היץ מיט אַראָפּגעלאָזטע פליגל, שטילן זייער דורשט פון דעם זומפּיקן וואַסער פון דער סאַזשלקע.

ווען אַ האַלב טוץ דאַרע, פאַרבלוטיקטע גופימלעך זענען שוין געהאָנגען בײַ אונדזערע פּיס, האָב איך אַרויפגעלייגט די האַנט אויף דער פּלייצע פונם אונטער-אָפיציר.

— שאַטעלען!

ער האָט אַ ציטער געטון.

— שאַטעלען, איך האָב אייך גראָב באַהאַנדלט. זייט נישט אין כּעס, דאָס איז געווען די בייזע שעה פון מיטאָג-צייט.

— דער ה׳ פּאָרוטשניק איז דער איבערהאַר — האָט ער געענטפערט מיט אַ טאָן, וואָס האָט געזאָלט זיין אַ ברוגזדיקער, וועלכער איז אָבער אַרויסגעקומען אַ צאַרטער.

— שאַטעלען, זייט נישט בייז... איר האָט מיר עפּעס צו זאָגן. איר ווייסט, וואָס איך מיין.

— איך ווייס באמת גאָרנישט. ניין, איך ווייס גאָרנישט.

— שאַטעלען, שאַטעלען, איך מיין ערנסט, דערציילט מיר עפּעס וועגן קאַפּיטאַן סענט-אַווי.

— איך ווייס גאָרנישט — האָט ער אָפּגעענטפערט שאַרף.

— גאָרנישט? און וואָס האָט איר פריער אַביסל גערעדט?...

— קאַפּיטאַן סענט-אַווי איז אַ בראַווער מאַן — האָט ער אַ ברום געטון מיט אַן עקשנותדיק אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ — ער איז

געפאָרן אַליין קיין בלמא, קיין איר, איינער אַליין. אין ערטער, ווו קיינער איז נאָכנישט געווען. ער איז אַ בראַווער מאַן!

— ער איז אָן צווייפל אַ בראַווער מאַן — האָב איך געזאָגט מיט אַן אויסערגעוויינטלעכער פריינטלעכקייט, — ער האָט אָבער דערמאָרדעט זיין חבר, קאַפּיטאַן מאַראַנוש, נישט אמת?

— ער איז אַ בראַווער מאַן! — האָט ער עקשנותדיק איבערגעחזרט.

— שאַטעלען, איר זענט אַ קינד. צי האָט איר מורא, אַז איך זאָל נישט איבערגעבן אייערע רייד דעם נייעם קאַפּיטאַן?

דאָ האָב איך אָנגעריזט זיין שוואַכע זייט. ער איז אַזש אונטערגעשפרונגען.

— וואַכמייסטער שאַטעלען האָט פאַר קיינעם קיין מורא נישט, הער פּאָרוטשניק, ער האָט געקעמפט אין אַבאָמי קעגן די אַסאַזאַנען אין אַ לאַנד, ווו פון יעדן קוסט גלייכט אַרויסשטעקן אַ שוואַרצע האַנט, וואָס האָט אָנגעכאַפּט בײַ אַ פוס, בשעת אַ צווייטע האַנט האָט אָפּגעהאַקט מיט אַ שווערטל מיט איין האַק.

— און וואָס מענטשן רעדן, און וואָס איר אַליין?..

— דאָס אַלץ איז פּוסטע רייד.

— פּוסטע רייד, וואָס גאַנץ פראַנקרייך חזרט זיי איבער.

ער האָט נאָך נידעריקער אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און געשוויגן.

— אייזל-קאָפּ, — האָב איך אַ געשריי געטאָן — וועסט רעדן, צי נישט?

— ה׳ פּאָרוטשניק, ה׳ פּאָרוטשניק, — האָט ער גענומען זיך בעטן — בנאמנות אַלץ וואָס איך ווייס, איז נאַרישקייטן...

— זאָג, וואָס די ווייסט, תיכף ומיד, אַז נישט, גיב איך דיר מיין וואָרט, אַז אַ חודש צייט וועל איך נישט רעדן צו דיר אַ וואָרט, סיידן אין דינסט.

האָסי-איניפּעל: דרייסיק זעלנער איינגעבוירענע, פיר איי־ ראָפּעער, איך, דער וואַכמייסטער, אַ זעלנער און גורי. די דראָונג איז געווען אַ שרעקלעכע און האָט געהאַט אַ פּעולה.

— נו גוט, ה׳ פּאַרוטשניק, — האָט ער אָנגעהויבן מיט אַ טיפן זיפץ — אָבער שפּעטער זאָלט איר מיר נישט פאָרוואַרפן, אַז איך האָב דערציילט וועגן אַ שעף זאַכן, וואָס זענען געבויט אויף השערות.

— רעד, אַ סוף!

— דאָס איז געווען אין יאָר 1899. איך בין דאַמאָלס געווען פּראָוויאַנט-אויפזעער אין ספּאַקס אין 4-טן ספּאַרייסער פּאָלק; איך האָב געהאַט אַ גוטן נאָמען און מחמת איך האָב אַ חוץ דעם נישט געטרונקען, האָט מען מיך באַשטימט פאַרן באַלעבאָס פון אָפיצירן־ קלוב.

דאָס איז געווען באמת אַ גוטער פּאָסטן. מיין אַרבעט איז געווען: איינצוקויפן, פירן די חשבונות, אַרויסצוגעבן ביכער פון דער ביבליאָטעק (ביכער זענען געווען נישט אַ סך) און האַלטן דעם שליסל פון דער משקאות-שאַנק, ווייל דאָס האָט מען נישט געקענט אָנטרויען די אָרדענאַנסן.

דער פּאָלקאָווניק איז געווען אַ בחור און האָט געגעסן אין קלוב.

איינמאָל איז ער געקומען שפּעטלעך מיט אַ פאַרזאָרגט פּנים און, אַנידערזעצנדיק זיך, האָט ער געבעטן ס׳זאָל זיין שטיל.

— מיינע הערן— האָט ער געזאָגט,— איך האָב אייך עפּעס צו מעלדן, און וויל אויסהערן דעריבער אייער מיינונג. אָט, הערט אַ מעשה: מאָרגן פרי וועט אָנקומען קיין ספּאַקס די שיף „וויל דע נאַפּל“. אויפן באָרט וועט זיך געפינען קאַפּיטאַן דע סענט-אַווי, וועלכער איז קאָמאַנדירט געוואָרן קיין פּעריזאַנאָ, און פאָרט צו זיין פּאָסטן.

דער פּאָלקאָווניק האָט געמאַכט אַ פּויזע.

—„גוט,— האָב איך זיך געטראַכט, — מען וועט דאַרפן צונויפשטעלן אויף מאָרגן אַ געהעריקע מעניו (שפּייז-קאַרטע).

— איר ווייסט דאָך, הער פּאָרוטשניק, וועגן אַ מנהג, וואָס עקזיסטירט אין אַפריקע, זינט ס'זענען דאָ פאַרהאַן אָפיצירן-קלובן. ווען עס פאָרט דורך אַן אָפיציר, גייען זיינע חברים צו דער שיף און פאַרבעטן אים אין קלוב אויף דער גאַנצער צייט, וואָס ער פאַרבלייבט דאָ. דערפאַר צאָלט ער אָפּ מיט נייעסן פונדערהיים.

באַ אַזא פאַל מאַכט מען גרויסע הכנות אַפילו פאַר אַן איינפאַכן פּאָרוטשניק.

בקיצור, אַ גאַסט אַן אָפיציר אין ספּאַקס באַדייט: נאָך אַ צוגאָב-געריכט און אַ סך גוטן ווייַן.

פונם איבערקוקן זיך פון די אָפיצירן האָב איך פאַרשטאַנען, אַז דאָסמאָל וועט דער אַלטער, גוטער ווייַן בלייבן אין בופעט.

— איר האָט אַלע, מיינע הערן, געוויס געהערט וועגן קאַפּיטאַן סענט-אַווי און וועגן די קלאַנגען, וואָס גייען אַרום וועגן אים. נישט אונדזער זאַך איז צו קאָנטראָלירן די דאָזיקע קלאַנגען, דער אוואַנס און דער אָרדן, וואָס ער האָט באַקומען, גיבן אונדז אַפילו אַ גרונט צו רעכענען, אַז זיי זענען אָן אַ יסוד. אָבער צווישן חושד זיין אַן אָפיציר אין אַ פאַרברעכן און אויפנעמען אַ חבר באַ אונדזער טיש איז פאַרהאַן אַ גרויסער מרחק, וואָס מיר זענען נישט מחויב אים אַריבערצוגיין, און אָט וועגן דער זאַך וואָלט איך וועלן וויסן אייער מיינונג.

אין זאַל האָט געהערשט אַ שטילקייט. די אָפיצירן האָבן זיך איבערגעקוקט. אַלע זענען מיטאַמאָל געוואָרן ערנסט, אַפילו די לוסטיקסטע און יינגסטע פּאָדפּאָרוטשניקעס.

איך בין געזעסן אין ווינקל אַ שטילענקער און באַמיט זיך נישט אויסצוגעבן מיטן מינדסטן שאָרך. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז מען האָט אָן מיר פאַרגעסן.

— מיר דאַנקען אייך, הער פּאָלקאָווניק — האָט צום לעצט זיך אָפּגערופן אַ מאַיאָר — וואָס איר האָט זיך בּאַראַטן מיט אונדז. אַלע מיינע חברים ווייסן געוויס, וועגן אַ וואָסערע פיינלעכע קלאַנגען איר גיט אָנצוהערעניש. איך דערלויב מיר צו בּאַמערקן, אַז אין געאָגראַפישן דעפּאַרטאַמענט פון דער אַרמיי אין פּאַריז, וווּ איך האָב געדינט, איידער איך בין געקומען אַהער, האָבן פיל אָפיצירן, פון די געניטסטע, געהאַט אַ באַשטימטע מיינונג וועגן דער דאָזיקער טרויעריקער געשיכטע. זיי האָבן זי נישט געוואָלט אַרויסזאָגן, אָבער זי איז געווען נישט גינסטיק פאַרן קאַפּיטאַן סענט-אַווי.

— איך בין געווען אין באַמאַקאָ אין דער צייט פון דער מיסיע מאַראַנזש—סענט-אַווי, — האָט געזאָגט אַ קאַפּיטאַן, — די מיינונג פון די דאָרטיקע אָפיצירן האָט, ליידער, ווייניק זיך אונטערגעשיידט פון דער מיינונג פונם הער מאַיאָר. איך מוז אָבער צוגעבן, אַז אַלע אָנדערקענען, אַז מער ווי חשדים איז נישטאָ. און חשדים זענען ווירקלעך נישט באַגנוגנט, בּאַ אַזאַ שרעקלעכער זאַך.

— זיי זענען אַלעמפאַלס באַגנוגנט, מיינע הערן, — האָט אָפּגעענטפערט דער פּאָלקאָווניק, — צו דינען אַלס סיבה פון אונדזער אָפּוועזנהייט. ס'האַנדלט זיך דאָ נישט וועגן אַרויסטראָגן אַן אורטייל, אָבער מיר זענען נישט מחויב אים אַוועקצוזעצן בּאַ אונדזער טיש, דאָס וואָלט געווען אַ צייכן פון חברישער אַכטונג. די פראַגע איז: צי האַלט איר, אַז מיר זענען מחויב אַרויסצווייזן אַזאַ אַכטונג דעם הער סענט-אַווי.

בּאַ די ווערטער האָט דער פּאָלקאָווניק געוואָרפן אַ בליק כסדר אויף אַלע אָפיצירן. יעדערער פון זיי האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ אויף ניין.

— איך זע, אַז מיר זענען אַלע איינשטימיק, — האָט ווידער אָנגעהויבן דער פּאָלקאָווניק. — דערמיט איז נאָך דער ענין נישט דערליידיקט.

די שיף „וויל-דע-נאַפּל" וועט אָנקומען אין פּאָרט מאָרגן פרי. דאָס שיפל, וואָס גייט אָפּנעמען די פּאַסאַזשירן, שווימט זאָפ פון פּאָרט ניין אַ זייגער. איינער פון אייך, מיינע הערן, דאַרף זיך אָפּפּערן און גיין אויף דער שיף. קאַפּיטאַן סענט-אַווין קען אַמאָל איינפאַלן אַליין צו קומען אין קלוב. מיר וועלן אים באַטירלעך נישט אָנטון קיין באַליידיקונג, נישט אויפצוגעמען אים אין פאַל, ווען ער זאָל אַליין קומען אויפן סמך פון אַלטן מנהג. מען דאַרף זיך דעריבער מקדים זיין און געבן אים אַנצוהערעניש, אַז עס איז גלייכער, אַז ער זאָל בלייבן אויף דער שיף.

דער פאַלקאָווניק האָט ווידער אַ קוק געטון אויף די אָפיצירן. זיי האָבן אַנדערש נישט געקענט, ווי איינשטימען מיט אים. אָבער קיינעם האָט קענטיק נישט געגלוסט צו זיין דער שליח.

— עס פעלט מיר גאָרנישט איין צו געפינען צווישן אייך אַ פרייוויליקן אויף אַזאַ אַרט שליחות. איך וועל מוזן וועמען פון אייך באַשטימען. קאַפּיטאַן גראַנזשאַן, ה' סענט-אַווי איז אַ קאַפּיטאַן, און עס פּאַסט בעסער, אַז אַן אָפיציר פון זיין ראַנג זאָל אים איבערגעבן דעם באַשלוס. אויסערדעם זענט איר דער יינגסטער. איך בין דאַרום געצוווּנגען אַרויפצולייגן אויף אייך די דאָזיקע אומאָנגענעמע מיסיע. עס איז איבעריק אייך צו בעטן אויסצופירן זי מיט דער גרעסטער פּאָרזיכטיקייט.

קאַפּיטאַן גראַנזשאַן האָט זיך פאַרנייגט, בשעת די איבעריקע אָפיצירן האָבן אָפּגעאָטעמט מיט אַ פאַרלייכטערונג.

צומאָרגנס באַם פרישטיק האָבן אַלע געוואַרט מיט אומגעדולד אויפן צוריקקער פון קאַפּיטאַן גראַנזשאַן.

— וואָס הערט זיך? — האָט געפרעגט קורץ דער פאַלקאָווניק.

קאַפּיטאַן גראַנזשאַן האָט נישט געענטפערט באַלד.

ער האָט זיך אַוועקגעזעצט באַם טיש, ווו זיינע חברים האָבן

זיך צוגעגרייט זייערע געטראַנקען, און ער, וואָס פֿון זיין ניכטערקייט פֿלעגט מען נישט איינמאָל אָפּשפּעטן, האָט איצט מיט איין זופּ אויסגעטרונקען אַ גרויס גלאָז אַבסענט, נישט וואַרטנדיק אפילו אַז דער צוקער זאָל צעגיין.

— אַלזאָ, וואָס הערט זיך, קאַפּיטאַן? — האָט איבערגעחזרט דער פֿאַלקאָווניק.

— באַזאָרגט, ה׳ פֿאַלקאָווניק, איר קענט זיין רויק. ער וועט דאָ נישט אָפּשטייגן. אָבער, מיין גאָט, וואָס פֿאַר אַ שווער שטיקל אַרבעט!

די אָפיצירן האָבן נישט געהאַט די העזה זיך אָנצורופֿן. בלויז אין זייערע אויגן האָט זיך אָפּגעשפּיגלט זייער אומרויקער בייגער.

קאַפּיטאַן גראַנזשאַן האָט זיך אָנגעגאָסן אַ גלאָז וואַסער.

— אויפֿן וועג, אין שיפֿל האָב איך מיך צוגעגרייט, וואָס צו רעדן. אָבער אַרויפֿקומענדיק אויף דער שיף, איז מיר צ… אַרויסגעפֿלויגן.

סענט-אווי איז געווען מיטן שיף-קאָמענדאַנט אין רויך-צימער. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז ס׳וועט מיר אויספֿעלן כּח צו זאָגן א… וואָס איך האָב באַדאַרפֿט, בפֿרט, אַז איך האָב געזען, אַז ער … גרייט צום אויסשטייגן.

ער האָט געטראָגן דעם פּאַראַד-מונדיר מיט דער שווערט … די שפּאָרן. אויף דער שיף טראָגט מען נישט קיין שפּאָרן.

איך האָב מיך פֿאָרגעשטעלט, מיר האָבן גערעדט אַ … ווערטער, אָבער אין מיין אָנגעשטרענגטער מינע האָט ער באַלד דערקענט, וואָס איך האָב אים צו זאָגן.

אונטער עפּעס אַן אויסרייד האָט ער פֿאַרלאָזט דעם קאָמענדאַנט און מיך אַוועקגעפֿירט צום הינטערשטן טייל פֿון דער שיף. … בין איך געווען דרייסטער.

וואָס איך האָב געזאָגט? איך האָב עפּעס אַרויסגעשטאַמלט. ער האָט אויף מיר נישט געקוקט. אָנגעשפּאַרט אויפן פּאַרענטש, האָט ער זיינע אויגן געלאָזט בלאָנדזשען אין דער ווייטקייט און געשמייכלט.

פּלוצלינג, ווען כ׳האָב מיך שטאַרק פאַרפּלאָנטערט אין מיינע דערקלערונגען, האָט ער מיך אָפּגעמאָסטן מיט אַ קאַלטן בליק און געזאָגט;

— איך דאַנק אייך, חבר, פאַר אייער טרחה. זי איז לגמרי געווען אומזיסט. איך בין זייער מיד און האָב נישט געקלערט אָפּצושטייגן. ס׳פרייט מיך, וואָס איך האָב געהאַט די געלעגנהייט צו באַקענען זיך מיט אייך, נישט האָבנדיק די מעגלעכקייט צו געניסן אייער גאַסט־פריינטשאַפט, וועט איר אפשר מיר טון די געפעליקייט צו זיין מיין גאַסט, ביז דאָס שיפל וועט זיך אומקערן צום ברעג?

מיר האָבן זיך אומגעקערט אין רויך־צימער. ער האָט מיט אייגענע הענט צוגעגרייט פאַר מיר א משקה. מיר האָבן אַביסל געשמועסט. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז מיר האָבן בשותּפותדיקע פריינט.

איך וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן זיין געזיכט, זיין אירא־נישן בליק, זיין טרויעריקע און זאַנפטע שטימע.

הער פּאָלקאָווניק, חברים, איך ווייס נישט, וואָס מען דערציילט אין מיליטערישן געאָגראַפישן דעפּאַרטאַמענט אָדער אויפן פּאָסטן אין סודאַן... אָבער דאָ מוז זיין אַ שרעקלעכע מיספאַרשטענדעניש. אַזאַ מענטש זאָל פעיק זיין אויף אַ שרעקלעכן פאַרברעכן! גלייבט מיר, אַז דאָס איז אוממעגלעך.

— דאָס איז אַלץ, הער פּאָרוטשניק, — האָט שאַטעלען צוגעגעבן נאָך אַ קורץ שווייגן — איך האָב קיינמאָל נישט בייגעוווינט אַ טרויעריקער מאָלצייט, ווי דאַמאָלס. די אָפיצירן האָבן גע־

געסן אינדערגיך, אָן אַ וואָרט צו רעדן. אין זאַל האָט געהערשט אַ שײַערע שטימונג, וועלכע קיינער האָט נישט געפּרוווט אויפצוהייטערן. די בליקן זענען געווען געווענדט צום ים, ווו אויף אַ מרחק פון אַ ים־מײַל האָט די „וויל־דע־נאַפּל" זיך געשאָקלט אויף די כוואַליעס.

זי איז נאָך געשטאַנען אין פּאָרט אָוונט־צײַט, ווען מען האָט זיך אויפגעקליבן צום מיטאָג. ערשט ווען אַ פײַף פון דער סירענע, באַגלייט פונם גערויש פון די רויך־קאַנאַלן, וואָס האָבן געזעצט פונם שיף־קוימען, האָבן אָנגעזאָגט וועגן אָפּפאָר פון דער שיף קיין גאַבעס, האָבן די אָפיצירן ווידער גענומען שמועסן צווישן זיך, אָבער דאָך נישט אין אַזאַ פרײַלעכן טאָן ווי געוויינטלעך.

פון דאַמאָלס אָן, ה' פּאָרוטשניק, האָט מען אין אָפיצירן־קלוב אין ספּאַקס אויסגעמיטן ווי אַ פּעסט, יעדער טעמע, וואָס וואָלט געקענט אַרויספירן דאָס געשפּרעך אויף דער פּערזאָן פון קאַפּיטאַן סענט־אַווי.

שאַטעלען האָט גערעדט מיט אַ פאַרשטיקטער שטימע, און קיין לעבעדיקער נפש אין אַוויס האָט נישט געהערט זײַן מעשה.

עס איז שוין געווען אַ שעה זייט עס האָט אָפּגעהילכט אונדזער לעצטער ביקסן־שאָס. די דרייסטער געוואָרענע טורקלטויבן האָבן ווידער זיך אויפגעקליבן אַרום וואַסער, און שאָטן פון די פּאַלמען זענען אַרומגעפלויגן גרויסע געהיימנישפולע פייגל. אַ קיל ווינטל האָט געוויגט די טרויעריקע פּאַלמען.

מיר האָבן אַראָפּגענומען די קאַסקעס, כדי דאָס לייכטע ווינטל זאָל אָפּפרישן אונדזערע שלייפן.

— שאַטעלען, — האָב איך געזאָגט, — צײַט אומצוקערן זיך אין „באָרדוש".

מיר האָבן פּאַמעלעך אויפגעהויבן די געשאָסענע טורקלטויבן.

איך האָב געשפּירט אויף מיר דעם בליק פֿון אונטער־אָפּיציר, און אין דעם בליק — ווי אַ פֿאָרוווּרף, ווי אַ באַדויערן, וואָס ער האָט דערציילט. אָבער אויפֿן גאַנצן וועג האָב איך נישט געפֿונען אין מיר קיין כּוח איבערצורייסן כאָטש מיט איין וואָרט אונדזער אומאָנגענעם שווייגן.

עס איז שוין געווען נאַכט, ווען מיר זענען אָנגעקומען. מען האָט נאָך געזען די פֿלאַטערנדיקע פֿאָן איבער דער געביידע פֿון פּאָסטן, אָבער די קאָלירן האָט מען שוין נישט געקענט דערקענען.

די זון איז פֿאַרהוילן געוואָרן הינטער די זאַמדן, איבערלאָזנדיק אויפֿן מעריבדיקן הימל־זוים טונקל־בלויע פּאַסן.

ווען מיר זענען אַריבערגעטרעטן דעם טויער פֿון פֿאָרט, האָט שאַטעלען מיך פֿאַרלאָזט.

— איך גיי אין די שטאַלן — האָט ער געזאָגט.

געבליבן אַליין, בין איך צוגעגאַנגען ביז יענעם טייל פֿון פֿאָרט, וווּ עס געפֿינען זיך די וווינונגען פֿון די אייראָפּעער און דער אַמוניציע־מאַגאַזין.

עס איז מיר געווען מאָדנע־אומעטיק אויפֿן האַרץ.

איך האָב געטראַכט וועגן מיינע חברים־אָפּיצירן, וואָס שטייען אין פֿראַנקרייך. אָט אין דער צייט קלייבן זיי זיך אַהיים, בכדי זיך איבערצוטון אין אָוונט־מונדיר מיט די בלישטשנדיקע עפּאַ־לעטן.

— באַלד מאָרגן וועל איך אָנגעבן אַ ביטע וועגן איבערטראָגן אויף אַן אַנדער אָרט, — האָב איך געטראַכט בײַ זיך.

אויף די טרעפּ איז שוין געווען פֿינסטער, נאָר פֿון דער קאַנצעלאַריע האָט אַרויסגעלויכטן אַ בלאַס פֿייער. איך בין אַן אַריינגעגאַנגען.

בײַ מײַן ביוראָ איז געזעסן אַ מענטש אַריבערגעבויגן איבער

בער די פּאַפּירן. ער איז געווען אומגעקערט מיטן רוקן צו מי
און נישט געהערט, ווי איך בין אַריין.

— שטערט אייך נישט, גורי, זייט ווי באַ זיך אינדערהיי
דער מאַן איז אויפגעשטאַנען. ער איז געווען גענוג הוי
שלאַנק און בלאַס.

— פּאַרוטשניק פעריער, נישט אמת?

ער האָט געמאַכט אַ טריט פאָרויס און מיר דערלאַנגט ז
האַנט.

— קאַפּיטאַן סענט-אַווי, זייער אָנגענעם, הער קאָלעגע.

אין דעם זעלבן מאָמענט האָט זיך באַוויזן שאַטעלען או
דער שוועל פון דער קאַנצעלאַריע.

— ה' סערזשאַנט, — האָט געזאָגט טרוקן דער קאַפּיטאַן,
דאָס, וואָס איך האָב געזען ביז אַהער, ברענגט אייך קיין כב
נישט. קיין איינציקער קעמל-זאָטל איז נישט אין אָרדנונג און ז
געלעגערס זען אויס, גלייך ווי אין האָסי-איניפעל וואָלט ניש
אויפגעהערט צו רעגענען. אויסער דעם, ווו זענט איר געווען די
גאַנצן נאָכמיטאָג? פון די פיר פּראַנצויזן, וואָס געפינען זיך א
פּאָסטן, האָב איך קומענדיק געטראָפן נאָר איין זעלנער פון ז
דיסציפּלינאַר-באַטאַליאָנען, זופּנדיק פון אַ פלאַש בראָנפן. דאָס אַ
מוז אַנדערש ווערן, נישט אמת?

— הער קאַפּיטאַן — האָב איך געזאָגט מיט אַ געענדערטע
שטימע, בשעת דער פאַרגאַפטער שאַטעלען איז געשטאַנען אַן אויס
געצויגענער, ווי סטרונע, — איך מעלד אייך אונטערטעניקס, אז
דער וואַכמייסטער איז געווען מיט מיר, און איך טראָג די פאַר
אַנטוואָרטלעכקייט פאַר דעם, וואָס ער איז נישט געווען אויפן פּאָסטן;
ער איז אַ מוסטערהאַפטער אונטעראָפיציר אין אַלע פּרטים, און ווען
מען וואָלט אונדז אָנגעזאָגט וועגן אייער קומען...

— גאַנץ באַשטימט, — האָט ער געזאָגט מיט אַ קאַלט-אי

ראַנישן שמייכל. — איך מיין טאַקע נישט צו מאַכן אים פאַראַנט־וואָרטלעך פאַר די פאַרנאַכלעסיקייטן, וואָס דאַרפן געשטעלט ווערן אויף אייער חשבון. ער איז נישט מחויב צו וויסן, אַז אַן אָפיציר, וועלכער פאַרלאָזט אַזאַ פּאָסטן ווי האָסי־איני־פּעל אפילו אויף אַ פּאָר שעה, שטייט אין ריזיקע נישט צו געפינען אַ סך זאַכן בײַ זיין צוריקקומען. די רויבערס, די שאַאמבאַס, ה׳ קאָלעגע, זענען שטאַרקע בעלנים אויף שיס־געווער, און כדי אַריינצוקריגן די זעכציק ביקסן, וואָס מיר פאַרמאָגן, זענען זיי גרייט צו מאַכן אַן אָנפאַל אויפן פּאָסטן בשעת דער אָפּוועזנהייט פון אָפיציר און דאַדורך ברענגען אויף אים אַן אומגליק פון אַ קריגס־געריכט. זייט מוחל, קומט מיט מיר, קאָלעגע. אויב איר ווילט, וועלן מיר פאַרענדיקן די קליינע רעוויזיע, וואָס איך האָב געמאַכט כאַפּנדיק.

ער איז שוין אויף די טרעפּ. איך האָב מיך געאײַלט נאָך אים. שאַטעלען האָט געשלאָסן די טיר.

איך האָב געהערט, ווי ער האָט געברומט שטילערהייט:

— נו, דאָ וועט ערשט זיין לעבעדיק.

צווייטעס קאַפּיטל

קאַפּיטאַן סענט=אַווי

אין משך פון אַ פּאָר טעג האָבן מיר זיך איבערצייגט, אַז
אַטעלענס מורא בנוגע די אַמטלעכע באַציונגען מיט אונדזער ניי-
ע שעף איז געווען אומזיסט.

אַ סך מאָל האָב איך געטראַכט, אַז דורך זיין שאַרפער באַ-
געגנונג אין ערשטן טאָג האָט סענט-אַווי געוואָלט אונדז אָנשרעקן
און באַווייזן, אַז ער וועט קענען טראָגן די משא פון זיין שווע-
ריער פאַרגאַנגענהייט מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ...

צומאָרגנס נאָך זיין אָנקומען, איז ער געווען שוין גאָר אַן אַנדערער מענטש און האָט אַפילו געלויבט דעם סערזשאַנט פאַר זיינע באַמיונגען אויפצוהאַלטן אָרדנונג אין פּאָסטן און פאַר דער אויסשולונג פון די זעלנער.

צו מיר איז ער געווען גאָר פריינטלעך.

— מיר האָבן ביידע בצוזאַמען געענדיקט די שול, נישט אמת? — האָט ער געזאָגט — קענסט מיך דוצן אָן צו פרעגן אַ דערלויבעניש. דאָס איז אַן אַלטער אָנגענומענער מנהג.

דאָס איז אָבער געווען נישט מער ווי אַן אויסערלעכ-
צייכן פון קעגנזייטיקן צוטרוי און אויפמערקזאַמקייט.

וואָס קען זיין אין פלוג מער צוטריטלעך ווי די אומגע-

לעבע מדבר סאַהאַראַ, וועלכע שטייט אָפֿן פֿאַר אַלע, וואָס ווילן אַהינגיין! און דאָך וואָס קען זיין מער פֿאַרשלאָסן ווי זי?

נאָך אַ זעקס-חדשימדיקן ענגן צוזאַמענלעבן מיטן נייעם חבר, ווי ס'איז מעגלעך נאָר אין אַזאַ וויסטעניש ווי אַ דרום-[illegible]ן, דאַכט זיך מיר, אַז דאָס וווּנדערלעכסטע אין מיין נסיעה איז, וואָס איך פֿאַר מאָרגן אין די ווייטע, וויסטע מדבריות מיט אַ מענטש וואָס זיינע אמתע געדאַנקען זענען מיר אַזוי ווייניק באַקאַנט, ווי די מדבריות גופֿא, צו וועלכע ער האָט אין מיר אויפֿגעוועקט אַזאַ בענקשאַפֿט.

די ערשטע זאַך, וואָס האָט מיך געחידושט אין דאָזיקן משונהדיקן חבר, איז געווען דער באַגאַזש, וואָס איז צוגעקומען באַלד נאָך אים.

ווען ער האָט זיך פּלוצלינג באַוויזן בײַ אונדז, קומענדיק אַליין פֿון אוּאַרגלאַ, האָט ער געהאַט מיט זיך אויפֿן קעמל נישט מער ווי זיין געווער: אַ שווערד, אַ רעוואָלווער, אַ הינטן קאַראַ[illegible] און נאָך אייניק[illegible] נייטיקסטע זאַכן. די איבעריקע זאַכן זענען אָנגעקומען ערשט אין פֿופֿצן טעג אַרום, איינגעפּאַקט מיט אַ נײַ[illegible] טראַנספּאָרט לעבנסמיטל פֿאַרן פּאָסטן.

אין קאַפּיטאַנס צימער האָט מען אַרײַנגעטראָגן דרײַ גרויסע קאַסטנס. פֿון די פֿאַרשוויצטע פּנימער פֿון די טרעגערס האָב [illegible] געקענט פֿאַרשטיין די געוויכט, וואָס זיי האָבן.

אויס דעליקאַטקייט האָב איך סענט-אַווין איבערגעלאָזט אַליין אויספּאַקן און אַליין זיך געבן דורכצוזען די פּאַקס, וואָס מען האָט געבראַכט.

אין אַ ווײַלע אַרום איז סענט-אַווי אַרײַנגעקומען אין ק[illegible] צעלאַריע און אַ קוק געטאָן אויף אייניקע זשורנאַלן, וואָס איך [illegible] באַקומען.

ער האָט דורכגעבלעטערט דעם לעצטן נומער פון דער „צייטשריפט דער געזעלשאַפט פאַר ערדקונדע אין בערלין".

— די לייט אינטערעסירן זיך מיט מיין אַרבעט וועגן דער געאָלאָגיע פון אויעד-מזאַ און פון הויכן איגאַרגאַר.

— דאָס וואָלט מיר געקענט צונוץ קומען, — האָט ער אַ ברום געטון, — בלעטערנדיק ווייטער דעם זשורנאַל.

— דו קענסט עס נעמען.

— אַ דאַנק. ליידער האָב איך דיר גאָרנישט צו געבן דערפאַר, סיידן אפשר פלינזוסן. דו ווייסט געוויס אַזוי גוט ווי איך, וואָס פלינזוס דערציילט וועגן איגאַרגאַר נאָך דער רעגירונג-צייט פון מלך מובאַ. איצט, ביטע, קום, העלף מיר אויספּאַקן די קאָסטנס, וועסטו אפשר דאָרט געפינען עפּעס פּאַסיקס פאַר דיר.

איך האָב מיך נישט געלאָזט לאַנג בעטן.

מיר האָבן אָנגעהויבן אַרויסנעמען פאַרשידענע מעטעראָלאָגישע און אַסטראָנאָמישע אינסטרומענטן: טערמאָמעטערן פון באַדן, סאַלעראָן, פּאַסטרע, אַ באַראָמעטער פון פאָרטן, דראָגאָמעטערן, אַ סעקסטאַנט, אַ מיקראָסקאָפּ, אַ בוסאָל מיט אַ פאַרגרעסערונגס-גלאָז...

מיט איין וואָרט, אַלע אינסטרומענטן, וואָס לויט דיוועריע, קען מען לייכט פירן אויפן רוקן פון קעמל.

סענט-אַווי האָט מיר דערלאַנגט די אינסטרומענטן, און איך האָב זיי אויסגעשטעלט אויפן איינציקן טיש פון צימער.

— איצט — האָט ער געזאָגט — בלייבט נאָך אויסצופּאַקן די ביכער. איך וועל זיי דיר דערלאַנגען, און דו לייג זיי קופּעסווייז אין ווינקל. דאָ וועלן זיי ליגן, ביז איך וועל לאָזן מאַכן פאַכן.

צוויי שעה האָבן מיר געאַרבעט באַם אויספּאַקן די ביבליאָטעק. אָבער וואָס פאַר אַ ביבליאָטעק! אַזעלכע האָט דער דרובפּאָסטן נאָך קיינמאָל אין די אויגן נישט געזען.

די אויסגעפּאַקטע ביבליאָטעק האָט אַנטהאַלטן אַלצדינג, וואָס די אַלטע שריפטשטעלער האָבן ווען עס איז געשריבן וועגן די סאַהאַראַ-געגנטן.

העראָדאָט און פּליניוס און אויך סטראַבאָן און פּטאָלאָמעוס פּאָמפּעניוס מעלאַ און אַמיען מאַרצעלין.

אָבער אויסער די דאָזיקע נעמען, וועגן וועלכע איך האָב געהאַט אַ ביסל אַ באַגריף, זענען דאָ געווען ווערק פון קאַריפּוס, פּויל אָראָז, עראַטאָסטען, פּאָטיוס, דיאָדאָר פון סיציליע, סאָלען, דיאָן קאָסיוס, איזידאָר פון סעוויליע, מאַרטען פון טיר, עטיקוס, אַטעניי, ריצע, קאַרל מילער.

שפּעטער האָב איך געהאַט די געלעגנהייט צו באַקענען זיך מיט אייניקע פון די דערמאַנטע ווערק, אָבער אין יענעם מאָמענט האָט זייער אָנקום אין דער וווינונג פון אַ קאַוואַלעריע-קאַפּיטאַן געמאַכט אויף מיר אַ געוויסן איינדרוק.

ס'זענען נאָך געווען אַ ריי אַראַבישע, פראַנצויזישע און איטאַליענישע ווערק, אַלץ וועגן דעמזעלבן קעגנשטאַנד.

איינלייגנדיק די שטויסן ביכער לויט זייערע פאַרשידענע פאָרמאַטן, האָב איך מיר געטראַכט:

און איך האָב אַלץ געמיינט, אַז אויף זיין נסיעה מיט מאָראַנזשן, האָט סענט-אַווי דערהויפּט זיך פאַרנומען מיט נאַטור-וויסנשאַפטלעכע באַאָבאַכטונגען. אָדער איך האָב געהאַט אַ טעות, אָדער ער האָט אומגעביטן זיין ספּעציאַליטעט.

איין זאַך איז געווען קלאָר, אַז צווישן די פּעק ביכער וועל איך נישט געפינען עפּעס פּאַסיקס פאַר מיר.

מיין פּנים האָט קענטיק אויסגעדריקט פאַרוווּנדערונג, ווייל ער האָט מיר געזאָגט מיט אַ פאַרדעכטיקער נאָטע;

— דיך וווּנדערט אפשר דער אויסוואַל פון די ביכער?

— איך האָב נישט קיין רעכט זיך צו וווּנדערן, ווייל איך

ווייס נישט דעם צוועק, צוליב וועלכן דו האָסט זיי אויסגעקליבן, איינפאַלס קען איך זאָגן מיט באַשטימטקייט, אַז קיין איינציקער אָפיציר פון די אַראַבישע פּאָסטנס האָט נאָכנישט פאַרמאָגט קיין ביבליאָטעק, ווו די הומאַניטאַרע וויסנשאַפטן זאָלן פאַרנעמען אַזאַ כבודיקן פּלאַץ.

ער האָט אַ שמייכל געטון. און דעם טאָג האָבן מיר מער דערפון נישט גערעדט.

צווישן סעגט-אַוויס ביכער האָב איך באַמערקט אַ גרויס, דיק העפטל, מיט אַ שטאַרקער באַנד.

פיל מאָל האָב איך אים געטראָפן, קלויבנדיק זיך מאַכן נאָטיצן אין העפט.

ווען ער האָט געדאַרפט אַוועקגיין פון שטוב, פלעגט ער דעם העפט איינשליסן אין אַ קליין שאַפקעלע פון ווייסן האָלץ.

ווען ער האָט נישט געשריבן און נישט געדאַרפט בלייבן אין שטוב צוליב דינסט-זאַכן, פלעגט ער הייסן אָנזאָטלען דאָס קעמל, אויף וועלכן ער איז געקומען, און מיט אַ פּאָר מינוט שפּעטער האָב איך געזען פון דער טעראַסע, ווי ער ווערט פאַרשווינדן מיטן קעמל אין עק האָריזאָנט הינטער די פאַלבן פון דער רויטלעכער ערד.

די דאָזיקע עקסקורסיעס זענען געוואָרן אַלעמאָל לענגער, און פון יעדער פון זיי פלעגט ער צוריקקומען אַ שטאַרק אויפגערעגטער, דאָס האָב איך באַמערקט באַם מיטאָג, די איינציקע צייט, ווען מיר פלעגן פאַרברענגען צוזאַמען, און דאָס האָט מיך אַלעמאָל מער באַאומרויקט.

— „נישט גוט — האָב איך מיר געטראַכט איינמאָל, ווען ער איז געקומען אַ מער אויפגערעגטער, ווי געוויינטלעך, — עס איז נישט אָנגענעם צו שווימען אויף אַן אונטערוואַסער-שיפל, וואָס זיין קאָמענדאַנט קוויקט זיך מיט אָפּיום“.

— איך בין געווען בייגעריק צו וויסן, וואָס פאַר אַ נאַרקאָטיק סענט-אַווי געברויכט.

צומאָרגנס האָב איך אויף גיך דורכגעבישטערט די שיפּלאָדן פון מיין חבר. די דאָזיקע רעוויזיע, וועלכע איך האָב געהאַלטן פאַר מיין חוב צו מאַכן, האָט מיך אַ ביסל באַרויקט.

„צי טראָגט ער נישט אַמאָל מיט זיך די רערלעך מיט אָפּיום און די שפּריצקע,״ — האָב איך געקלערט בא זיך.

איך האָב דאַמאָלס געמיינט, אַז זיין אויפגערעגטקייט קומט פון קינסטלעכע אויפרייצונגס-מיטלען.

אַ גענויע באַאָבאַכטונג האָט מיך אַרויסגעפירט פון טעות. איך האָב נישט באַמערקט קיין שום פאַרדעכטיקס. סענט-אַווי האָט נישט געטרונקען און זייער ווייניק גערייכערט

און דאָך איז נישט געווען קיין ספק, אַז זיין אויפרעגונג, וואָס האָט מיך אַזוי באַאומרויקט, וואַקסט אַלעמאָל מער.

פון זיינע עקסקורסיעס פלעגט ער צוריקקומען מיט אַלעמאָל מער פינקלדיקע אויגן; ער איז געוואָרן אַלעמאָל בלאַסער, עקס-פּאַנסיווער און אויפגערייצטער.

איינמאָל אין אָוונט האָט ער פאַרלאָזט דעם פּאָסטן אַרום זעקס אַ זייגער, ווען די שטאַרקע היץ איז שוין געווען געפאַלן.

מיר האָבן געוואַרט אויף אים אַ גאַנצע נאַכט. מיין אומרו-קייט איז געווען גרעסער נאָך צוליב דעם, ווייל די לעצטע צייט האָבן מיר געהערט פון די קאַראַוואַנען, אַז אַרום פּאָסטן דרייען זיך באַנדעס רויבערס.

עס האָט שוין געטאָגט, און ער איז נאָך אַלץ נישט געווען. צוריקגעקומען איז ער ערשט האַלבן טאָג. זיין קעמל האָט נישט אַנידערגעקניט, נאָר געפאַלן אויף דער ערד פאַר מידקייט.

זיין ערשטער בליק איז געפאַלן אויף דער קליינער אָפּניי-רונג, וואָס איך האָב געהאַט צונויפגעשטעלט צו גיין אים זוכן און,

וועלכע האָט זיך אויפגעקליבן אויפן הויף צווישן די באַסטיאָנען.

ער האָט פאַרשטאַנען, אַז ער מוז זיך פאַרענטפערן, ער האָט אָבער געוואַרט, ביז מיר זענען געווען אַליין צו פרישטיק.

— ס'טוט מיר לייד, וואָס איר האָט אייך באַאומרויִקט וועגן מיר. אָבער די זאַמד-בערגלעך אונטער דער לבנה-ליכט זענען געווען אַזוי שיין!... בין איך פאַרגאַנגען צו ווייט...

— איך האָב נישט קיין רעכט צו מאַכן דיר פאָרווורפן, דו ביסט דאָ דער עלטסטער און ביסט פריי צו טון, וואָס דו ווילסט. דערלויב אָבער מיר צו דערמאָנען דיינע אייגענע ווערטער וועגן די שאַמבאַ-רייטערס און וועגן די צרות, וואָס אַ קאָמענדאַנט פון זי קען האָבן, ווען ער גייט אַוועק אויף צו לאַנג.

ער האָט געטון אַ שמייכל.

— איך האָב ליב, ווען מען האָט אַ גוטן זכרון — האָט ער געענטפערט איינפאַך.

ער איז געווען אין אַ גוטער, אין אַ זייער גוטער שטימונג.

— זיי נישט בייז, איך בין אַרויסגעפאָרן, אַזוי ווי אַלעמאָל אויף אַ קורצן שפּאַציר. שפּעטער האָט זיך באַוויזן די לבנה, האָב איך דערקענט די געגנט. אין נאָוועמבער ווערט דריי און צוואַנציק יאָר זינט פלאַטערס איז אַרויסגעטרעטן פונדאַנען, נאָכפאָלגנדיק זיין גורל מיט אַ תאווה, וואָס די זיכערקייט, אַז ער וועט שוין נישט צוריקקומען אַ לעבעדיקער, האָט געמאַכט נאָך שטאַרקער און ברענענדיקער.

— אַ מאָדנער חשק פאַר אַן אָנפירער פון אַן עקספּעדיציע, — האָב איך געזאָגט שטיל.

— רעד נישט קיין שלעכטס וועגן פלאַטערסן, קיינער האָט נישט געליבט אַזוי די מדבר ווי ער... אַ ליבע שטאַרק ווי דער טויט...

— פּלאַט און דולס האָבן זי אויך געליבט, — האָב איך אָפּגעענטפערט, — אָבער זיי זענען געפאָרן אַליין און האָבן געמעגט ריזיקירן מיט זייער אייגן לעבן. פּלאַטערס האָט אָבער געהאַט אונטער זיך זעכציק נפשות און מען מוז זאָגן דעם אמת, אַז ער האָט די גאַנצע מיסיע געפירט צו דער שחיטה.

קוים האָב איך אַרויסגעזאָגט דעם לעצטן זאַץ, האָב איך שוין חרטה געהאַט.

איך האָב מיך דערמאָנט אָן שאַטעלעטס דערציילונג, אָן אָפּיצירן-קלוב אין ספּאַקס, ווי מען האָט אויסגעמיטן ווי אַ פּעסט יעדער געשפּרעך, וואָס האָט געקענט אויפֿפירן אויף דער מיסיע מאַראַנזש—סענט-אַווי.

צום גליק, האָב איך געזען, אַז מײַן חבר הערט מיך גאָרנישט.

זײַנע אויגן האָבן אַרומגעבלאָנדזשעט ערגעץ ווײַט.

— ווו האָסטו צערשט געדינט! — האָט ער פּלוצלינג געפרעגט.

— אין אָסאָן.

— ער האָט זיך צעלאַכט:

— אָסאָן, אַ פּראָווינציעלער ים-ברעג, דעפּאַרטאַמענט דיזשאָן, זעקס טויזנט אײַנוווינער, אייזנבאַן פּ.—ל.—מ., אַ מיליטער-שול, די פרוי פֿון עסקאַדראָן-קאָמאַנדיר נעמט אויף יעדן שבת, דעם ערשטן זונטיק אין מאָנאַט איז דערלויבט צו פֿאַרברענגען אין פּאַריז און די איבעריקע דרײַ זונטיקן אין דיזשאָן: אָט דאָס דערקלערט מיר דײַן אורטייל וועגן פּלאַטערסן.

— וואָס איז שייך מיר, איז מײַן ערשטע דינסט געווען אין באָגאַר. דאָרט האָב איך אויסגעשטייגט אין אַן אָקטאָבער-פֿרימאָרגן אַלס פּאָדפּאָרוטשניק פֿון ערשטן אַפֿריקאַנישן באַטאַליאָן מיט אַ ווײַסן טרעסט אויפֿן שוואַרצן מאַנקעט...

באַגאַר!... מיט צוויי טעג פריִער האָב איך פון שיף־דעק אַרויסגעזען די ברעגעס פון אַפריקאַנישן קאָנטינענט.

די אַלע, וועלכע, דערזעענדיק צום ערשטן מאָל די בלאַסע קאָנטורן פון זיינע פעלזן, ווילן גאָרנישט וויסן, אַז דער דאָזיקער קאָנטינענט ציט זיך אויף טויזנטער מיילן ווייט, זיי זעען ווערט, מען זאָל זיי באַדויערן...

איך בין נאָך געווען כמעט אַ קינד, כ'האָב פאַרמאָגט אַ ביסל געלט, געווען אַ חשוב באַ די עלטסטע און האָב געקענט פאַרברענגען דריי־פיר טעג אין אַלזשיר און זיך גוט ווילן. אָבער דעמ־ ־לבן אָוונט בין איך איינגעזעסן אין צוג קיין בערואַגיאַ.

דאָ, אויף הונדערט מייל פון אַלזשיר, ענדיקט זיך די אייזנבאַן.

אַ נייע באַן אין אַ גלייכער ריכטונג הייבט זיך אָן ערשט אין קאַפּ. די פערד־פּאָסט פאָרט צוליב די היצן באַנאַכט. לעבן ים־ברעג פלעג איך אויסשטייגן און גיין צופוס באַם וואַגאָן, אַריינציענדיק אין זיך דעם ריח פון ווייטן מדבר.

אַרום האַלבע נאַכט האָט מען גערוט אין זוואַון־פעלד, אַ קליינער פּאָסטן, וואָס באַהערשט אַן אויסגעטריקנטן טאָל, פונוואַנען עס טראָגן זיך פאַרשיכורנדיקע ריחות פון אָלעאַנדערן.

דאָ איז געווען אַן אָפּשטעלונג קאָטאַרזשניקעס, וועלכע מען האָט געפירט אונטער אַ וואַך אין די דרומדיקע שטיינגרובן.

דאָס זענען געווען אַלטע אַרעסטאַנטן פון אַלזשיר און דיזראַ, אַ טייל אין זעלנערישע און אַ טייל אין ציווילע קליידער.

זיי האָבן זיך געלאָזט אין וועג פאַר אונדז. שפּעטער האָט דער דיליזשאַנס זיי אָנגעיאָגט.

אין ליכט פון דער לבנה האָב איך געזען פינווייטנס אויפן געלן, זאַמדיקן וועג אַ שוואַרצע, געדיכטע מאַסע, אַרומגערינגלט פון

באַזונדערע זילבער, דערנאָך האָב איך דערהערט פאַרדומפּענע קולות. די אַרעסטאַנטן האָבן גערעדט.

איינער האָט מיט אַ טרויעריקער באַס־שטימע גענאָגט דעם קאַפּלעט און די איבעריקע האָבן אונטערגעכאַפּט אין אַ כאָר דעם רעפריין.

ווען דער דיליזשאַנס האָט זיי איבערגעיאָגט, האָב איך מיך גאַנץ צוגעקוקט צו זיי.

זיי זענען געווען שרעקלעך: די פּנימער בלייך און אָפּגע־גאָלט, די אויגן האָבן געגלאַנצט מיט אַ בייז פייער, דער הייסער שטויב האָט פאַרשטיקט אין זייערע העלדזער די הייזעריקע שטי־מען.

אַ יאושדיקער טרויער האָט מיך אַרומגעכאַפּט.

איך בין געקומען צו זיך, ווען דער דיליזשאַנס איז שוין געווען אַ שטיק וועגס פון זיי.

ווייטער, ווייטער אויף דרום־זייט! — האָב איך געשריגן — דאָרט ווו עס דערגרייכט נישט דער שרעקלעכער זומפּ פון דער ציוויליזאַציע.

יעדעסמאָל, ווען ס'באַפאַלט מיך אַ מינוט פון ספקות און עס פאַרגליסט זיך מיר אומצוקערן זיך, דערמאָן איך מיך אָן די קאַ־טאָרזשניקעס פון בעסאַראַביאַ, און איך ריר מיך ווייטער אין וועג.

און ווי גרויס איז מיין צופרידנקייט, בשעת איך געפין מיך אין איינעם פון יענע ערטער, ווו די חיות שרעקן זיך נישט, ווייל זיי האָבן נאָך קיינמאָל קיין מענטש נישט געזען, ווו די מדבר ציט זיך אָן אָן עק, אָן אַ סוף, אַזוי ווי די אַלטע וועלט וואָלט גע־געמעגט אונטערגיין, און קיין איינציק זאַמד־מעלבעלע, קיין איינציק וואָלקנדל אין ווייסן הימל וואָלט מיר דערפון נישט אָנגעזאָגט.

— אויך איך — האָב איך אונטערגעברומט — האָב געזאָגט אַמאָל דאָסזעלבע געפיל אינמיטן דער מדבר אין טידי־קעלט.

ביז אָט דעם מאָמענט האָב איך נישט איבערגעהאַקט זײַנע ענטוזיאַסטישע רייד. ערשט צו שפּעט האָב איך פאַרשטאַנען דעם פעלער, וואָס איך האָב געטון, אַרײַנוואַרפנדיק דאָס דאָזיקע אומגליקלעכע וואָרט.

ער האָט ווידער אָנגעהויבן לאַכן מיט זײַן בייזן, נערוועזן געלעכטער.

— אין טידי-קעלט? אַזוי? איך בעט דיך, מײַן טײַערער, אויב דו ווילסט דיך נישט מאַכן לעכערלעך, זאָלסטו אויסמײַדן אַזעלכע דערינערונגען.

דו דערמאַנסט מיך אָן פראַגמענטן, אָדער אָן אומגליקלעכע מאַפּאַסאַן, וועלכער האָט גערעדט אָן אויפהער וועגן דער מדבר, ווײַל ער איז דערגאַנגען ביז דזשעלפאַ, צוויי טעג וועגס פון דער גאַס באַב-אַזון און פון רעגירונגס-פּלאַץ, און פיר טעג וועגס פון אָפּערע-פּלאַץ, — און וועלכער דערזעענדיק אַ קעמל אַ פגירה לעבן בי-סאַאַדאַ, האָט געמיינט, אַז ער געפינט זיך טיף אין סאַהאַראַ, אויפן אַלטן קאַראַוואַנען-טראַקט.

טידי-קעלט — און די מדבר!

— מיר דאַכט זיך, אַז אין סאַלאַ... — האָב איך געזאָגט אַ ביסל אָן אויפגערייצטער.

— אין סאַלאַ! טידי-קעלט! אָבער, מײַן ליבער פרעגט דאָס לעצטע מאָל, ווען איך האָב דאָ שפּאַצירט, איז דאָ געווען אָנגעוואָרפן אַזוי פיל אַלטע בלעטער און ליידיקע סאַרדינען-שאַכטלען, ווי אַ זונטיק אין ווינסן-וועלדל אין פּאַריז.

זײַן בולטער פאַרלאַנג מיר אַ שטאָך צו טון, האָט מיך אַרויסגעבראַכט פון גלײַכגעוויכט.

— געוויס, — האָב איך אָפּגעענטפערט גאַליק. — איך בין טאַקע נישט געגאַנגען ביז...

איך האָב מיך אָפּגעשטעלט, אָבער עס איז שוין געווען צו שפּעט.

ער האָט מיר געקוקט גלייך אין פּנים.

— ביז וואַנען ? — האָט ער איבערגעפרעגט מילד.

איך האָב נישט געענטפערט.

— ביז וואַנען ? — האָט ער איבערגעפרעגט.

— ביז אונד-טאַריט, נישט אמת ? — האָט ער געזאָגט פאַר מיר, ווייל איך בין ווייטער געבליבן שטיל.

דער מזרח-ברעג פון אונד-טאַריט, אויף הונדערט צוואַנציק קילאָמעטער פון טימיסאָאַ, אונטער אַ 23º פון דער צפון-ברייט, איז לויטן אָפיציעלן באַריכט געווען דאָס אָרט, וווּ מען האָט באַגראָבן דעם קאַפּיטאַן מאַראַנזש.

— איך שווער דיר, אַנדרעו ! — האָב איך אויסגערופן פאַרלוירן.

— וואָס שווערסטו מיר ?

— אַז איך האָב נישט געהאַט די מינדסטע כּוונה...

— צו רעדן וועגן אונד-טאַריט ? פאַרוואָס ? פאַרוואָס זאָל מען נישט טאָרן רעדן אין מיין קעגנוואַרט וועגן אונד-טאַריט ?

איך האָב געוואָרפן אויף אים אַ בליק פול מיט געבעט. ער האָט אַ הייב געטון מיט די פּלייצעס און געזאָגט איינפאַך :

— אידיאָט.

און ער האָט פאַרלאָזן דאָס צימער, איידער איך האָב באַוויזן עפּעס צו ענטפערן.

מיין דערשלאָגנקייט האָט נישט געשטילט זיין כּעס. איך האָב מיך איבערצייגט אין דעם צומאָרגנס, אין דעם אָרט, ווי אַזוי ער האָט אויסגעגאָסן זיין כּעס, עס איז געווען גאָרנישט געשמאַק.

איך בין נאָר וואָס אויפגעשטאַנען פון בעט, ווי ער איז אריין צו מיר אין צימער.

— צי קענסטו מיר נישט דערקלערן, וואָס דאָס באַדייט? — האָט ער געפֿרעגט.

ער האָט געהאַלטן אין דער האַנט אַן אַדמיניסטראַציע־רע־גיסטער.

אין די מאָמענטן, ווען ער איז געווען נערוועז־אויפֿגערייצט, פֿלעגט ער זוכן אין די רעגיסטערן, טאָמער וועט ער דאָ געפֿינען עפּעס אַן אויסרייד אויסצוגיסן זיין כּעס.

דאָסמאָל האָט אים דער צופֿאַל צוגעהאָלפֿן.

ער האָט געעפֿנט דעם רעגיסטער, און איך בין שטאַרק רויט געוואָרן, דערזעענדיק דאָ אַ שוואַכע קאָפּיע פֿון אַ פֿאָטאָגראַפֿיע, וואָס איז מיר געווען גוט באַקאַנט.

— וואָס איז דאָס? — האָט ער איבערגעחזרט מיט אַ טאָן פֿון פֿאַראַכטונג.

ער האָט געקענט די פֿאָטאָגראַפֿיע פֿון פּרל. ס., וועלכע ער פֿלעגט זעסטמאָל באַטראַכטן אין מיין צימער און ס'איז געווען קלאָר, אַז ער זוכט זיך עפּעס אַ זאַטשעפּקע.

איך האָב מיך איינגעהאַלטן און באַהאַלטן די אומגליקלעכע קאָפּיע אין מיין שופֿלאָד.

מיין איינגעהאַלטנקייט איז אים קענטיק נישט געפֿעלן.

— פֿון היינט און ווייטער — האָט ער געזאָגט — בעט איך דיך, גיב אַכטונג, אַז דיינע ליבעס־אָנדענקען זאָלן זיך נישט אַרומוואַלגערן צווישן די אַמטלעכע פּאַפּירן.

— מען דאַרף גורין נישט ליפֿערן קיין אויפֿרייצונגס־מיטלען, — האָט ער צוגעוואָרפֿן מיט אַ חוצפּהדיקן שמייכל.

— אַנדרע, — האָב איך געזאָגט אַ בלאַסער — איך פֿאַרזאָג ...

ער האָט זיך שטאָלץ אויסגעגלייכט אין זיין גאַנצער הויך.

— וואָס איז אַזוינס? איך האָב דאָך דיר דערלויבט צו רעדן

פון אויעד-טאַריט. נישט אמת? — האָב איך, דאַכט זיך, דאָס רעכט...

— אַנדרע!

ער האָט אַצינד געוואָרפן אַ כיטרן בליק אויף דער וואַנט, ווו ס'איז געהאָנגען דער פּאָרטרעט. וואָס איך האָב נאָר וואָס באַהאַלטן די קאָפּיע דערפון.

— אָט די... אָט די... זיי נישט בייז, איך בעט דיך, אָבער צווישן אונדז גערעדט, זיי מודה, אַז זי איז אַ ביסל צו מאָגער.

און איידער איך האָב באַוויזן אים צו ענטפערן, האָט ער זיך אַרויסגעדרייט, אונטערברומענדיק אַ זמרל.

דריי טעג דורכאַנאַנד האָבן מיר נישט גערעדט צווישן זיך.

איך בין געווען פּשוט אין פאַרצווייפלונג. צי בין איך שולדיק, אַז פון צוויי פראַגן קלינגט איינע ווי אַן אָנצוהערעניש...

— „אַזאַ לאַגע, — האָב איך מיר געטראַכט, — איז נישט אויסצוהאַלטן, און טאָר לענגער נישט דויערן.“

אינגיכן איז טאַקע פאָרגעקומען אַן ענדערונג.

אַ וואָך נאָך דער סצענע מיט דער פּאָטאָגראַפיע איז אָנגעקומען די פּאָסט.

קוים האָב איך געוואָרפן אַ בליק אויף דעם אינהאַלטס-פאַרצייכעניש פון דער „צייט-שריפט“ דעם דייטשן זשורנאַל, וועגן וועלכן איך האָב שוין פריער דערמאָנט, בין איך אַזש אויפגעשפּרונגען פון פאַרוואונדערונג:

— „רייזע-ענטדעקונגען צווייער פראַנצויזישער אָפיצירע, ריטמייסטער מאָראַנזש און אָבערלייטענאַנט דע סענט-אַווי, אים וועסטליכן סאַהאַראַ,“ — אָט וואָס איך האָב דאָ איבערגעלייענט.

אין דעמזעלבן מאָמענט האָב איך דערהערט די שטימע פון מיין חבר.

— איז פאַראַן עפּעס אינטערעסאַנטס אין דעם נומער?

— ניין, — האָב איך געזאָגט נאָכלעסיק.

— חייז.

איך האָב אים געגעבן, וואָס האָב איך געקענט מאַכן אַנדערש ס'האָט זיך מיר געדאַכט, אַז ער איז בלאַס געוואָרן, דורכ לויפנדיק דעם אינהאַלטס-פאַרצייכעניש, און דאָך האָט ער געזאָ... ‏ציט אַ גאַנץ רויִקן טאָן:

— דו וועסט מיר אים באָרגן, נישט אמת?

און ער איז אַרויס, צוואַרפנדיק מיר אַן אַרויספאָדערנדיק בליק.

דער טאָג האָט זיך געצויגן לאַנג אָן אַ סוף.

איך האָב אים געזען ערשט אָוונט.

ער איז געווען פריילעך, שוין צו פריילעך, אַ פריילעכק... וואָס איז מיר נישט געפעלן.

נאָך מיטאָג זענען מיר אַרויס אויף דער טעראַסע, פונדאַ... האָט מען געקענט אַרומכאַפּן מיטן בליק די מדבר, וועלכע איז מזרח-זייט שוין געווען פאַרזונקען אין פינסטערניש.

אַנדרע האָט איבערגעריסן די שטילקייט.

— איך האָב דיר אָפּגעגעבן דעם זשורנאַל, דו ביסט גע... רעכט, ס'איז נישטאָ קיין אינטערעסאַנטע זאַך.

ער האָט אויסגעזען זייער אַ פריילעכער.

— וואָס איז דיר, וואָס?

— גאָרנישט, — האָב איך געענטפער מיט אַ פאַרשטיקטער שטימע.

— גאָרנישט? צי ווילסטו, איך זאָל דיר זאָגן, וואָס דיר איז?

איך האָב געקוקט אויף אים מיט געבעט.

ער האָט אַ הייב געטאָן מיט די פּלייצעס, און, דאַכט זיך נאָכאַמאָל געלאָזט פאַלן דאָס וואָרט: „אידיאָט“.

די נאַכט איז גיך צוגעפאַלן, בלויז דאָס דרומדיקע בערגל פון אועד-מיאַ איז נאָך געווען באַגאָסן מיט ליכט.

אַ שאַקאַל האָט געוויינט מיט אַ קלאָגנדיקער שטימע.

— דער „דיב" וויינט אָן אַ סיבה, אַ שלעכטער סימן, — האָט געזאָגט סענט-אַווי.

— ווילסטו טאַקע מיט מיר נישט רעדן? — האָט ער ווידער אָנגעהויבן.

איך האָב מיר אָנגעטון אַ כוח אַרויסצוזאָגן די פּאָר ווערטער:

— וואָס פאַר אַ שרעקלעכער טאָג! וואָס פאַר אַ דושנע נאַכט! עס גייען פשוט אויס די כוחות...

— יאָ, יאָ, — האָט געזאָגט מיט אַ מאָדנער געביטערישער שטימע קאַפּיטאַן סענט-אַווי — אַ נאַכט אַ דושנע, אַזוי דושנע, ווי יענע, ווען איך האָב דערמאָרדעט דעם קאַפּיטאַן מאָראַנזש.

דריטעס קאַפּיטל

די עקספּעדיציע מאַראַנזש — סענט=אווי

— איך האָב דערמאָרדעט קאַפּיטאַן מאַראַנזש — האָט מיר איבערגעחזרט צומאָרגנס אַנדרע דע סענט-אווי מיט אַ רויִקייט, וואָס איז געווען פּונקט דער היפּך פון דער שרעקלעכער, אומרויִקער נאַכט, וואָס איך האָב אָקאָרשט פאַרברענגט. — למאי האָב איך דיר דאָס דערציילט, ווייס איך נישט. אפשר האָט מיך די מורא דער-צו געשטויסן.

צי ביסטו דער מענטש, וואָס קען מיטטראָגן די משא פון דער דאָזיקער הודאה, און דערנאָך אין נייטיקן פאַל, נעמען אויף זיך די קאָנסעקווענצן? דאָס ווייס איך אויך נישט. די צוקונפט וועט עס דאַן ווייזן. באַם איצטיקן מאָמענט, זאָג איך באַכאַמאָל, איז בלויז אַ פאַקט, אַז איך האָב דערמאָרדעט קאַפּיטאַן מאַראַנזש

איך האָב אים דערמאָרדעט, און אויב דו מיינסט, אַז איך וועל מיר ברעכן דעם קאָפּ אויסצוקלערן אַ ראָמאַן, אָדער כ'וועל אָנהייבן די מעשה אויפן נאַטוראַליסטישן שטייגער דערפון, פון וואָס פאַר אַ שטאָף ס'זענען געמאַכט געוואָרן מיינע ערשטע פאַר הויזן, אָדער גאָר, ווי די נעאָ-קאַטאָליקן ווילן האָבן, צי אַלס קינד האָב איך אַ סך מאָל מיך מתוודה געווען פאַר אַ גלח און וואָס פאַר אַן איינדרוק דאָס האָט אויף מיר געמאַכט, — אויב דו מיינסט

אַזוי, האָסטו אַ גרויסן טעות! צו אַזעלכע מעשיות האָב איך גישט קיין שום חשק.

דו מוזסט דיך באַגנוגענען דערמיט, וואָס איך וועל אָנהייבן פון דער צייט, ווען איך האָב מיך באַקאַנט מיט מאָראַנושן.

קודם מוז איך באַמערקן, אַז איך באַדויער נישט, וואָס איך האָב מיך מיט אים באַקאַנט, הגם די דאָזיקע באַקאַנטשאַפט האָט מיך געקאָסט מיין רו און מיין גוטן נאָמען, בכלל, אָפּגערעדט פון דער חברשאַפט-פראַגע. האָב איך מיט דעם דאָזיקן מאָרד געגעבן אַ באַוויין פון שוואַרצער אומדאַנקבאַרקייט, ווייל אים אַליין, זיינע אַרכעאָלאָגישע קענטעניש, האָב איך צו פאַרדאַנקען די איינציקע זאַך, וואָס האָט מיין לעבן געמאַכט אינטערעסאַנטער, ווי דאָס גרויע לעבן פון אַנדערע אָפיצירן, וועלכע לעבן, למשל, אין אָסאַן אָדער אַנדערשוו.

נאָך אָט דער הקדמה גיי איך איבער צו דער מעשה גופא:

דאָס ערשטע מאָל האָב איך געהערט מאָראַנושס נאָמען אין אַראַבישן ביוראָ אואַרגלאַ, ווו איך האָב געדינט אַלס פּאָרוטשיק, און מוז צוגעבן, אַז דאָס האָט מיך דאַמאָלס אַריינגעבראַכט אין אַ שלעכטער שטימונג.

דאָס איז געווען אַן אומרואיקע, שטורמישע צייט. דער סולטאַן פון מאַראָקאָ איז געווען אונדזער באַהאַלטענער פיינט. אין טואַט, ווו מען האָט געשמידט די מאָרד-פּלענער קעגן פלאַטערסן און דעפּרעסקאַלן, האָט זיין מאַיעסטעט געשיצט די מאַכינאַציעס פון אונדזערע פיינט.

טואַט איז געווען דער צענטר פון אַלערליי פאַרשווערונגען און פּאַראַטן און גלייכצייטיק די פּראָוויאַנטירונגס-שטעלע פון די וואַנדערנדיקע באַנדעס. די גובערנאַטאָרן פון אַלזשיר, טירסאַן, קאַמפּאָן, לאַפעריער האָבן געפאָדערט, אַז מען זאָל טואַט אָקופּירן.

די קריגס-מיניסטאָרן זענען, שטילשווייגנדיק, געווען בײַ דער זעלבער מיינונג.

דער פּאַרלאַמענט אָבער האָט נישט איינגעשטימט מיט זיי איבער ענגלאַנד, דייטשלאַנד, און דערהויפּט איבער אַ געוויסער „דעקלאַראַציע פון די רעכט פון מענטשן און בירגער", וועלכע האָט געהאַלטן מיט דער דעה, אַז רעוואָלוציע איז דער הייליקסטער חוב פון מענטשן, אויך אין פאַל, ווען די רעוואָלוציע-מאַכער זענען ווילדע מענטשן, וואָס נעמען און האַקן פשוט אָפּ דעם קאָפּ.

בקיצור, די מיליטער-מאַכט האָט זיך געמוזט באַגנוגענען דערמיט, וואָס זי האָט אין געהיים פאַרגרעסערט די גאַרניזאָנען אין דרום אין געשאַפן נייע פּאָסטנס אין בערעסאָף, האָסי-עלמ..., פאָרט מאַק-מאַאָן, פאָרט לאַלעמאַנד, פאָרט מיריבל... אָבער, ווי האָט געזאָגט אַמאָל קאַסטרי: „וואַנדערנדיקע שבטים האַלט מען נישט אײַן דורך וואַך-פּאָסטנס, נאָר דורך דעם מאָגן", און דער מאָגן איז טאַקע געווען דער אָאַזיס טואַט.

מען האָט דעריבער געמוזט איבערצייגן די הערן אַדוואָקאַטן פון פּאַריז אין דער נויטווענדיקייט צו פאַרנעמען דעם אָאַזיס טואַט.

דאָס בעסטע וואָלט געווען פאָרצושטעלן זיי אַ געטרײַ בילד פון די אינטריגעס, וואָס ווערן דאָ קעגן אונדז געשמידט.

די הויפּט-אָנפירער פון די אינטריגעס זענען געווען, און זענען נאָך איצט אויך, שענוסיען, וואָס זייער גייסטיקער פירער איז געצוווּנגען געווען דורך אונדזער מיליטער איבערצוטראָגן זיך אויף עטלעכע מייל פון דאָרט, קיין שימעדרו און טיבעסטי.

מען האָט זיך פאַרגענומען (איך זאָג „מען" אויס באַשיידנהייט) אויסצוזוכן די שפּורן פון די דאָזיקע אַגיטאַטאָרן אויף זייערע באַליבטע וועגן: רהאַט, טעמאַסינין, דאָס פּלאַכלאַנד אידזשעמאָר און אין-סאַלאַ.

דאָס איז געווען, ווי דו זעסט, דערזעלבער וועג, ווייניקסטנס פון טעמאַסינין אָן, איבער וועלכן ס'איז געגאַנגען אין יאָר 1864 די עקספּעדיציע פון זשעראַר ראָלפס.

איך בין שוין דאַמאָלס געווען באַקאַנט אַלס אָנפירער פון צוויי עקספּעדיציעס, איינע קיין אַגאַדעס און די אַנדערע קיין בילמאַ, און איך האָב געשמט צווישן די אָפיצירן פאַר איינעם פון די בעסטע קענער פון דער סענוסיען-פראַגע. מען האָט דעריבער פאַר־לאַנגט פון מיר, אַז איך זאָל אונטערנעמען דידאָזיקע נייע עקס־פּעדיציע.

איך האָב דאַמאָלס געקלערט, אַז עס לוינט זיך פאַר איינ־וועגס צו וואַרפן אַ בליק אויף צפון-האָגאַר, כדי צו איבערצייגן זיך, צי די טואַרעגן פון אַפּיטאַריען האָבן תמיד געהאַט אַזעלכע פריינט־לעכע באַציונגען מיט די סענוסיען ווי בשעתן מאָרד פון פלאַטערס מיסיע.

מען האָט מיר געגעבען רעכט. מיין ערשטער פּראָיעקט איז געענדערט געוואָרן אויף אַזוי פיל, אַז אָנקומענדיק קיין איגעלאָשעם, וואָס ליגט אויף 600 קילאָמעטער צו דרום-זייט פון טעמאָסינין, זאָל איך פאָרן קיין טואַט נישט מיטן גלייכן וועג איבער רהאַט און אין-סאַלאַ, נאָר זיך לאָזן צווישן די פעלזן פון מוידיר און האָגאַר און דערגרייכן שיך-סאַלאַ פון דרום-מזרח. פונדאַנען האָב איך געזאָלט זיך פאַרנעמען קיין צפון-זייט אין דער ריכטונג אין-סאַלאַ מיטן וועג פון סודאַן און אַגאַדעס.

דאָס וואָלט געהייסן אָנלייגן וועג 900 קילאָמעטער אויף אַן אַלגעמיינע רייזע פון אַן ערך 700 מייל, דאָס וואָלט אָבער געגעבן די מעגלעכקייט אָפּצוהיטן ווי געהעריק די וועגן, איבער וועלכע אונדזערע פיינט, די סענוסיסן פון טיבעסטי און די טואַרעגן פון האָגאַר, גייען קיין טואַט.

איך האָב אין זין געהאַט צו אונטערזוכן אין איינוועגס דעם

געאָלאָגישן צוזאַמענשטעל פון פלאַכבאַרג אייגעריי, ווען וואָס די-ווערינע און אַנדערע שרייבן אַזוי ווייניק.

אַלץ איז געווען פאַרטיק פאַר מיין אָפרייזן קיין אוּאַרגלאַ. דאָס „אַלץ" איז אייגנטלעך געווען זייער ווייניק: דריי קעמלען און דער קעמל פון מיין באַגלייטער בו-דזשעמאַ, אַ געטרייער שאַמבאַ (וועג-ווייזער), וואָס האָט מיך באַגלייט אויף מיין נסיעה קיין אַיר און איז געווען באַ מיר מער באַדינער צום אָנזאָטלען און אויסזאָטלען די קעמלען ווי וועג-ווייזער, ווייל דער וועג אין די מקומות איז מיר געווען גוט באַקאַנט.

אַ חוץ דעם האָב איך געהאַט אַ דריטן קעמל צו טראָגן עסנ-וואַרג און קליינע לאָזגלען וואַסער, וועלכע מיר האָבן אָנגעפילט מיט פריש וואַסער יעדעס מאָל, ווען מיר זענען געקומען צו אַ ברונעם.

אויף אַזעלכע נסיעות פלעגט מען אַמאָל פאָרן מיט אַ הונ-דערט זעלנער און אַפילו מיט אַ האַרמאַט. איך האָב מיך אָבער געהאַלטן באַ דער מעטאָדע פון דוּלס און רענע קאַיע און געפאָרן אַליין.

אין דעם גליקלעכן מאָמענט, ווען באַר דינע פעדעם האָבן מיך געבונדן מיט דער ציוויליזירטער וועלט, איז אין אוּאַרגלאַ אָנגעקו-מען אַ דעפעשע פון מיניסטעריום מיט די ווערטער:

„זאָל פּאָרוטשניק סענט-אַווי זיך אויפהאַלטן מיט זיין נסיעה ביזן אָנקומען פון קאַפיטאַן מאָראַנזש, וועלכער וועט אים באַגלייטן אויף זיין פאָרשונגס-רייזע."

איך בין געווען פאַרצווייפלט. דידאָזיקע עקספעדיציע איז געווען מיין אידעע, און ווי דו קענסט דיר פאָרשטעלן, האָט מיך געקאָסט אַ סך מי צו באַקומען דערויף די הסכמה פון דער העכע-רער מאַכט.

און אָט אין דעם מאָמענט, ווען איך האָב מיך שוין געפרייט

מיטן געדאַנק צו קענען פאַרברענגען ביחידות גאַנצע שעהן און טעג אין דער מדבר, שיקט מען מיר צו אַן אומבאַקאַנטן חבר, וועלכער איז דערצו מיט אַ ראַנג העכער.

די טרייסט־ווערטער פון מיינע חברים זענען געווען ווי זאַלץ אויף מיינע ווונדן.

נאָכזוכענדיק אין מיליטערישן „יאָר־בוך", האָבן זיי געפונען פאָלגנדע ידיעות וועגן קאַפּיטאַן מאַראַנזש:

„מאַראַנזש (זשאַן־מאַריע־פראַנסואַ) אָפיצירן־ראַנג פון יאָר 1881, דיפּלאָמעט. קאַפּיטאַן אויסער. די רייען (געאָגראַפישער דע־פּאַרטאַמענט פון דער אַרמיי)".

— איצט פאַרשטיי איך שוין — האָט געזאָגט איינער פון די חברים — מען גיט דיר צו אַ דיפּלאָמירטן הער, וועלכער זאָל אויפזאַמלען די פרוכט פון דיין האָרעוואַניע! אַ שיינע געשיכטע!

— איך בין נישט אינגאַנצן איינשטימיק מיט אייך — האָט זיך אָפּגערופן אונדזער קאָמענדאַנט — אין פּאַרלאַמענט האָט מען זיך קענטיק דערוווּסט — פלאַפּלער פעלן קיינמאָל נישט — וועגן דער אמתער כוונה פון סענט־אַוויס נסיעה: צו ווירקן אויפן פּאַר־לאַמענט, אַז ער זאָל איינשטימען אויף דער אָקופּאַציע פון טואַט. מאַראַנזש איז מסתמה דער פּאַרטרויונגס־מאַן פון דער מיליטער־קאָ־מיסיע. די אַלע לייט: די מיניסטאָרן, פּאַרלאַמענט־דעפּוטאַטן, גו־בערנאַטאָרן, היטן איינער דעם צווייטן. ס'וועט אַמאָל זיין אַ צייט, ווען מען וועט קענען אָנשרייבן אַ גאַנץ בוך וועגן דער פראַנצוי־זישער קאָלאָניאַלער אויסשפּרייטונג, וועלכע איז — אַ מאָדנע זאַך — שטענדיק געשען אָן וויסן פון דער העכערער מאַכט, אָדער גאָר קעגן איר ווילן.

— ווי די משה איז, — האָב איך געזאָגט מיט ביטערקייט, — די אונטערשטע שורה איז, אַז מיר וועלן זיין צוויי פראַנצויזן, וואָס וועלן טאָג ווי נאַכט שפּאַנירן איינער דעם אַנדערן אויף די וועגן

פון דרום. אַ שיינער עסק אין אַ צייט, ווען מען דאַרף אָנשטרענגען אַלע כּוחות אויסצוהיטן זיך פאַר די שפּיצלען פון די איינגעבוי־רענע. ווען קומט ער עס דער גאַסט?

— איבערמאָרגן מסתּמא. מען האָט אונדז געמאָלדן, אַז עס גייט אַהער אַ טראַנספּאָרט פון גאַרדיזאַ. מעגלעך, אַז ער וועט קו־מען מיט אים. דאָס איז, קענטיק, אַ מענטש, וואָס קען נישט פאָרן אַליין.

קאַפּיטאַן מאָראַנזש איז טאַקע געקומען איבערמאָרגן, אינ־איינעם מיטן טראַנספּאָרט. צוערשט ער זיך געפרעגט אויף מיר.

ווען ער איז אַריין צו מיר אין צימער, ווויהין איך האָב מיך אַריינגעכאַפּט אַ ברוגזער באַלד, ווי דער טראַנספּאָרט האָט זיך באַוויזן, האָב איך איינגעזען, אַז ער איז פון דעם סאָרט מענטשן, וואָס איך וועל לאַנג נישט קענען פירן מיט אים אַ ברוגז.

ער איז געווען אַ הויכגעוויקסיקער, מיט אַ פול געזיכט און קאַלירן אין די באַקן, אויגן בלויע, לאַכעדיקע, וואָנסעס קליינע, שוואַרצע, די האָר פון קאָפּ כמעט אינגאַנצן גרוי.

— איך בעט אייך פיל מאָל איבער, טייערער קאָלעגע, — האָט ער זיך אָנגערופן מיט אַן אָפנהערציקייט, וואָס איך האָב נישט באַגעגנט בײַ קיינעם אויסער בײַ אים, — איר מוזט אוודאי אין כּעס זיין אויף דעם אָנשיקעניש, וואָס האָט קאַליע געמאַכט אייער פּלאַן און אויפגעהאַלטן אייך פון דער נסיעה?

— אויף קיין האָר נישט, הער קאַפּיטאַן, — האָב איך גע־ענטפערט קאַלט.

— איר זענט אַליין אין דעם שולדיק. אייער נאָמען אין פּאַ־ריז אַלס קענער פון די דרום־וועגן האָט דערוועקט אין מיר דעם חשק צו האָבן אייך פאַר אַ ראַט־געבער אין דער מיסיע, וואָס דאָס בילדונג־און האַנדל־מיניסטעריום און די געאָגראַפישע געזעלשאַפט

האָבן צוזאַמען אויף מיר אַרויפגעלייגט און וואָס האָט מיך איצט געבראַכט אַהער.

די דאָזיקע דריי אינסטיטוציעס האָבן מיר איבערגעגעבן אויפצוזוכן דעם אַלטן קאַראַוואַנען־טראַקט, וואָס איז זינט דעם ניינטן יאָרהונדערט געווען דער האַנדלס־וועג צווישן טוניס און סודאַן איבער טאָזייר, אוואַרגלאַ, עס־סוק און בורום, כדי אויסצופאָרשן, צי עס איז נישט מעגלעך אים צוריקצושטעלן אין זיין אַלטן גלאַנץ. אין געאָגראַפישן דעפּאַרטאַמענט בין איך געוואויר געוואָרן וועגן אייער נסיעה פון אוואַרגלאַ ביז שיך־סאַלאַ, פאָרן מיר צוזאַמען.

איך מוז אייך מודה זיין, אַז דאָס איז מיין ערשטע נסיעה פון דעם אַרט. איך וואָלט מיך אונטערגענומען צו האַלטן אַ לעקציע וועגן דער אַראַבישער ליטעראַטור אין דער שול פון אָריענטאַלישע שפּראַכן, אָבער אין דער מדבר בין איך נישט זיכער, צי איך וואָלט געוווּסט, ווו איז רעכטס און ווו איז לינקס. דער איינציקער אויסוועג איז געווען פאַר מיר, זיך צו פאַרייניקן מיט אַ געניטן רייזנדן.

האָט־זשע, קאָלעגע, קיין פאַריבל נישט, וואָס איך האָב אויסגעניצט מיין גאַנצן איינפלוס אויפצוהאַלטן אייך דאָ, ביז איך וועל קענען אַהערקומען. דערצו וועל איך נאָך צוגעבן איין וואָרט: דער ציל פון מיין נסיעה איז דורכויס אַ ציווילער, איר ווידער זענט אַ באַפולמעכטיקטער פון קריגס־מיניסטעריום. ביזן מאָמענט, ווען מיר וועלן אָנקומען קיין שיקע־סאַלאַ, ווו מיר וועלן זיך פונאַנדערגיין אין פאַרשידענע זייטן, איר אין דער ריכטונג פון טואַט און איך אין דער ריכטונג פון ניגער, וועל איך פינקטלעך דערפילן אייערע עצות און פאַראָרדנונגען אַלס אייער אונטערגעגעבענער און אויך, ווי איך וויל האָפן, אַלס אייער פריינט.

וואָס ווייטער ער האָט גערעדט מיט אַזאַ ליבער אָפנהאַרצי-

קייט, האָב איך אַלץ מער געפילט, אַז מיין מורא איז געווען אומזיסט.

פונדעסטוועגן האָב איך נאָך געפילט אַ חשק צו האַלטן מיך מיט אים אַביסל פונדערווייטנס אַלס פאַרגעלטונג דערפאַר, וואָס ער האָט, נישט פרעגנדיק בּאַ מיר, געוואָלט מיך אויסנוצן.

— איך בּין אייך זייער דאַנקבּאַר, הער קאַפּיטאַן, פאַר אייער גוטער מיינונג. ווען ווילט איר, מיר זאָלן אָפּפאָרן פון אונאַרגלאַ?

מאָראַנזש האָט געמאַכט אַ מינע, ווי ס'איז אים אַלציינס.

— ווען אייך איז ליב. מאָרגן, היינט אָוונט, פון מיינעטוועגן. איך האָב אייך אויפגעהאַלטן, איר זענט געווים פאַרטיק פון לאַנג.

איך בּין אַריינגעפאַלן. איך האָב נישט גערעכנט צו פאָרן פריִער, ווי די קומענדיקע וואָך.

— מאָרגן, הער קאַפּיטאַן? און אייער בּאַגאַזש?

ער האָט גוטמוטיק אַ שמייכל געטון.

— איך האָב גערעכנט, אַז מען דאַרף מיטנעמען וואָס ווייניקער זאַכן. אַביסל זאַכן האָב איך מיטגעבּרענגט אויפן קעמל. וועגן די רעשט זאַכן וויל איך פרעגן אייער עצה און וועל זיי מיר פאַרשאַפן דאָ אויפן אָרט.

איך האָב גאָרנישט געהאַט וואָס אָפּצוּווענדן. איך האָב דערפילט צו אים אַ מאָדנע סימפּאַטיע.

— וואָס איז? — האָבּן מיך געפרעגט די חברים, ווען מיר האָבּן זיך אויפגעקליבּן אינאיינעם — דיין קאַפּיטאַן זעט אויס צו זיין אַ גאַנץ ווילער.

— יאָ!

— דו וועסט מסתּמה נישט האָבּן מיט אים קיין שום ספסוכים. דאַרפסט נאָר זען, אַז ער זאָל דערנאָך נישט וועלן אַראָפּנעמען פאַר זיך דאָס גאַנצע שמאַלץ.

— מיר האָבן גאַנץ פאַרשידענע אויפגאַבן — האָב איך אָפּגעענטפערט.

איך בין געווען אַביסל פאַרטראַכט, נישט מער — אויף מיין הייליק וואָרט. איך האָב גאָרנישט געהאַט צו מאָראַנזשן אָבער מיין שווייגן האָט פאַרשטאַרקט די חברים אין זייער פאַרדאַכט, אַז איך בין נאָך אַלץ אויף אים ברוגז.

אַלע, דו הערסט, אַלע האָבן דעריבער געזאָגט שפּעטער, ווען עס איז אויפגעקומען דער חשד וועגן מיין פּערזאָן.

— „ער איז געוויס שולדיק, מיר זענען זיכער אין דעם, מיר, וואָס האָבן זיי געזען ביידע אַוועקפאָרן."

איך בין טאַקע שולדיק... אָבער נישט אויס געפיל פון געמיינער קנאה... וואָס פאַר אַ נאַרישער איינפאַל!

נאָך דעם אַלעמען בלייבט מיר נישט מער, ווי צו אַנטלויפן, צו אַנטלויפן אין די מקומות, וווּ ס'איז נישטאָ קיין מענטשן, וואָס האָבן ליב צו זאָגן בוידעם-סברות.

מאָראַנזש איז אַריינגעקומען אונטער דער האַנט מיטן קאָמענדאַנט, וועלכער איז קענטיק געווען שטאַרק דערפרייט פון דער נייער באַקאַנטשאַפט.

ער האָט אים פאָרגעשטעלט מיט אַ טומל:

— קאַפּיטאַן מאָראַנזש, מיינע הערן, בנוגע פרייַלעכקייט — אַן אָפיציר פון אַלטן שניט. ער וויל פאָרן מאָרגן, אָבער מיר וועלן אים מאַכן אַזאַ אויפנאַמע, אַז אין אַ פּאָר שעה אַרום זאָל ער אויפגעבן דעם דאָזיקן געדאַנק. הער קאַפּיטאַן, איר פאַרבלייבט בײַ אונדז גאַנצע אַכט טעג.

— איך בין אין רשות פון פאָרוטשניק סענט-אַווי — האָט געענטפערט מאָראַנזש מיט אַ גוטמוטיקן שמייכל.

דאָס געשפּרעך איז געוואָרן אַן אַלגעמיינס. ס'האָט געקלונגען אַ גלעזער און ס'האָבן געקלונגען די גלעזער, די חברים האָבן

זיך געהאַלטן באַ די זייטן פון די מעשיות, וואָס דער גאַסט האָט זיי דערציילט. וואָס איז שייך מיר, האָב איך מיך נאָך קיינמאָל נישט געפילט אַזוי אומעטיק.

עס איז געקומען די צייט איבערצוגיין אין עס־זאַל.

— צו מיין רעכטער זייט, קאַפּיטאַן, — האָט געשריגן דער בגילופנדיקער קאָמענדאַנט, — איך האָף, אַז איר וועט אונדז ווייטער נישט קאַרגן קיין שיינע מעשיות פון פאַריז. מיר, ווי איר ווייסט, זענען דאָך גאָר פרעמד דערפון.

— צו אייער באַפעל, ה׳ קאָמענדאַנט — האָט געזאָגט מאַראַנזש.

— זעצט אייך, מיינע הערן.

די אָפיצירן האָבן געפאָלגט. ס׳האָט זיך געהערט אַ רוישנדיק רוקן פון שטולן.

איך האָב נישט אַראָפּגעלאָזט די אויגן פון מאַראַנזשן, וועלכער איז נאָך אַלץ געשטאַנען.

— ה׳ קאָמענדאַנט, מיינע הערן, איר וועט דערלויבן — האָט ער געזאָגט.

און איידער ער האָט זיך אַנידערגעזעצט צום טיש, ווו ער איז דערנאָך געווען דער פרייַלעכסטער פון די געסט, האָט ער מיט אַ האַלבער שטים און מיט פאַרמאַכטע אויגן געזאָגט דאָס פאַרן־עסן געבעט.

פערטער קאַפּיטל

צום פינף און צוואַנציקסטן גראַד

— אָט זעט איר — האָט מיר געזאָגט אין צווײ וואָכן אַרום קאַפּיטאַן מאָראַנזש, — אַז איר קענט בעסער די אַלטע סאַהאַראַ=טראַקטן, ווי איר האָט מיר געוואָלט אײַנרעדן. איר ווייסט דאָך וועגן דער עקזיסטענץ פון ביידע טאַדעקאַס, אײנע פון די צווײ שטעט, פון וועלכע איר האָט אָקאָרשט גערעדט, איז דאָס טאַדעקאַ, וואָס געפינט זיך לויט איבן=באַטוטאַ אויף אַ מרחק פון זיבעציק טעג וועג פון טואַט. און לויט שירמער — אין אומויסגעפּאָרשטן לאַנד פון די אולימידן.

אָט איבערן דאָזיקן טאַדעקאַ פלעגן דורכגיין אין 9=טן יאָרהונדערט די סאָנראַיער קאַראַוואַנען, וואָס פלעגן יעדעס יאָר מאַכן די רייזע פון עגיפּטן.

מײַן טאַדעקאַ איז, לויט מײַן מיינונג, אַן אַנדערע. דאָס איז די הויפּטשטאָט פון די „פאַרשלייערטע מענטשן", וואָס איבן=קאַלדין באַצייכנט עס אויף צוואַנציק טעג רייזע צו דרום פון אואַרגלאַ, און על=בעקרי — אויף דרייסיק טעג רייזע, אָנרופנדיק זי טאַדמעקאַ.

אָט צו דעם טאַדעקאַ לאָז איך מיך איצט. אָט דאָס טאַדעקאַ דאַרף איך אויסגעפינען צווישן די חורבות פון עס-סוק. איבער עס-סוק איז עס געגאַנגען דער האַנדלס=וועג, וואָס האָט אין 9=טן יאָר-

הונדערט פאַרבונדן דעם טוניסער דזשעריד מיט דער קרימונג פון טייך ניגער אין בורום.

די מיסיע, וואָס די מיניסטעריומס האָבן אויף מיר אַרויפגעלייגט, האָט דעם צוועק אויסצופאָרשן, צי ס'איז פאַרהאַן אַ מעגלעכקייט ווידער אויסצונוצן דעם דאָזיקן אַלטן טראַקט.

— איר וועט אייך געוויס אַנטוישן — האָב איך אַ ברום געטון. — איך האָב דעם איינדרוק, אַז דער האַנדל, וואָס ווערט געפירט מיטן דאָזיקן וועג איז גאָר אומבאַדייטנד.

— מיר וועלן זען.

אַזוי האָבן מיר גערעדט צווישן זיך, פאָרנדיק לענגויס די איינטאָניקע ברעגעס פון אַן אויסגעטרוקנט טייכל. דער ברייטער געזאַלצענער שטח האָט שעמערירט מיט אַ בלאַס-בלויער ליכט אונטער די שטראַלן פון דער אויפגייענדיקער זון.

די פיס פון אונדזערע פינף קעמלען האָבן געוואָרפן פאַר זיך זייערע באַוועגלעכע שאָטנס פון אַ טיפערן בלוי. אויף אַ מאָמענט האָט דער איינציקער איינוווינער פון דידאָזיקע וויסטעניש, אַ רייערפויגל, זיך אַ הייב געטון און געשוועבט אין די לופטן אויף איין אָרט, ווי אָנגעהאָנגען אויף אַ שטריקל, און באַלד זיך צוריק אַראָפּגעלאָזט, וויבאַלד מיר זענען פאַרבייגעפאָרן.

איך בין געגאַנגען פאָרויס, אָנמערקנדיק זיך דעם וועג. מאָראַנזש האָט מיר נאָכגעפאָלגט, איינגעוויקלט אין זיין ברייטן, ווייסן בורנוס, באַדעקט דעם קאָפּ מיט אַ „שעישע“ פון די ספּאַיסער און מיט אַ לאַנגער קייט, וואָס האָט זיך פאַרענדיקט מיט אַ צלם אויפן האַלדז, איז ער געווען ענלעך צו אַ מאָנאַך.

מיר האָבן פאַרקערעוועט פון וועג, מיט וועלכן פלאַטערס איז געגאַנגען קיין דרום-מזרח, נאָכדעם ווי מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט אויף צוויי טעג אין טעמאַסינין.

דידאָזיקע צוויי טעג האָט מאָראַנזש פאַרברענגט אין גע-

שפּרעכן מיטן אַלטן נעגער, דעם שומר פון געצעלט, ווו ס'ווערן אָפּגעהיטן די שטערבלעכע רעשטלעך פון הייליקן סידי-מוסאַ.

איך באַדויער, וואָס די אַלע שמועסן זענען מיר אַרויס פון זכרון, אָבער פון דער דערשטוינונג פון נעגער האָב איך פאַרשטאַנען, ווי ווייט הינטערשטעליק איך בין קעגן מאַראַנזשן בנוגע די סודות פון דער אומענדלעכער סאַהאַראַ.

און אויב די ווילסט האָבן אַ באַגריף וויפיל אינטערעס מאַראַנזש האָט אַריינגעטראָגן אין דער נסיעה, וועל איך דיר דערציילן איין זאַך: דאָס איז געשען אויף אַ מרחק פון אַן ערך 200 קילאָמעטער פונדאַנען, אין רעכטן מיטן מדבר, ווו אויף אַ זעקס-טעגלעכן וועג איז נישטאָ קיין טראָפּן וואַסער. צום ערשטן ברונען איז נאָך געבליבן צוויי טעג וועג, און דו ווייסט דאָך, וואָס פלאַטערס האָט געשריבן צו זיין ווייב וועגן אָט די ברונענס:

„די דאָזיקע ברונענס זענען פאַרלייגט מיט שטיינער, און מען מוז אַרבעטן שעהן-לאַנג אַראָפּצוקייקלען די שטיינער, כדי צו קענען אָנטרינקען די מענטשן און די בהמות“. דאָ האָבן מיר געטראָפן אַ קאַראַוואַן, וואָס איז געגאַנגען קיין מזרח-זייט קיין ראַדאַסעס, און האָט זיך פאַרקערעוועט אַ ביסל צו פיל צו צפון. די אָפּגעצערטע, שאָקלענדיקע רוקנס פון די קעמלען האָבן עדות-געזאָגט וועגן די ליידן פון קאַראַוואַן.

פון הינטן האָט זיך געשלעפּט אַ קליינער, גרויער אייזל, אַן עלנט באַשעפעניש, וואָס איז געפאַלן אויף די פיס, און וואָס די קאַראַוואַן-פירער האָבן נישט געגעבן צו טרינקען, ווייל זיי זענען געווען זיכער, אַז ער וועט נישט אויסהאַלטן דעם וועג.

דאָס אייזל האָט נאָכגעפאָלגט דעם קאַראַוואַן מיט די לעצטע כוחות, פילנדיק, אַז קוים שטייט עס אָפּ, איז זיין סוף און עס ווער אַ קרבן פון די רויב-פייגל.

איך האָב ליב בעלי-חיים און האָב אַפילו סיבות זיי ליב

האָבן מער ווי מענטשן, אָבער דאָך וואָלט איך קיינמאָל נישט געטון דאָס, וואָס מאַראַנזש האָט געטון.

מוזסט וויסן, אַז אונדזערע לאָגלען זענען שוין געווען כמעט אויסגעליידיקטע, און אַז אונדזערע קעמלען, אָן וועלכע מען קען קיין טריט נישט טון אין דער ווילדער מדבר, האָט מען שוין אַ לאַנגע צייט נישט געהאַט אָנגעטרונקען.

דאָ האָט מאַראַנזש געלאָזט קניִען זיין קעמל, האָט אויפגעבונדן אַ לאָגל און אָנגעטרונקען דאָס אייזל. איך האָב געהאַט דאָס פאַרגעניגן צוצוקוקן זיך, ווי די אַראָפּגעלאָזטע זייטן פון דער אומגליקלעכער בהמה האָבן זיך אויפגעהויבן פון דעם געטרונקענעם וואַסער, כ'האָב אָבער צוגלייך געזען די בייזע בליקן פון די דורשטיקע מענטשן, וועלכע זענען געווען אויפגעבראַכט פון מאַראַנזשס רחמנות-געפיל איבערן אייזל.

אַלס פּערזאָן, וועלכע טראָגט די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר אַלץ, האָב איך אים געמאַכט אַ באַמערקונג.

ווייסטו, וואָס ער האָט דערויף געענטפערט:

„איך האָב געגעבן דאָס, וואָס איך האָב געהאַט דערויף רעכט. מאָרגן אין אָוונט, אָן ערך זעקס אַ זייגער, וועלן מיר זיין בײַ דעם ברונעם על-ביאַד. איך ווייס, אַז פון אַצינד ביז דאַמאָלס וועל איך נישט האָבן קיין דורשט.”

געזאָגט האָט ער עס מיט אַ טאָן, אין וועלכן איך האָב צום ערשטן מאָל דערפילט דעם קאַפּיטאַן. „ס'איז גרינג צו זאָגן — האָב איך מיר געטראַכט — ער ווייסט גוט, אַז ווען ער וועט האָבן דורשט וועט ער קענען נעמען פון מיין לאָגל, אָדער פון בו-דזשעמאַס.”

איך האָב נאָכנישט געקענט מאַראַנזשן. ביז מיר זענען אָנגעקומען צום ברונעם, האָט ער נישט גענומען אין מויל קיין טראָפּן וואַסער, נישט געקוקט אויף אַלע אונדזערע בקשות.

— זעט איר — האָט מיר געזאָגט קאַפּיטאַן מאַראַנזש מיט אַ וואָך שפּעטער — אַז איך בין געווען גערעכט, וואָס איך האָב אייך געראָטן פאַרקערעווען אַביסל קיין דרום-זייט, איידער מיר קומען קיין שיך-סאַלאַ. איך האָב געוווסט, אַז דאָ וועט איר געפינען אויף יעדן טריט און שריט שטיינער, וועלכע גיבן די מעגלעכקייט פעסטשטעלן די וואָלקאַנישע אָפּשטאַמונג פון דער דאָזיקער געגנט.

מיר זענען געגאַנגען לענגויס דעם מזרחדיקן שיפּוע פונם באַרג טיפּעדעסט, אין דער ריכטונג פון פינף און צוואַנציקסטן גראַד פון דער צפונדיקער ברייט.

— איך בין אייך זייער דאַנקבאַר דערפאַר — האָב איך געזאָגט. — איך וועל קיינמאָל אין לעבן נישט פאַרגעסן יענעם מאָמענט.

מיר זענען אַראָפּגעגאַנגען פון די קעמלען אויפצוקלויבן פאַרשידענע שטיקלעך שטיינער.

מאַראַנזש האָט דערביי אַרויסגעוויזן גרויסע קענטענישן אין געאָלאָגיע, הגם לויט זיינע ווערטער, איז ער אינגאַנצן פרעמד אין דער זאַך.

איך האָב אים דאַמאָלס געשטעלט פאָלגנדיקע פראַגע:

— צי קען איך אייך אויסדריקן מיין דאַנקבאַרקייט דורך מאַכן אַ געוויסע הודעה?

ער האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און מיך אָנגעקוקט.

— ביטע זייער.

— אין דער נסיעה, וואָס איר האָט אונטערגענומען, זע איך נישט קיין פּראַקטישן ציל.

ער האָט אַ שמייכל געטון.

— ווי הייסט? צי דאָס אויפזוכן פון אַן אַלטן קאַראַוואַן-טראַקט, צי דאָס אויפווייזן, אַז צווישן די מלוכות אַרום מיטל-לענדישן ים און די נעגערן-לענדער האָט עקזיסטירט אַ פאַרבינ-

…זונג פון גאָר אַלטע צייטן, איז בײַ אײַך גאָרנישט? צי דאָס מאַכן אַ סוף צו אַלע ווידערשפּרעכונגען אין די פאָרשונגען פון אַנזיל, …העערן, בערלאַ, קאַטרמער פון איין זייט, און גאַסלען, וואָלקענער, …טיסאָ, וויוויען, דע סען-מאַרטען פון דער אַנדערער זייט, האָט אין אײַערע אויגן קיין שום אינטערעס נישט? צום טײַוול, מען קען דאָך אײַך גאָרנישט צופרידנשטעלן!

— איך מיין פּראַקטישע אינטערעסן, — האָב איך אָפּגעענטפערט, — איר וועט דאָך צוגעבן, אַז די ווידערשפּרעכונגען, וועלכע איר דערמאַנט, זענען אַן ענין בלויז פאַר טעאָרעטישע געאַראַפן און פאָרשער.

מאָראַנזש האָט ווייטער געשמייכלט.

— מיין ליבער פריינט, האָט נישט קיין אגמת-נפש, פאַרגעסט נישט, אַז אייער מיסיע איז אײַך אָנגעטרויט געוואָרן פון קריגס-מיניסטעריום, און מיין מיסיע פון בילדונגס-מיניסטעריום. ס'איז דעריבער קיין חידוש נישט, וואָס אונדזערע צילן זענען פאַרשידענע, און וואָס מיין מיסיע האָט ווירקלעך נישט קיין פּראַקטישן כאַראַקטער.

— איר האָט אויך אַ מיסיע פון האַנדלס-מיניסטעריום — האָב איך אָפּגעענטפערט אַ געררייצטער — לויט זיין אויפטראַג דאַרפט איר אויספאָרשן די מעגלעכקייט צוריק צושטעלן דעם אַלטן האַנדלס-טראַקט פון ניינטן יאָרהונדערט. איר וועט דאָך צוגעבן, אַז מיט אייערע ידיעות אין דער געשיכטע און אין דער געאָגראַפיע פון סאַהאַראַ האָט איר נישט געהאַט קיין ספקות אין דער זאַך, נאָך איידער איר האָט פאַרלאָזט פאַריז. דער טראַקט פון דזשעריד צום ניגער איז אינגאַנצן אָפּגעשטאָרבן. איר האָט גוט געוווּסט, אַז אויף דעם טראַקט, וואָס איר האָט זיך אונטערגענומען, אויסצופאָרשן זיינע האַנדלס-מעגלעכקייטן, וועט מען מער קיין שום וויכטיקן האַנדל נישט קענען פירן.

מאַראַנוש האָט מיר געקוקט גלייך אין די אויגן.

— און אויב דאָס זאָל אמת זיין, אויב איך האָב טאַקע פאַר מיין אָפּפאָר געהאַט די איבערציַיגונג, וועלכע איר שרייבט מיר צו, וואָס-זשע פאַר אַן אויספיר דאַרף מען דערפון ציִען?

— איך וואָלט עס וועלן הערן פון אייך.

— גאַנץ איינפאַך, מיין טייערער פריינט, דאָ קען מען מאַכן דעם אויספיר, אַז איך בין ווייניקער געשיקט ווי איר אין געפינען אַן אויסרייד פאַר מיין נסיעה, אַז איך בין אַ קלענערער בריה אין באַהאַלטן די אמתע טעמים, וואָס האָבן מיך אַהערגעבראַכט.

— אַן אויסרייד? איך פאַרשטיי נישט...

— איצט איז אייער ריי צו זיין אויפריכטיק. איך בין איבער-ציַיגט, אַז איר האָט דעם לעבהאַפטסטן ווונטש צו אינפאָרמירן ד״ אַראַבישע ביוראָס וועגן די אינטריגעס פון די שענוסיען. דאָס אָבער, זייט מודה, איז נישט דער איינציקער און אינטימער צוועק פון אייער רייזע. איר זענט אַ געאָלאָג. די דאָזיקע רייזע האָט אייך פאַרשאַפט אַ גוטע געלעגנהייט צו באַפרידיקן אייער חשק צו גענאָ-לאָגישע פאָרשונגען. קיינער וועט אייך קיין פאָרוואורף נישט מאַכן דערפאַר. איר האָט פאַרשטאַנען אויסצוטראַכטן אַזוינס, וואָס איז ניצלעך פאַר אייער לאַנד און איז אָנגענעם פאַר אייך אַליין. אָבער אים גאָטעס ווילן, לייקנט עס מיר נישט אָפּ.

אַ געװוּנדער באַווייז איז אייער געפינען זיך אויף דער שיפּוע פון טיפעדעסט, אַ פלאַץ, וואָס איז זייער אינטערעסאַנט פון מינעראַלאָגישן שטאַנדפּונקט, אָבער וואָס האָט אייך אַראָפּגעפיר[illegible] אויף אַ מרחק פון אַן ערך 150 קילאָמעטער פון אייער אָפיציעל[illegible] טראַקט?

—צי פון דעם אַלעמען דאַרף איך ארויסנעמען — האָב [illegible] ווייטער אַטאַקירט — אַז מיר זענען אומבאַקאַנט די ריכטיקע [illegible]

טיוון פון אייער נסיעה און אַז זיי האָבן נישט קיין שום שייכות צו די אָפיציעלע מאָטיוון?

פון דער ערנסטקייט, מיט וועלכער עס האָט דאָסמאָל זיך אויסגעצייכנט מאַראַנזשס ענטפער, האָב איך פאַרשטאַנען, אַז איך בין פאַרגאַנגען אַביסל צו ווייט.

— ניין, מיין ליבער פריינט, אַזאַ אויספיר דאַרפט איר נישט מאַכן. איך האָב לחלוטין נישט געמיינט אָפּצונאַרן די נערטע אינסטיטוציעס, וואָס האָבן מיך באַערט מיט זייער צוטרוי און זייערע סובסידיעס. איך וועל אַנווענדן אַלע כוחות, כדי צו דערגרייכן דעם ציל, וואָס זיי האָבן מיר געשטעלט. איך האָב אָבער נישט קיין שום סיבה צו פאַרהוילן, אַז איך האָב נאָך אַן אַנדערן פערזענלעכן ציל, וועלכער איז מיר נענטער צום האַרץ. באַנוצנדיק אַ נישט געלונגענע טערמינאָלאָגיע, לאָמיר זאָגן, אַז מיין פערזענלעכער ציל איז דער ע נ ד - צ י ל, און אַלע אַנדערע זענען נישט מער ווי מ י ט ל ע ן.

— צי איז דאָס אַ סוד?

— קיין שום סוד — האָט געענטפערט מיין חבר — אין אַ פּאָר טעג אַרום וועלן מיר אָנקומען קיין שיך-סאַלאַ און זיך פונאַנדערגיין. איך וויל נישט האָבן קיין שום סודות פאַר אַ מענטש, וועלכער האָט מיט אַזאַ געטריישאַפט אָנגעפירט מיינע ערשטע טריט אין דער סאַהאַראַ.

מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט לעבן אַן אויסגעטרוקנטן קוואַל, ווו עס זענען געוואַקסן עטלעכע פאַרדאַרטעביימעלעך. אַן אַנדערער קוואַל דערלעבן איז געווען באַצירט מיט גרינס ווי מיט אַ קרוין.

די אויסגעזאָטלטע קעמלען האָבן געצופּט די שטעכעדיקע קוסטעס. די שוואַרצע און גלאַטע ווענט פון די טיפעדעס-בערג האָבן זיך געהויבן כמעט גלייך איבער אונדזערע קעפּ.

אין דער אומבאַוועגלעכער לופט איז אויפגעגאַנגען דער בלויער רויך פון פייער, איבער וועלכן בו-דזשעמאַ האָט געקאָכט אונדזער מיטאָג.

קיין שאָרך, קיין לופטעלע אַרום און אַרום.

— צי האָט איר אַמאָל געהערט וועגן „אַטלאַס פון קריסטיאַניזם"? — האָט מאָראַנזש געפרעגט.

— איך גלייב, אַז יאָ. צי איז עס נישט אַ געאָגראַפיש ווערק אַרויסגעגעבן פון די בענעדיקטינער אונטער דער השגחה פון אַ געוויסן דאָם-גראַנגער?

— איר האָט אַ גוטן זכרון, — האָט געזאָגט מאָראַנזש — דערלויבט מיר צו דערציילן אייך זאַכן, מיט וועלכע איר האָט נישט געהאַט קיין גרונט זיך צו אינטערעסירן. דער „אַטלאַס פון קריסטיאַניזם" האָט די אויפגאַבע פעסטצושטעלן די גרענעצן פון גרויסן קריסטלעכן ים אין אַלע צייטן און אין אַלע וועלטטיילן. דאָס איז אַ ווערק, וואָס איז ניצלעך פאַר די גרויסע בענעדיקטינישע קענטעניש און פאַר דער וווּנדערלעכער בקיאות פון דאָם-גראַנגער.

— און איר זענט געקומען אַהער אויסצופאָרשן דידאָזיקע גרענעצן? — האָב איך אונטערגעברומט.

— גאַנץ באַשטימט, — האָט געענטפערט מיין חבר.

ער איז אַנטשוויגן געוואָרן. איך האָב אים נישט געשטערט, איך האָב באַשלאָסן איבעריקנס נישט צו באַוווּנדערן קיין שום זאַך.

אויב מען וויל זיך נישט מאַכן לעכערלעך, דאַרף מען נישט בלייבן שטיין אינמיטן, — האָט ער ווידער אָנגעהויבן, מיט אַן ערנסטער שטימע, נאָך אַ ווײַלע נאָכדענקען.

— קוים האָב איך אָנגעהויבן, מוז איך ענדיקן ביזן סוף. גלייבט אָבער מיין אויפריכטיקייט און פאַרלאַנגט נישט קיין פרטים פון מיין אינטימען לעבן.

זאָלן אייך זיין גלייכגילטיק די סיבות, וואָס האָבן מיך באַ-

יזיגן פאַר פיר יאָר אַריינצוטרעטן אין קלויסטער. איך מוז מיך נאָך איצט וווּנדערן, וואָס אַ באַגעגעניש מיט אַ גאַנץ ווייניק אינטערעסאַנטער פּערזאָן האָט געווירקט אויף מיר אומצוּוענדערן די ריכטונג פון מיין לעבן.

איך מוז מיך וווּנדערן, וואָס דער שליח, דורך וועלכן דער רבונו של עולם האָט געמאַכט אַן איבערקערעניש אין מיין לעבן, איז געווען אַ פּערזאָן, וואָס איר איינציקע מעלה איז געווען שייכקייט.

דער קלויסטער, וואָס איך האָב געקלאַפּט אין זיינע טויערן האָט געהאַט וויכטיקע סיבות צו צווייפלען אין דער ערנסטקייט פון מיין באַרוף.

איך האָב נישט קיין פּרעטענזיע צום פּאָטער אַבאַט, דעם ראש פון קלויסטער, וואָס ער האָט מיר דאַמאָלס פאַרבאָטן אָגצוגעבן זיך אין דעמיסיע, איך בין זינט אַ יאָר געווען קאַפּיטאַן מיט אַ דיפּלאָם.

לויטן פּאָטער אַבאַטס באַפעל, האָב איך געבעטן וועגן אַ דרייייעריקן אורלויב און האָב אים באַקומען. נאָך די דריי יאָר האָט מען געדאַרפט זען, צי די וועלט האָט ווירקלעך אויפגעהערט צו עקזיסטירן פאַר מיר.

פון ערשטן טאָג אָן זינט איך בין אָנגעקומען אין קלויסטער- בין איך געשטעלט געוואָרן אין רשות פון דאָם-גראַנגער, וועלכער האָט מיך באַשטימט צו אַרבעטן בא דער צוגרייטונג פונם באַריםטן „אַטלאַס פון קריסטיאַניזם״.

פון אַקורצן עקזאַמען, וואָס ער האָט מיר געמאַכט, האָט דאָם-גראַנגער שוין געוווּסט, צו וואָס איך קען אים נוצן.

אַזוי אַרום בין איך אַריינגעטרעטן אין ביוראָ, וואָס האָט זיך פאַרנומען מיט דער קאַרטאָגראַפיע פון אַפריקע.

איך האָב נישט געקענט קיין איין וואָרט אַראַביש, אָבער

בשעת מיין דינסט אין ליאָן האָב איך געהערט די לעקציעס פון אַ גרויסן געאָגראַף, וועלכער האָט קודם כל זיך פאַראינטערעסירט מיט דער פראַגע וועגן איינפלוס פון דער גריכישער און רוימישער ציוויליזאַציע אויף דער אַפריקאַנישער וועלט.

דער דאָזיקער עפּיזאָד אין מיין לעבן איז געווען ווי געווונטש פאַר דאָם-גראַנגערן; ער האָט מיך פאַרזאָרגט מיט ווערטערביכער פון בערבעריש און גראַמאַטיקעס פון דער טעמאַשעק-שפראַך.

נאָך דריי מאָנאַטן בין איך שוין געווען אומשטאַנד איבערצולייענען יעדע אויפשריפט אין טיפינאַר-כתב, וואָס איז דער נאַציאָנאַלער כתב פון די טואַרעגן, וועלכע באַנוצן די טעמאַשעק-שפראַך.

די דאָזיקע שפראַך ווייזט אַרויס בולט דעם גאַנצן אונטערשייד, וואָס איז פאַרהאַן צווישן דער טואַרעגן-ראַסע און זייערע פיינט די מוסלומענער.

דאָם-גראַנגער האָט געהאַט די טיפע איבערצייגונג, אַז די טואַרעגן זענען אַמאָל געווען קריסטן. איר ווייסט געוויס בעסער פאַר מיר, אַז דער צלם ווערט בא זיי באַנוצט אַלס אָרנאַמענט אויף זייערע קליידער און געווער און איז אַן אות פון זייער אלף-בית, זיי טאַטוירן מיט אים זייער שטערן און הענט, אויף זייערע זאָטלען, שווערטן און שטילעטן איז אויך אויסגעמאָלט אַ צלם.

נישט געקוקט אויפן פאַרבאָט פון גלאָקן, וועלכע ווערן באַטראַכט אַלס קריסטלעכער סימבאָל, טון אָן די טואַרעגן גלעקלעך אויף די העלדזער פון זייערע קעמלען.

נישט דאָם-גראַנגער, נישט איך האָבן נישט צוגעגעבן קיין באַזונדערע באַדייטונג די דאָזיקע באַווייזן. מיר האָבן דאָך נישט געקענט אָפּלייקענען אינגאַנצן דעם ווערט פון געוויסע טעאָלאָגישע אַרגומענטן, וועלכע האָבן אָנגעוויזן אויף דער ענלעכקייט פון די טואַרעגן מיט די קריסטלעכע גלויבונגען.

אינײנעם מיט דאָם-גראַנגערן האָב איך שטודירט די געשיכטע פון די טואַרעגן, וואָס איז פול מיט בלוטיקע צוזאַמענשטויסונגען מיט די אַראַבער, וועלכע האָבן צולעצט זיך געענדיקט מיט דעם איינגעמען פון דער בערבערישער הויפּטשטאָט. די באַפעלקערונג האָט מען אויסגעהרגעט און די שטאָט — דאָס בערבערישע טאַדמעקאַ — האָט מען פאַרניכטעט. אויף די חורבות פון טאַדמעקאַ האָט מען אויסגעבויעט אַ נייע שטאָט עס-סוק.

דאָם-גראַנגער האָט פון מיר פאַרלאַנגט, אַז איך זאָל גיין קיין עס-סוק און אויסגראָבן די רעשטן פון בערבערישן, און אפשר גאָר קריסטלעכן, טאַדמעקאַ פון אונטער די חורבות פון מוסולמענישן עס-סוק.

— איך פאַרשטיי, — האָב איך אַ רוף געטון.

— אויסגעצייכנט, — האָט געזאָגט מאָראַנזש — איצט וועל איך אייך דערציילן אַ זאַך, וואָס זאָגט עדות וועגן דער פּראַקטישקייט פון די מאָנאַכן, מיינע וועג-ווייזער.

נאָך מיין דריי-יעריקן קלויסטער-לעבן זענען זיי נאָך אַלץ געווען אין ספק וועגן דער ערנסטקייט פון מיין באַרוף. איינמאָל האָבן זיי באַקומען די געלעגנהייט מיך אַנטגילטיק אויסצופּרוּוון, צי איך פּאַס טאַקע פאַר אַ מאָנאַך, און פאַר איינוועגס אויסצונוצן מיין אָפיציעלע שטעלונג פאַר זייערע צוועקן.

אין אַ געוויסן פרימאָרגן האָט מען מיך גערופן צום פּאָטער אַבאַט, וועלכער האָט מיר אין קעגנוואַרט פון שווייגנדיקן דאָם-גראַנגער אַזוי געזאָגט:

— אין צוויי וואָכן אַרום לויפט אָפּ דער טערמין פון אייער אורלויב, איר וועט זיך אומקערן קיין פּאַריז און בעטן מען זאָל אייך צוריק אויפנעמען אין דינסט. אַ דאַנק די קענטעניש, וואָס איר האָט דאָ דערוואָרבן און אונדזערע פאַרבינדונגען מיט דעם גענעראַל

שטאַב, וועט איך אָנקומען גרינג אַריינצוטרעטן אין געאָגראַפישן דעפּאַרטאַמענט פון דער אַרמיי. ווען איר וועט שוין דאָרט זיין, וועט איר באַקומען אונדזערע אינסטרוקציעס.

איך בין געווען דערשטוינט פון זייער צוטרוי צו מיינע קענטעניש.

ווען איך האָב מיך צונויפגעטראָפן מיט די חברים אין געאָגראַפישן דעפּאַרטאַמענט, האָב איך ערשט פאַרשטאַנען, וואָס פאַר אַ קענער איך בין. מיט די הכנות צו מיין שליחות האָב איך מיך נישט געדאַרפט פאַרנעמען: די מיניסטעריומס האָבן אַלץ אַליין באַזאָרגט.

מיין איניציאַטיוו האָט זיך באַגנוגנט בלויז דערמיט, אַז געווויר ווערנדיק וועגן אייער אַרויספאָר פון אוּאַרגלאַ, האָב איך אָנגעווענדט אַלע מיטלען צו קענען פאָרן איינעם מיט אייך. איך האָף, אַז איצט האָט איר מער קיין פאַריבל נישט אויף מיר.

דאָס זון־ליכט איז פאַרלאָשן געוואָרן אין מערב־זייט. די זון האָט זיך אַראָפּגעלאָזט צווישן בלוילעכע וואָלקן־פאַרהאַנגען.

אין דער אומענדלעכער מדבר באַם פוס פון די שוואַרצע ווילדע פעלזן זענען מיר געווען אַליין, גאָר אַליין.

איך האָב אויסגעשטרעקט מאָראַנזשן אַ האַנט, וועלכע ער האָט אַ דרוק געטון. דערנאָך האָט ער געזאָגט:

— אויב דער וועג, וואָס טיילט מיך אָפּ פון מיין ענד־ציל, וועט מיר אויס אָן אַ שיעור לאַנג, זאָלט איר אָבער וויסן, אַז די עטלעכע הונדערט קילאָמעטער, וואָס בלייבט מיר צו גיין אין אייער געזעלשאַפט, ביז שיך־סאַלאַ, זען מיר אויס אָן אַ שיעור קורץ.

אויף דער בלאַסער אויבערפלאַך פון קליינעם קוואַל האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אַן אויפגייענדיקער שטערן.

— שיך־סאַלאַ! — האָב איך אַ ברום געטון מיט אַ האַרץ פול

מיט אַן אומבאַשטימטן אומעט, — געדולד! מיר זענען דאָרט נאָך נישטאָ!

אוןווירקלעך, אונדז איז נישט באַשערט געווען אַהין קומען.

פינפטעם קאַפּיטל

די אויפשריפט

מיט זיין אייזערנעם שטעקן האָט מאָראַנזש אָפּגעהאַקט אַ שטיקל פעלז פון שוואַרצן באַרג, וואָס האָט זיך געהויבן איבער אונדזערע קעפּ.

— וואָס איז דאָס? — האָט ער געפרעגט, דערלאַנגענדיק אים מיר.

— באַזאַלט — האָב איך געענטפערט.

— דאָס איז קענטיק נישט אינטערעסאַנט; האָט איר דאָך קוים געוואָרפן דערויף אַ בליק!

— פאַרקערט, דאָס איז זייער אינטערעסאַנט, אָבער איצט אינטערעסירט מיך אַן אַנדערע זאַך.

— וואָס אַזוינס?

— טוט א קוק אין יענער זייט, — האָב איך געזאָגט, אָנווייזנדיק אויף מערב, ווו איבערן האָריזאָנט האָט זיך באַוויזן עפּעס אַ שוואַרץ פּינטעלע.

ס'איז געווען זעקס אַ זייגער אינדערפרי. די זון איז שוין געווען אויפגעגאַנגען, אָבער אומזיסט וואָלט מען זי געזוכט אויף דעם אויסערגעוויינטלעך קלאָרן הימל. אין דער לופט האָט מען נישט בעשפּירט דאָס מינדסטע ווינטעלע.

פלוצלינג האָט איינער פון אונדזערע קעמלען אַרויסגעלאָזט אַ קוויטש. ס'האָט זיך באַוויזן אַ גרויסע אַנטילאָפּע, זיך געוואָרפן פאָרויס ווי משוגע און זיך אָנגעקלאַפּט מיטן קאָפּ אָן דער פעלזיקער וואַנט, אָפּגעשטעלט זיך אַ צעטומלטע אויף אייניקע טריט פון אונטן, האָט זי זיך געטרייסלט אויף אירע דינע פיסלעך.

בו-דזשעמאַ איז צוגעקומען צו אונדז.

— ווען די פיס פון דער אַנטילאָפּע ציטערן, — האָט ער געזאָגט — באַטייט עס, אַז באַלד וועלן איינברעכן די זיילן פון הימלגעצעלט.

מאָראַנזש האָט אַ קוק געטון אויף מיר, דערנאָך געוואָרפן אַ בליק אויפן שוואַרצן פינטל, וואָס איז שוין געווען טאָפּלט גרויס.

— אַ שטורם-ווינט, נישט אמת?

— יאָ, אַ שטורם-ווינט.

— איר באַומרויִקט זיך?

איך האָב אים נישט באַלד געענטפערט, איך האָב זיך איבערגעוואָרפן מיט אַ פּאָר ווערטער מיט בו-דזשעמאַן, וועלכער איז געווען פאַרנומען מיט איינשטילן די קעמלען, וואָס זענען געוואָרן אומרויִק.

מאָראַנזש האָט איבערגעחזרט זיין פראַגע, איך האָב אַ הייב געטון מיט די פּלייצעס.

— באַומרויִקן זיך? איך ווייס נישט, איך האָב קיינמאָל נישט געזען קיין שטורם-ווינט אין האָגאַר. דאָס וועט קענטיק זיין אַ גרויסער שטורם. איבעריקנס, טוט נאָר אַ קוק!

אויפן פלאַכן פעלז האָט זיך אויפגעהויבן אַ לייכטער שטויבזייל. אין דער אומבאַוועגלעכער לופט האָבן זיך אָנגעהויבן דרייען אין אַ ראָד בערגלעך זאַמד, מיט אַן אַלע מאָל מער וואַקסנדער שנעלקייט.

איבער אונדזערע קעפּ איז געפֿלויגן פֿון מערב-זייט אַ סטאַיע ווילדע גענדז, אַרויסלאָזנדיק אַ גרילצנדן געשריי.

— זיי אַנטלויפֿן אין דער זייט פֿון סעבקאַ-אַמאַנדגאַר, — האָט געזאָגט בו-דזשעמאַ.

מאַראַנדזש האָט אויף מיר געקוקט מיט בייגער.

— וואָס הייבן מיר אָן טון? — האָט ער אַ פֿרעג געטון.

— אויפֿזעצן זיך תּיכּף אויף אונדזערע קעמלען און זוכן וואָס גיכער אַ באַהעלטעניש אויף איינעם פֿון די בערגלעך, — האָב איך געענטפֿערט — איבער אַ בעט פֿון אַן אויסגעטרוקנט טייכל איז באַקוועם צו גיין, אָבער אין אַ פֿערטל שעה אַרום וועט זיך אָפּרייסן אַ שטורם-ווינט, און אין אַ האַלבע שעה אַרום וועט זיך דאָ דורכגיסן אַ געוואַלטיקער שטראָם, וועט זיך נישט איינזאַפּן אין דער ערד, באָר הייבן זיך אַלעמאָל העכער און העכער. באַלד וועט איר עס זען מיט אייערע אויגן.

אין פֿעלזיקן באַרג-דורכגאַנג האָט מען באַמערקט צייכנס פֿון אַמאָליקע דורכגעלאָפֿענע וואַסער-שטראָמען.

— אין אַ שעה אַרום וועלן דאָ לויפֿן שטראָמען אָט אויף אַזאַ הייך. דאָס איז אַ סימן פֿון אַ פֿריִערדיקער פֿאַרפֿלייצונג. לאָמיר גיין, מען טאָר נישט פֿאַרלירן קיין מינוט.

מיט גרויס מי האָבן מיר געלאָזט קניִען די קעמלען, און ווען יעדער פֿון אונדז איז שוין געזעסן אויף זייַנעם, האָבן זיי זיך געלאָזט פֿאָרויס אין אַ גאַלאָפּ.

מיט איינמאָל האָט זיך אָפּגעריסן אַ שרעקלעכער שטורם-ווינט; דער הימל איבער אונדזערע קעפּ איז געוואָרן אַזוי טונקל ווי דער שוואַרצער באַרג-דורכגאַנג, ווו מיר זענען געלאָפֿן אָן אַן אָטעם.

— אויב מיר וועלן אין אַ מינוט אַרום נישט קריגן ערגעץ-

ווי אַ לאַך, אַ הייל, זענען מיר פאַרפאַלענע! — האָב איך געשריגן צו די חברים.

איבערן פייפן פון שטורם-ווינט האָבן זיי נישט געהערט מיין שטימע, אָבער אומדרייענדיק זיך, האָב איך געזען, אַז זיי בלייבן נישט הינטערשטעליק. באַלד נאָך מיר איז געווען מאָראַנזש, דער לעצטער איז געווען בו-דזשעמאַ, וועלכער האָט געטריבן פאַר זיך די צוויי קעמלען מיטן באַגאַזש.

אַ בלענדנדיקער בליץ האָט צעריסן די פינסטערניש. באַלד דערויף האָט אַ הילך געטון אַ דונער, אָפּרופנדיק זיך אין אַלע זייטן דורכן ווידערקול פון די פעלזן. צוגלייך האָבן אָנגעהויבן קאַפּען גרויסע, וואַרעמע טראָפּנס. אין איין מינוט זענען אונדזערע בורנוסן צוגעקלעבט געוואָרן צו אונדזערע דורגענעצטע גופים.

פון אונדזער רעכטער זייט האָט פּלוצלינג זיך געעפנט אַ קוואַל אין דער פעלזן-וואַנט און אָנגעהויבן פלייצן איבערן בעט פון אויסגעטריקנטן טייכל, ווו מיר האָבן נישט לאַנג אָפּגערוט. דער קוואַל האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ געוואַלטיקן שטראָם, וואָס האָט זיך געגאָסן מיט אַ געפילדער.

איך האָב קיינמאָל נישט אַזוי באַוווּנדערט ווי דאַמאָלס די אויסערגעוויינטלעכע זיכערקייט, מיט וועלכער די קעמלען קלעטערן אויף די העכסטע און אומצוגענגלעכסטע ערטער.

אויסשפּירנדיק פאָרזיכטיק דעם באָדן, אויסשפּרייטנדיק די אומגעהייער לאַנגע פיס און אָנשפּאַרנדיק זיך אָן די אַרויסגע-שטעקטע שטיקער פעלזן, זענען אונדזערע קעמלען פּשוט גע-קראָכן אויף די ווענט.

נאָך אַ פּאָר מינוט איבערמענטשלעכע אָנשטרענגונגען האָבן מיר זיך שוין געפונען אויף אַ שטיינערנעם באַרג, אַן ערך פופציק מעטער הויך איבערן דורכגאַנג.

הינטער אונדז האָט זיך גראָד געפֿונען אַ הייל, וווהין בו־דזשעמאַ האָט אַריינגעטריבן די קעמלען.

אין דער צייט פֿון שרעקלעכן שטורם־ווינט, וואָס האָט געדויערט אַ שעה צוויי, האָבן מיר נישט אַרויסגערעדט קיין וואָרט צווישן זיך.

צולעצט האָט אַ בליק געטון די זון. ערשט דאַמאָלס האָבן מיר זיך איבערגעקוקט.

מאַראַנזש האָט אויסגעשטרעקט צו מיר די האַנט.

איך האָב אים אָנגעקוקט.

— איך דאַנק — האָט ער געזאָגט איינפאַך.

— דערטרונקען ווערן אין מיטן דער סאַהאַראַ — האָט ער צוגעגעבן — וואָלט געווען צו לעכערלעך און אָריגינעל. אַ דאַנק אייער אַנטשלאָסנקייט זענען מיר ניצול געוואָרן פֿון טויט.

„הלמאי האָט דאַמאָלס זיין קעמל זיך נישט אויסגעגליטשט און איינגעזונקען אינאיינעם מיט אים אין שטראָם! וואָלט נישט געשען דאָס, וואָס איז שפּעטער געשען", אַזוי טראַכט איך מיר אין די מאָמענטן פֿון שוואַכקייט.

אָבער איך טרייסל זיך אָפּ פֿון אָט די געדאַנקען. ניין, ניין, איך באַדויער נישט, איך טאָר נישט באַדויערן, וואָס עס איז געשען.

מאַראַנזש האָט מיך פֿאַרלאָזט און אַריינגעגאַנגען אין דער הייל, פֿונוואַנען ס'האָט זיך געלאָזט הערן דאָס צופֿרידענע ברומען פֿון די קעמלען.

איך בין געבליבן איינער אַליין און זיך צוגעקוקט צום שטראָם, וועלכער האָט אַלעמאָל מער צוגענומען.

דער רעגן האָט אויפֿגעהערט, דער הימל האָט זיך אויסגעלייטערט.

איך האָב געפֿילט, ווי מיינע קליידער טרוקענען זיך אויף

אויף מיר צוליב די זון־שטראַלן מיט אַ געוואַלטיקער שנעלקייט.

עפּעס אַ האַנט האָט אַ ריר געטון מיין פּלייצע מאָראַנזש איז ווידער געשטאַנען לעבן מיר. אויף זיין פּנים האָט געשפּילט אַ צופרידענער שמייכל.

— קומט נאָר מיט מיר, — האָט ער געזאָגט.

איך האָב אים נאָכגעפאָלגט מיט נייגער.

מיר זענען אַריין אין דער הייל.

מאָראַנזש האָט מיך צוגעפירט צו אַן אַרויסשטאַרנדיקן פעלזן, וועלכער איז געווען באַגאָסן מיט ליכט, וואָס איז אַריינגעדרונגען דורכן אַריינגאַנג פון הייל.

— קוקט — האָט ער געזאָגט מיט אַ קוים איינגעהאַלטענער פרייד.

— וואָס איז?

— וואָס, איר זעט נישט?

— איך זע אייניקע אויפשריפטן אויף טוואַרעגיש — האָב איך געענטפערט אַביסל אַנטוישט. — ווי איך האָב אייך שוין אַמאָל געזאָגט, לייען איך די טיפינאַר־שריפט זייער שוואַך. צי זאָלן אָט די אויפשריפטן זיין אינטערעסאַנטער ווי יענע, וואָס מיר האָבן שוין פיל מאָל באַגעגנט?

— באַקוקט נאָר אָט די — האָט געזאָגט מאָראַנזש.

זיין שטימע האָט געקלונגען מיט אַזאַ טריומף, אַז איך האָב דאָסמאָל צוגעקוקט זיך מיט דער גרעסטער אויפמערקזאַמקייט.

דאָס איז געווען אַן אויפשריפט, אויסגעשטעלט אין דער פאָרם פון אַ צלם.

מחמת אין אונדזער דערציילונג פאַרנעמט ער אַ וויכטיקן פּלאַץ, וועל איך דיר אים אויפצייכענען, אַזוי ווי ער שטייט און גייט.

אָט איז ער:

די צייכענונג איז געמאַכט געוואָרן זייער רעגלמעסיק און גע־
וואָרן טיף איינגעקריצט אין פעלזן. הגם איך בין נאָך דאַמאָלס נישט
געווען קיין גרויסער קענער אין אַרכעאָלאָגיע, האָב איך דאָך לייכט
דערקענט, אַז דאָס איז אַ גאַנץ אַלטער אויפשריפט.

מאָראַנזש האָט זיך צוגעקוקט דערצו מיט אַן אַלעמאָל מער
שטראַלנדיק געזיכט.

איך האָב אים אָנגעקוקט מיט אַ פרעגנדיקן בליק.

— נו, וואָס וועט איר זאָגן דערצו?

— וואָס זאָל איך אייך זאָגן? איך האָב דאָך שוין איינמאָל
געזאָגט, אַז איך פאַרשטיי ווייניק טיפינאַר־לשון.

— זאָל איך אייך אפשר העלפן? — האָט פאָרגעלייגט מיין
חבר.

מאָראַנזשס שמחה איז געווען אַזוי בולט, אַז איך האָב זי
אים נישט געוואָלט פאַרשטערן.

— די ערשטע זאַך, וואָס וואַרפט זיך אין די אויגן אין אָט
דער אויפשריפט — האָט אָנגעהויבן מאָראַנזש — איז דאָס, וואָס
זי ווערט צוויי מאָל איבערגעחזרט אין אַ פאָרם פון אַ צלם. איך מיין

דערמיט, אַז ער אַנטהאַלט צוויי מאָל דאָסזעלביקע וואָרט פון אויבן אַראָפּ און פון רעכטס אויף לינקס. דאָס וואָרט באַשטייט פון זיבן אותיות, פון וועלכע דאָס פערטע אות איז דער צענטר. שוין די צלם-אָרדנונג גופא, וואָס קומט פאָר אַזוי זעלטן אין טיפינאַר-כתב, האָט אַ סך צו זאָגן, ס'איז אָבער דאָ פאַרהאַן נאָך עפּעס אינטערעסאַנטס. לאָמיר פּרוּוון לייענען.

מאַכנדיק טעותן אָן אויפהער, האָב איך צולעצט מיט מאָראַנזשס הילף איבערגעלייענט דאָס פאַרצייכנטע וואָרט.

— איר פאַרשטייט? — האָט מאָראַנזש געפרעגט.

— אַ קאָפּ נישט — האָב איך געענטפערט אַביסל מיט אומגעדולד. — „א. נ. ט. י. נ. ה. א.”:

— „אַנטינהאַ”. „אַנטינהאַ” — אַזאַ וואָרט איז מיר נישט באַקאַנט אין די סאַהאַרישע דיאַלעקטן.

מאָראַנזש האָט אַזש געריבן די הענט פון פאַרגעניגן.

— די מעשה איז, אַז די דאָזיקע אויפשריפט איז אַן אייגנאַרטיקע אין איר אַרט.

— וואָס הייסט?

— אַזאַ וואָרט אָדער אַן ענלעך וואָרט איז טאַקע נישטאָ, נישט אין אַראַביש און נישט אין קיין שום בערבערישן דיאַלעקט.

— אַלזאָ?

— מיר האָבן אַזוי פאַר זיך אַ וואָרט פון אַן אומבאַקאַנטער שפּראַך, געשריבן אין טיפינאַר-כתב.

— אין וואָס פאַר אַ שפּראַך, רעכנט איר, זאָל זיין אָט דאָס וואָרט?

— דערמאָנט זיך, אַז אין טיפינאַר-כתב עקזיסטירט נישט דאָס אות „ע”, איז עס פאַרטרעטן דורך דעם ענלעכסטן פאָנעטישן צייכן, דורך אַ „ה”, און אַוועקשטעלנדיק די „ע” אויפן געהעריקן אָרט, וועלן מיר באַקומען —

— „אַנטינעאַ“

— אַנטינעאַ, גאַנץ ריכטיק. מיר האָבן אַזוי אַ גריכיש וואָרט, געשריבן אין טיפֿינאַר־כתב. איך גלייב, אַז אַצינד וועט איר צוגעבן, אַז מיין אַנטדעקונג האָט אַ געוויסן אינטערעס.

דעם טאָג האָבן מיר זיך שוין נישט פֿאַרנומען מיט לייענען טעקסטן. פּלוצלינג האָט זיך דערהערט איגדרויסן אַ שרעקלעך פֿאַרצווייפֿלט געשריי.

מיר זענען אַרויסגעלאָפֿן פֿון דער הייל און פֿאַר אונדזערע אויגן האָט זיך פֿאָרגעשטעלט אַ משונהדיק בילד.

דער הימל איז קלאָר, אָבער דער שטראָם האָט נאָך ווייטער געקייקלט זיינע שוימענדיקע כוואַליעס, און צווישן זיי האָט זיך געטראָגן עפּעס אַ גרויע, ווייכע מאַסע. צו אונדזער גרעסטער פֿאַרוואונדערונג, האָט זיך נאָך איר אַ וואָרף געטון אין וואַסער אונדזער בו־דזשעמאַ.

אָט דער מענטש, וואָס איז שטענדיק געווען אַזוי שטיל און רויק, איז איצט אַרויס פֿון די כּלים.

איך האָב אָנגעכאַפּט מאָראַנזשן באַם אָרעם.

די גרויע מאַסע האָט זיך באַוויזן, באַלד האָט זיך באַוויזן פֿון וואַסער אַן אויסגעמאַטערטער האַלז פֿון אַ קעמל, וועלכער האָט אַרויסגעלאָזט משונה־ווילדע קולות.

— וואָס פֿאַר אַ נאַכלעסיקייט! — האָב איך אויסגערופֿן — דאָס איז איינער פֿון אונדזערע קעמלען. מען האָט אים געלאָזט אַוועקגיין, און דער שטראָם האָט אים אַוועקגעטראָגן.

— איר האָט אַ טעות — האָט אָפּגעענטפֿערט מאָראַנזש — אַלע אונדזערע קעמלען זענען אין דער הייל, אָט דער איז גאָר נישט אונדזערער. און דער אַנגסט־געשריי, וואָס מיר האָבן נאָר וואָס געהערט, קומט נישט פֿון בו־דזשעמאַ; בו־דזשעמאַ איז איצט פֿאַר־

נומען נאָר מיט איין געדאַנק, צו פאַרכאַפּן דעם שווימענדיקן פרעמדן קעמל.

— ווער־זשע האָט אַ געשריי געטון?

— לאָמיר גיין אַ שטיקל וועגס אַרויף מיטן שטאָרם.

און נישט וואַרטנדיק אויף מיין ענטפער, איז ער געגאַנגען לענגויס דעם שטייניקן ברעג.

מען קען זאָגן, אַז אין דעם מאָמענט איז מאַראַנזש אַקעגן געגאַנגען זיין גורל.

איך האָב אים נאָכגעפאָלגט.

מיט די גרעסטע שוועריקייטן זענען מיר דורכגעגאַנגען צוויי, דריי הונדערט מעטער.

פּלוצעם האָבן מיר באַמערקט באַ אונדזערע פיס אַ קליינעם אויסגוס, וואָס איבער זיינע כוואַליעס האָט זיך געשאָקלט עפּעס אַ שוואַרצע זאַך.

צוקומענדיק צום סאַמע ברעג, האָבן מיר דערזען, אַז דאָס איז אַ מענטש אָנגעטון אין אַ לאַנגן, טונקל־בלויען מאַנטל פון די טואַרעגן.

— גיט מיר די האַנט — האָט מאַראַנזש געשריגן — און מיט דער אַנדערער שפּאַרט אייך אָן אין פעלזן!

מאַראַנזש איז געווען זייער קרעפטיק, און אין איין אויגנבליק האָט ער אַרויסגעצויגן דעם מענטש אויפן ברעג.

— ער לעבט נאָך, — האָט ער באַשטעטיקט מיט צופרידנקייט — מען מוז אים אַריינטראָגן אין הייל. דאָ איז נישטאָ קיין אָרט צו ראַטעווען אַ דערטרונקענעם.

ער האָט אויפגעהויבן דעם קערפּער אויף זיינע שטאַרקע אָרעמס.

— לויט זיין וווקס איז ער געוואַלטיק לייכט.

איידער מיר זענען צוגעקומען צו דער הייל, האָט דער מאַנטל

פון טאַרגיִער זיך שוין כמעט געהאַט אויסגעטרוקנט. ער האָט געלאָזט די פאַרב אַזוי, אַז דער פאַרחלשטער האָט באַקומען אַן אינדיגאָ־קאָליר.

ווען איך האָב אים איינגעגעבן אַ פּאָרציע ראָם, האָט ער געעפנט די אויגן און אונדז ביידע אָנגעקוקט מיט פאַרווונדערונג, דערנאָך האָט ער זיי צוריק צוגעמאַכט און אַרויסגעברומט אין אַראַביש מיט אַ קוים פאַרשטענדלעכער שטימע ווערטער, וואָס זייער ריכטיקע באַדייטונג האָבן מיר פאַרשטאַנען ערשט מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער:

— „צי זאָל איך שוין האָבן דערגרייכט דעם ציל פון מיין מיסיע?“

— וואָס פאַר אַ מיסיע?

— לאָזט אים קומען צו זיך אינגאַנצן, — האָט אָפּגעענטפערט מאָראַנזש — עפנט אַ פּושקע קאָנסערוון און גיט אים עפּעס אין מויל אַריין. האָט נישט קיין מורא, ס'וועט אים נישט פאַרשאַטן. אָט די לייט האָבן אַנדערע מאָגנס ווי די אייראָפּעער.

דער מענטש, וועלכן מיר האָבן אַרויסגעראַטעוועט פון וואַסער, איז געווען אַ ריז.

די געזיכט־ציגן זענען געווען רעגלמעסיק און אַפילו שיין. די הויפּט־פאַרב איז געווען העל, די באָרד אַ שיטערע. לויט די גרויע האָר האָט מען געדאַרפט רעכענען, אַז ער איז שוין בערך אַ זעכציקער.

ווען איך האָב אַוועקגעשטעלט פאַר אים אַ פּושקע פליישקאָנסערוון, האָבן זיינע אויגן אַ פונקל געטון פאַר פרייד. די פּושקע האָט אַנטהאַלטן פיר פּאָרציעס פלייש. ער האָט זיי איינגעשלונגען אין איין אָטעם.

— ער האָט נישט קיין שלעכטן אַפּעטיט! מיר קענען אים אָנהייבן אויסצופרעגן.

דער טאַרגיער האָט זיך איבערגעדעקט מיט זיין בלויען טלית און געזאָגט אַ תפילה.

ער האָט עס אייגנטלעך געדאַרפט טון פאַרן עסן, אָבער דער הונגער האָט אים קענטיק געצווונגען אָפּצולייגן עס אויף נאָכן עסן. פון אונטערן טלית האָט מען אַרויסגעזען בלויז זיינע אויגן, וועלכע האָבן אויף אונדז געקוקט מיט אַ פינסטערער מינע.

— פראַנצויזישע אָפיצירן, — האָט ער געשעפטשעט גאָר שטיל.

דערנאָך האָט ער גענומען מאַראַנדזשס האַנט, זי צוגעלייגט צו זיין ברוסט און צוגעדריקט צו זיינע ליפּן.

פלוצלינג האָט אין זיינע אויגן אַ בליץ געטון אַן אויסדרוק פון שרעק.

— וווּ איז מיין קעמל?

איך האָב געענטפערט, אַז אונדזער וועג־ווייזער ראַטעוועט אים.

דער טאַרגיער האָט ווייטער אָנגעהויבן צו דערציילן, אַז זיין קעמל האָט זיך אויסגעגליטשט און איז אַריינגעפאַלן אין וואַסער. ווען עס ראַטעווען, איז ער מיטגעריסן געוואָרן מיטן שטראָם, האָט זיך אָנגעקלאַפּט מיטן קאָפּ אָן אַ שטיין און אַ געשריי געטון. וואָס עס איז דערנאָך געווען — געדענקט ער נישט.

— ווי הייסטו? — האָב איך געפרעגט.

— עג־אַנטועץ.

— פון וואָס פאַר אַ שבט ביסטו?

— פון שבט קעל־טאַאַם.

— אַלע קעל־טאַאַטער זענען, דאַכט זיך, אונטערגעוואָרפן דעם שבט קעל־רעלאַ, די יחסנים פון האָגאַר?

— יאָ, — האָט ער אָפּגעענטפערט, קוקנדיק אויף מיר פון אַ זייט.

איך האָב געהאַט דעם איינדרוק, אַז ער האָט נישט ליב צו רעדן וועגן זאַכן, וואָס זענען נוגע האַגאַר.

— דער שבט קעל־טאַאַט ווייסט, אויב איך האָב קיין טעות נישט, אין דרום־מזרח פון אַטאַקאַר־האַגאַרן. וואָס האָסטו דאָ געטון אַזוי ווייט פון דיין געגנט?

— איך בין געפאָרן איבער טיט קיין אין־סאַלאַ.

— וואָס האָסטו דאָרט צו טון?

ער האָט געוואָלט ענטפערן. פּלוצלינג האָט ער אַ ציטער געטון. זיין דערשטוינטער בליק איז געווען געווענדט אויף איין פּונקט פון דער הייל. מיר האָבן אַ קוק געטון אין יענער זייט און דערזען די אויפשריפט, וואָס האָט מיט אַ שעה פריער אַזוי שטאַרק דערפרייט מאָראַנזשן.

— צי קענסטו אָט די אויפשריפט? האָט דער קאַפּיטאַן געפרעגט מיט ניגער.

דער טאַרגיער האָט גאָרנישט געענטפערט, אָבער זיינע אויגן האָבן מאָדנע אַ פינקל געטון,

— צי קענסטו? — איז צוגעשטאַנען מאָראַנזש און דערנאָך צוגעגעבן:

— אַנטינעאַ?

— אַנטינעאַ — האָט יענער נאָכגעזאָגט און אַנטשוויגן געוואָרן.

— ענטפער־זשע דעם קאַפּיטאַן — האָב איך אויסגעשריגן, פילנדיק, אַז אַ כעס באַפאַלט מיך.

דער טאַרגיער האָט אויף מיר געקוקט.

איך האָב געמיינט, אַז ער וויל רעדן. אָבער מיטאַמאָל זענען זיינע אויגן ווי פאַרגלייזט געוואָרן.

מאָראַנזש און איך האָבן זיך אָפּגעווענדט פון אים.

באַם איינגאַנג אין הייל האָט זיך באַוויזן בו־דזשעמאַ א פאַרמאַטערטער און פאַרסאַפּעטער.

קאַפּיטל VI

פאַרסמט פון סאַלאַט

אין דעם מאָמענט, ווען עג־אַנטעווען און בו־דשעמאַ האָבן זיך געפונען אויג־אויף־אויג, האָט זיך מיר געדאַכט, אַז זיי האָבן ביידע אַ ציטער געטון.

דאָס איז אַפילו געווען בלויז אַ פאַריבערגייענדיקער איינדרוק, דאָך האָב איך באַשלאָסן שפּעטער אויסצופרעגן בו־דזשעמאַן וועגן אונדזער נייעם חבר.

אויסגעמאַטערט פון אַלע איבערלעבענישן, האָבן מיר באַשלאָסן דעם טאָג ווייטער נישט צו פאָרן און איבערצונעכטיקן אין דער הייל.

ווען איך האָב צומאָרגנס אינדערפרי נאָכגעקוקט אין דער מאַפּע די ריכטונג פון אונדזער ווייטערדיקן וועג, איז מאַראַנזש צוגעקומען צו מיר. ער האָט אויסגעזען צו זיין אַביסל אין פאַרלעגנהייט.

— אין דריי טעג אַרום וועלן מיר זיין אין שיך־סאַלאַ — האָב איך געזאָגט — און אפשר נאָך איבערמאָרגן אָוונט, אויב אונדזערע קעמלען וועלן גוט גיין.

— מיר וועלן זיך אפשר פריער צעשיידן — האָט ער אַרויסגעשטאַמלט.

וואָס הייסט?

— איך האָב אומגעענדערט אביסל מיין מאַרשרוט. איך וועל נישט גיין גלייך אין דער ריכטונג פון טימישאָאַ, איך וועל מיך פאַרקערעווען אַביסל צו די בערג פון האָגאַר.

איך האָב אַ קנייטש געטון דעם שטערן.

— וואָס איז דאָס פאַר אַ נייער פּלאַן?

גלייכצייטיק האָב איך געזוכט מיט די אויגן עג-אַנטעוען, וועלכן איך האָב געזען פריער שמועסן מיט מאַראַנזשן.

ער איז געזעסן מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ און צוגעבונדן זיך אַ סאַנדאַל.

— אַט דער מענטש — האָט דערקלערט מאַראַנזש, אַלעמאָל מער פאַרלוירן — האָט מיר דערציילט, אַז אַזעלכע אויפשריפטן זענען פאַרהאַן אין פיל היילן אין מערב-האָגאַר, און זיי ליגן נאָענט פון וועג, איבער וועלכן ער קערט זיך אום אַהיים. דער דאָזיקער וועג פירט איבער טיק און טילעט קיין טימיסאַאַ און איז אויף אַ העלפט קירצער ווי יענער, וועלכן איך וואָלט געוואָלט דורכגיין נאָכן צעשיידן זיך מיט אייך פון שין-סאַלאַ קיין טימיסאַאַ. איר זעט אַליין, אַז אין אַלע הינזיכטן איז פאַר מיר בעסער צו גיין מיט אָט דעם וועג.

— איך האַלט נישט דעם וועג פאַר בעסער, — האָב איך זיך אָפּגערופן — צי האָט איר שוין באַשלאָסן אַזוי צו טון?

— באַשלאָסן — האָט ער געענטפערט.

— ווען האָט איר בדעה מיך צו פאַרלאָזן?

— מסתמא נאָך היינט. דער וועג איבער וועלכן עג-אַנטעוען וועט גיין קיין האָגאַר, שניידט דורך אונדזערן אויף אַ שטרעקע פון פיר וויאָרסט פונדאַנען. אגב האָב איך צו אייך אַ בקשה.

— ביטע זייער.

— צי וואָלט איר מיר נישט געקענט לאָזן פאַרן טאַרגיער איינעם פון די לאַסט־קעמלען?

— דאָס קעמל, וואָס פירט אייער באַגאַזש געהערט צו אייך, אַזוי גוט, ווי אייער רייט־קעמל, — האָב איך געענטפערט קאַלט.

מיר האָבן געשוויגן אַ גוטע מינוט. איך האָב שטודירט די מאַפּע.

— צי קענט איר מיר געבן אייער וואָרט, אַז נאָכדעם, ווי איר וועט האָבן באַטראַכט יענע היילן, וועט איר גיין קיין טימיסאַאָ איבער טיט און סילעט?

ער האָט מיך אָנגעקוקט, נישט פאַרשטייענדיק, וואָס איך מיין דערמיט.

— למאי פרעגט איר מיך?

— ווייל אויב איר גיט מיר אייער וואָרט דערויף און אויב מיין געזעלשאַפט וועט אייך נאָר נישט זיין דערווידער, וואָלט איך אייך באַגלייט. דאָס וועט פאַרלענגערן מיין וועג נישט מער ווי אויף צוויי הונדערט קילאָמעטער. וועל איך אָנקומען קיין שיך־סאַלאַ פון דרום־זייט אָנשטאָט פון מזרח־זייט.

מאָראַנזש האָט אַ קוק געטון אויף מיר גערירט.

— למאי טוט איר דאָס? — האָט ער געשעפטשעט.

— מיין טייערער פריינט, — דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל, וואָס איך האָב געגעבן מאָראַנזשן אַזאַ נאָמען, — מיין טייערער פריינט. איך האָב אַ חוש, וואָס פאַרשאַרפט זיך זייער שטאַרק אין דער מדבר, נעמלעך: אויסצופילן די קומענדיקע געפאַר. נעכטן אינדערפרי, בשעתן שטורם־ווינט, האָב איך אייך געגעבן אַ קליינעם ביישפיל דערפון. איך האָב דעם איינדרוק, אַז באַ אייערע אַלע קענטעניש האָט איר נישט קיין ריכטיקן באַגריף, וואָס איז אַזוינס האָגאַר און וואָס פאַר אַ באַגעגעניש מען קען דאָרט האָבן. וועל איך אייך דערום נישט לאָזן אַליין.

— איך האָב אַ וועג־ווייזער, — האָט ער אָפּגעענטפערט מיט זיין ווונדערלעכער גאַיוויטעט.

עג־אַנטעוען האָט זיך נאָך אַלץ געפּאַרקעט אַרום סאַנדאַל. איך בין צו אים צוגעגאַנגען.

— דו האָסט געהערט, וואָס איך האָב געזאָגט דעם קאַפּיטאַן?

— יאָ — האָט געענטפערט רויק דער טאַרגיער.

— איך וועל אים באַגלייטן. מיר וועלן דיך פאַרלאָזן אין שיט און אַהין זאָלסטו אונדז צופירן בשלום. ווו איז דאָס אָרט, וווּהין דו ווילסט פירן דעם קאַפּיטאַן?

— איך וועל פירן — האָט געענטפערט קאַלט דער טאַרגיער, — ער האָט מיך וועגן דעם געבעטן. היילן מיט אויפשריפטן זענען פאַרהאַן אויף דריי טעג גאַנג פון דאַנען אין דרום, אין די געבערג. דער וועג איז תחילת אַ שווערער, אָבער דערנאָך גייט ער אַלעמאָל לייכטער. די טואַרעגן, וואָס זענען פיינטלעך צו די פראַנצויזן, שטערן נישט אָנצוטרינקען די קעמלען פון זייערע ברונעמס.

— און דעם וועג קענסטו גוט?

ער האָט אַ הייב געטון מיט די פּלייצעס, און אין זיינע אויגן האָט זיך באַוויזן אַ פאַראַכטנדיקער שמייכל.

— איך בין שוין געגאַנגען איבער דעם וועג אַ מאָל צוואַנציק. אַלזאָ, מאַרש אין וועג אַריין.

מיר זענען געגאַנגען צוויי שעה דורכאַנאַנד.

אין דער צייט האָב איך נישט גערעדט קיין וואָרט מיט מאָראַנזשן. איך האָב גוט פאַרשטאַנען, וואָס פאַר אַ משוגעת מיר טוען לאָזנדיק זיך אין די אומבאַקאַנטע און געפערלעכע געגנטן פון דער סאַהאַראַ.

ס׳האָט מיך אָבער געצויגן אַהין ווי אַ מאַגנעט. איך האָב געפילט, אַז מיר גייען אין אַ ווונדערלאַנד, ווו עס דערוואַרטן אונדז

אויסטערלישע, געפערלעכע זאכן. לאנג קען מען נישט זיין אום-באשטראפט דורך דעם גייסט פון דער וויסטעניש. עס קומט א צייט ווען ער באווייזט זיינע ווילדע כוחות.

וואס שטעקט דארט ווייט הינטער די טונקעלע פעלזן? וואס פאר א סוד ליגט דארט פארבארגן?

און מיר גייען אלץ ווייטער און ווייטער...

— צי זענט איר ווייניקסטנס זיכער, אז די אויפשריפטן זענען ווערט די מי? — האב איך געפרעגט מאראנזשן.

מיין חבר האט א ציטער געטון.

איך האב פארשטאנען, אז אים פייניקט אלץ דאס געוויסן, טאמער פאר איך מיט קעגן מיין ווילן. און ער האט זיך אנגע-כאפט אין דער געלעגנהייט מיך איבערצוצייגן, אז ס'לוינט זיך יא צו מאכן די נסיעה.

— קיינמאל האט מען נאכנישט געפונען קיין גריכישן אויפ-שריפט אין אט די מקומות — האט ער געזאגט מיט באגייסטע-רונג — געדענקט, אז מיר האבן דא צו טון מיט האגאר. אמת, אז די אויפשריפט איז אין טיפינאר-כתב, אבער דאדורך איז איר ווערט נאך גרעסער.

— וואס באטייט נאך אייער מיינונג דאס דאזיקע ווארט?

— „אנטינעא" קען זיין נאר א נאמען פון א מענטש. וועמענס נאמען דאס איז, ווייס איך דערווייל נאכנישט. וואס איז שייך דעם שורש פון ווארט, קען מען זאגן צענדליקער טייטשן, בפרט, אז דאס טיפינאר-כתב שטימט נישט מיטן גריכישן כתב און מען קען דעריבער מאכן פארשידענע השערות.

אין דעם מאמענט האט זיך איבערגעריסן דער גורט פון איינעם פון די לאסט-קעמלען און א טייל באגאזש איז אראפגע-פאלן אויף דר'ערד. עג-אנטעוען איז אראפ פון קעמל און געהאלפן בו-דזשעמאן צוריק ארויפלייגן דעם באגאזש.

ווי זיי האָבן געענדיקט די אַרבעט, האָב איך געלאָזט מיין קעמל גיין באַ דער זייט פון בו-דזשעמאַס קעמל.

— באַ דעם קומענדיקן אָפּשטעל וועט מען דאַרפן בעסער צובינדן דעם באַגאַזש. מיר וועלן פאָרן באַרג אַראָפּ.

דער וועג-ווייזער האָט געקוקט אויף מיר מיט פאַרוווּנדערונג. ביז אַהער האָב איך געהאַלטן פאַר נישט נייטיק צו דערציילן איבּ וועגן אונדזער נייעם פּלאַן. איבעריקנס, האָב איך גערעכנט, אַז ער ווייסט שוין פון עג-אַנטעוען.

— הער פאָרוטשניק, אויפן וועג קיין שיך-סאַלאַ איז נישטאָ קיין בערג. — האָט געזאָגט בו-דזשעמאַ.

— מיר פאָרן איבער אַן אַנדערן וועג. מיר פאַרקערעווען קיין דרום-זייט איבער האָגאַר.

— איבער האָגאַר — האָט ער אַ ברום געטון — אָבער...

— וואָס אָבער?

— איך קען דעם וועג נישט.

— עג-אַנטעוען וועט אונדז פירן.

— עג-אַנטעוען!

איך האָב אַ קוק געטון אויף בו-דזשעמאַן, דער דומפּיקער קלאַנג פון זיין שטימע האָט מיר אַ זעץ געטון אין האַרץ. ער האָט מיט שרעק און פאַרוווּנדערונג געוואָרפן אַ בליק אויפן טאַרגיער.

עג-אַנטעוענס קעמל האָט געשפּרייזט אַן ערך צען מעטער פאָרויס לעבן מאָראַנזשס קעמל. זיי האָבן גערעדט צווישן זיך.

איך האָב מיך משער געווען, אַז מאָראַנזש שמועסט מיט אים מכוח די אויפשריפטן. מיר זענען אָבער געווען צו נאָנט, און זיי וואָלטן געקענט הערן, וואָס מיר רעדן.

איך האָב ווידער אַ בליק געטון אויף אונדזער וועג-ווייזער ער איז געווען בלייך ווי קאַלך.

— וואָס איז דיר, בו־דזשעמאַ, וואָס איז דיר? — האָב איך געפרעגט שטיל.

— נישט דאָ, הער פּאָרוטשניק, נישט אַצינד! — האָט ער אַ ברום געטון.

זײַנע צײן האָבן געקלאַפּט ווי אין אַ פיבער.

— נישט דאָ. אין אָוונט אויפן אָפּשטעל, ווען ער וועט זאָגן אַ תפילה, מיטן פּנים צו מזרח. דאַמאָלס וועסטו מיך צורופן, וועל איך דיר זאָגן. אָבער נישט דאָ. ער רעדט און הערט. גיי אַוועק, גיי צום קאַפּיטאַן.

— דאָ איז עפּעס נישט גלאַט, — האָב איך מיר געטראַכט, און אונטערטרײַבנדיק דאָס קעמל, האָב איך מיך אויסגעגלײַכט מיט מאַראַנזשן.

אַרום פינף אַ זייגער נאָכמיטאָג האָט עג־אַנטעוען, וועלכער איז געפאָרן פאָרויס זיך אָפּגעשטעלט.

— אָט דאָ, — האָט ער געזאָגט, אַרױפּשרײַענדיק אויף דער ערד.

די געגנט איז געווען אַ שײנע און אַ ווילדע. צו דער לינקער זײַט, אויפן גרונט פון בלויטיקן הימל, האָט זיך אויפגעהויבן אַ גרויע וואַנט פון גראַניט־בערג. די וואַנט איז געווען צעשפּאַלטן פון אויבן ביז אַראָפּ דורך אַ געדרייטן קאָרידאָר פון טויזנט מעטער טיף און ברייט, אַזוי שמאָל, אַז דרײַ קעמלען האָבן קוים געקענט אַדורכגיין.

— אָט דאָ — האָט איבערגעחזרט דער טאַרגיער.

צו מזרח־זײַט אין גלאַנץ פון דער פאַרגײענדיקער זון, האָט זיך געשלענגלט דער ווײַסער וועג־פּאַס, וועלכן מיר האָבן געזאָלט פאַרלאָזן.

פון איין זײַט אַ ווײַסער טאָל, דער וועג קיין שיך־סאַלאַ, אַ באַקאַנטער אָפּרו־פּלאַץ, מיט גוטע ברונענס, און פון דער אנדערער זײַט יענע שוואַרצע וואַנט מיטן פינסטערן קאָרידאָר.

איך האָב אַ קוק געטון אויף מאָראַנזשן.

— לאָמיר דאָ זיך אָפּשטעלן, — האָט ער געזאָגט, — עג־אַנטעוען עצהט אונדז אָנצונעמען דאָ אַ פולן זאַפּאַס פריש וואַסער.

מיר האָבן באַשלאָסן איינשטימיק צו פאַרברענגען דאָ די נאַכט, איידער מיר וועלן זיך אַריינלאָזן אין די געבערג.

ס'איז דאָ געווען אַ קליינער קוואַל, וואָס האָט זיך אַרויסגעגאָסן פון אַ טונקעלן בעקן, עטלעכע קוסטעס און אַ ביסל גרינס.

די קעמלען האָבן שוין גענומען ציפּן דאָס גראָז, בו־דזשעמאַ האָט אויסגעשטעלט אויף אַ גרויסן פלאַכן שטיין אונדזער חעג־טיש־געשיר, אַ פּאָר בעכערס און צינערנע טעלערס.

לעבן אַ שיסל מיט סאַלאַט, וואָס ער האָט אָנגעריסן באַ די ברעגעס פון קוואַל האָט, ער אַוועקגעשטעלט אַ געעפנטע פּושקע קאָנסערוון. נאָך דער נערוועזשקייט פון זיינע באַוועגונגען האָב איך פאַרשטאַנען ווי אומרואיק ער איז.

אין מאָמענט, ווען ער האָט זיך אַריבערגעבויגן איבער מיר צו דערלאַנגען מיר אַ טעלער, האָט ער אָנגעוויזן מיט אַ פינגער אויפן פינסטערן קאָרידאָר, אין וועלכן מיר האָבן זיך געזאָלט אַריינלאָזן.

— בלאַד־על־קיף! — האָט ער אַ ברום געטון.

— וואָס רעדט ער? — האָט אַ פרעג געטון מאָראַנזש, וועלכער האָט באַמערקט זיין באַוועגונג.

— בלאַד־על־קוף — דאָס לאַנד פון פּחד. אַזוי רופן אָן די אַראַבער האָגאַר.

בו־דזשעמאַ האָט זיך אַוועקגעזעצט אָן אַ זייט, איבערלאָזנדיק אונדז אַליין באַם מיטאָג. זיצנדיק מיט די פיס אונטער זיך, האָט ער געגעסן זיין חלק סאַלאַט, וואָס ער האָט פאַר זיך געלאָזט.

עג־אַנטעוען איז געזעסן אומבאַוועגלעך. מיטאַמאָל האָט ער זיך אויפגעהויבן.

פֿון דער זון אויף מערבֿ־זײַט איז געבליבן נישט מער ווי אַ בלוטיקער פֿלעק. דער טאַרגיער האָט זיך דערנענטערט צום קוואַל, אויסגעשפּרייט אויף דער ערד זײַן בלויען בורנוס און אַנידערגעקניט.

— איך האָב נישט גערעכנט, אַז די טואַרעגן זענען אַזוי אָפּגעהיטן אין דאַוונען, האָט אַ זאָג געטון מאַראַנזש.

איך האָב אַצינד געהאַט עפּעס אַנדערש אין זין.

— בו־דזשעמאַ! — האָב איך גערופֿן.

גלײַכצײַטיק האָב איך אַ קוק געטון אויף עג־אַנטעוועגן. געווענדט מיטן פּנים צו מזרח־זײַט און פֿאַרטיפֿט אין דאַווענען, האָט ער קענטיק נישט געזען, וואָס אַרום אים טוט זיך.

ווען ער האָט געהאַלטן בײַ כּורעים־פֿאַלן, האָב איך גערופֿן מיט אַ העכערער שטימע:

— בו־דזשעמאַ, קום צו מײַן קעמל, איך דאַרף עפּעס אַרויסנעמען פֿון די זעק. — פּאַמעלעך, שטיל, אויף די קניען האָט עג־אַנטעוועגן געברומט זײַן תּפֿילה.

בו־דזשעמאַ האָט זיך נישט אַ ריר געטון פֿון אָרט.

אָנשטאָט אַן ענטפֿער האָב איך געהערט אַ דומפּיקן קרעכץ. מיר זענען בײדע אויפֿגעשטאַנען און צוגעלאָפֿן צום וועג־ווײַזער.

עג־אַנטעוועגן איז שוין אויך געווען לעבן אים.

אַ פֿאַרשטײַפֿטער און מיט פֿאַרמאַכטע אויגן איז בו־דזשעמאַ געלעגן אין מאַראַנזשס אָרעמס.

איך האָב אים אָנגעכאַפּט בײַ איין האַנט, עג־אַנטעוועגן — בײַ דער אַנדערער און גענומען אים מונטערן. יעדער האָט געוואָלט טרעפֿן צו פֿאַרשטיין, וואָס דאָ איז געשען.

פּלוצלינג איז עג־אַנטעוועגן אויפֿגעשפּרונגען. ער האָט באַמערקט ליגן אויף דער ערד אַ שיסעלע, וואָס דער אַראַבער האָט נישט לאַנג געהאַלטן צווישן זײַנע קניען.

ער האָט עס אויפגעהויבן, באַטראַכט גענוי עטלעכע סאַלאַט-פּלעטלעך, וואָס זענען אויף אים געבליבן און אַרויסגעלאָזט אַן אַנגסט-אויסגעשריי:

— איצט וועט ער משוגע ווערן! — האָט מאַראַנוש געזאָגט.

איך האָב זיך איינגעקוקט אין אַנטעוען. אָן אַ וואָרט צו רעדן האָט ער זיך אַ וואָרף געטון צו אונדזער טיש-געשיר און דערנאָך זיך געווענדט צו אונדז, האַלטנדיק אין דער האַנט דאָס שיסעלע מיט סאַלאַט, וואָס מיר האָבן נישט אָנגערירט.

אַרויסנעמענדיק פון בו-דזשעמאַס שיסעלע אַ גרינעם פליישיקן בלאַט, האָט ער אים פאַרגלייכט מיט די בלעטער פון אונדזער פּולמעסיק.

אַפּאַלעלע! — האָט ער אַ זאָג געטון.

אַ שוידער האָט מיך דורכגענומען, דאָס איז געווען דער אַפּאַלעלע, דער „פּאַלאַסיעז" פון די סאַהאַראַ-אַראַבער, דאָס שרעקלעכע געוויקס, פון וועלכן אַ טייל פון פלאַטערס עקספּעדיציע האָט מער געליטן ווי פון די טואַרעגן.

דער הויכער סילועט פון עג-אַנטעוען האָט זיך געצייכנט אויפן גרונט פון בלייכן לילאַ-באַפאַרבטן הימל-ראַנד.

ער האָט געקוקט אויף אונדז.

און ווען מיר זענען ווידער צוגעלאָפן ראַטעווען דעם אומגליקלעכן וועג-ווייזער, האָט ער ווידער אַרויסגעשטאַמלט „אַפּאַלעלע", און געשאָקלט מיטן קאָפּ.

בו-דזשעמאַ איז געשטאָרבן אינמיטן דער נאַכט, נישט קומענדיק צום באַוווסטזיין.

קאַפּיטל VII

דאָס לאַנד פון פחד

— אונדזער נסיעה — האָט געזאָגט מאָראַנזש — וואָס איז געווען אַזוי לאַנגווייליק, הייבט אָן צו ווערן אינטערעסאַנט.

אָט די ווערטער האָט ער געזאָגט, בשעת ער האָט זיך אויפֿגעהויבן פון קניען אויפן קבר, ווו מיר האָבן באַהאַלטן אונדזער טראַגיש אומגעקומענעם וועג־ווייזער.

צוויי טעג דורכאַנאַנד זענען מיר געגאַנגען אין אַ וויסטער געגנט, צווישן אַ לאַבירינט פון שוואַרצע שטיינער, ווו מיר האָבן געהערט בלויז דאָס ווידערקול פון די שטיינער, וואָס האָבן זיך געקייקלט אין אָפּגרונט אונטער די פיס פון די קעמלען.

עג־אַנטעוען איז געגאַנגען פאָרויס, נאָך אים מאָראַנזש און איך דער לעצטער.

פאַר מיינע אויגן זענען דורכגעגאַנגען אונטערעסאַנטע מוסטערן פון שטיינער און ערד־סאָרטן. איך האָב זיי אָבער נישט געשענקט קיין אויפמערקזאַמקייט.

אַ געוואַלטיקער בייגער פאַרכאַפּט מיך אַזוי גוט ווי מאָראַנזשן, און אויב מען וואָלט מיר אַצינד געזאָגט: „מיר טון אַ גרויס באַרישקייט, לאָמיר זיך אומקערן צוריק אויפן אויסגעטרעטענעם וועג“,

וואָלט איך אים תּיכּף אָפּגעענטפערט: „איר מעגט טון, וואָס איר ווילט, איך גיי ווייטער."

אויפן צווייטן טאָג אין אָוונט האָבן מיר זיך געפונען באַם פֿוס פון אַ שוואַרצן באַרג, וואָס זיינע שאַרפע שפּיצן האָבן זיך אויפגעהויבן אויף צוויי טויזנט מעטר איבער אונדזערע קעפּ.

דאָס איז געווען אַן אַרט קאָלאָסאַלער באַסטיאָן, אַ מין מיטלאַלטערלעכע פעסטונג.

מיר האָבן דאָ געפונען אַ ברונען און עטלעכע ביימער, די ערשטע זינט מיר האָבן זיך אַריינגעלאָזט טיף אין האָגאַר.

אַ גרופּע מענטשן האָבן אַרומגעריגלט די ברונען, און דערזעענדיק אונדז, האָבן זיי זיך צונויפגערוקט און אָנגענומען אַ דראָענדיקע שטעלונג.

— טואַרעג-ענגאַלי האָט זיך אָפּגערופן צו אונדז עג-אַנטעוען, און איז צוגעגאַנגען צו זיי.

דאָס זענען געווען שיינע מענטשן, אָט די טואַרעג-ענגאַלי, העכער אין וווּקס פון אַלע טואַרעגן, וואָס איך האָב ווען-עס-איז באַגעגנט.

זיי האָבן זיך אָפּגערוקט פון דער ברונען מיט אַן אומדערוואַרטעטער גיכקייט און געלאָזט אונדז נעמען וואַסער.

עג-אַנטעוען האָט זיי געזאָגט אַ פּאָר ווערטער. זיי האָבן אונדז אָנגעקוקט מיט אַ בייגער, וואָס האָט זיך געגרענעצט מיט שרעק, אָנגעפּאַלט מיט רעספּעקט.

זייער האַלטונג האָט מיך שטאַרק געוווּנדערט; זייער עלטסטער האָט נישט געוואָלט נעמען באַ אונדז די קליינע מתּנות, וואָס איך האָב אים פאַרגעלייגט. ער האָט קענטיק אויסגעמיטן מיין בליק.

ווען זיי זענען אַוועקגעגאַנגען, האָב איך אויסגעדריקט פאַר עג-אַנטעוענען מיין פאַרווונדערונג בנוגע זייער אָנשטענדיקער האַל-

טונג, צו וועלכע איך בין נישט געוווינט געווען בײַ מײַנע פֿריִערדיקע באַציִונגען מיט די סאַהאַראַ־שטאַמען.

— זיי האָבן צו דיר גערעדט מיט רעספּעקט, אַפֿילו מיט מורא — האָב איך אים געזאָגט — דער שבט עגאַל איז דאָך, ווי איך ווייס, אַ יחסנישער און דיין שבט קעל־טאַאַט איז אַ געמיינער פֿון וואַנען־זשע קומט אַזאַ רעספּעקט צו דיר?

— איך האָב זיי געזאָגט — האָט ער געענטפֿערט — אַז איך גיי מיט דיר און מיט דעם קאַפּיטאַן צום „באַרג פֿון די רוחות" זיי האָבן מורא פֿאַר אָט דעם באַרג. דו האָסט געזען, ווי זיי האָבן זיך אָפּגערוקט, דערהערנדיק בלויז דעם נאָמען פֿונם „באַרג.

— פֿירסטו אונדז אַלזאָ צום „באַרג פֿון די רוחות"? — האָט געפֿרעגט מאָראַנזש.

— יאָ — האָט געענטפֿערט דער טאַרגיִער — דאָרט זענען פֿאַרהאַן די אויפֿשריפֿטן, וועגן וועלכע איך האָב דיר געזאָגט.

— דו האָסט אונדז גאָרנישט דערציילט פֿריִער דערפֿון?

— למאי זאָל איך אייך דערציילן. די טואַרעגן האָבן מורא פֿאַר רוחות, אָבער איר, אייראָפּעער, האָט דאָך נישט קיין מורא פֿאַר זיי, איך ווייס, אַז איר מאַכט גאָר חוזק איבער דעם פֿון די טואַרעגן.

— און דו, — האָב איך געזאָגט — דו האָסט נישט קיין מורא פֿאַר די רוחות?

עג־אַנטעווען האָט מיר אָנגעוויזן אויף אַ בייטעלע פֿון רויטע לעדער, וואָס איז געהאָנגען איבער זיין ברוסט אויף אַ שנירל ווייסע קערנדלעך.

— איך האָב אַ קמיע פֿון הייליקן סידי־מוסאַ אַליין — האָט ער געענטפֿערט ערנסט — איבעריקנס, בין איך דאָך צוזאַמען מיט אייך. איר האָט מיר געראַטעוועט דאָס לעבן. איר האָט געוואָלט זען די אויפֿשריפֿטן, זאָל געשען דער ווילן פֿון אַללאַ!

אָפּזאָגנדיק דאָס, האָט ער זיך אָנידערגעזעצט די פיס אונטער זיך, אַרויסגעצויגן זיין לאַנגע פּיפּקע מיט אַ קופּערנעם דעקל און גענומען רייכערן.

— דאָס אַלץ הייבט אָן ווערן קשהדיק — האָט געברומט מאַראַנוש, צוקומענדיק צו מיר.

— ס'איז גאָרנישט — האָב איך געענטפערט — איר געדענקט געוויס די שטעלע בײַ באַרטן, ווו ס'ווערט דערציילט וועגן זיין עקסקורסיע אין „אידינען", דאָס איז דער „באַרג פון די רוחות" פון די טואַרעגן־אַנדזשער. דאָס אָרט האָט געהאַט אַזאַ שלעכטן שם, אַז קיין איינציקער טאַרגיער האָט אים נישט געוואָלט באַגלייטן. און דאָך איז ער צוריקגעקומען פון דאָרט.

— ער איז טאַקע צוריקגעקומען — האָט אָפּגעענטפערט מיין חבר — אָבער ער האָט דאָרט געבלאָנדזשעט און שיִער נישט אומגעקומען פון הונגער און דורשט. ער האָט געמוזט זיך אויפשניידן אַן אָדער, כּדי צו שטילן דעם דורשט מיט זיין אייגן בלוט, דאָס איז אַן אָנגענעמע פּערספּעקטיוו.

איך האָב אַ הייב געטון מיט די פּלייצעס, וואָס האָט געאָלט באַדייטן, אַז נישט איבער מיין שולד זענען מיר דאָ.

מאַראַנוש האָט פאַרשטאַנען מיין מיין און אָנגעהויבן זיך אַנטשולדיקן:

— איבעריקנס, בין איך זייער ביגעריק — האָט ער ווייטער געזאָגט מיט אַ געצוווּנגענער פרייליכקייט — צו באַקענען זיך מיט די דאָזיקע רוחות. פּאָמפּאָניוס מעלאַ רופט זיי אָן עגיפּאַנער, בלעמיענער, גאָמפאַזאַנען, סאַטירן.

„די בלעמינער, שרייבט ער, זענען אָן קעפּ און זייער פּנים איז אויף דער ברוסט. די סאַטירן האָבן נישט אין זיך קיין שום מענטשן־ענלעכס אויסער דאָס געזיכט."

— גלויבט מיר, אַז מיר זענען אויף די שפּורן פון אינטע-

רעסאַנטע אַנטדעקונגען, און אַז אַ שליסל צו זיי וועט זיין די אויפשריפט „אַנטיגנעאַ".

— שאַ, שטיל — האָב איך געזאָגט, לייגנדיק אַ פינגער אויפן מויל — הערט זיך איין.

עפּעס מאָדנע קלאַנגען האָבן זיך געלאָזט הערן אַרום אונדז, אַ קנאַקן און קרעכצן, וואָס האָט אָפּגעהילכט אין די אַרומיקע טאָלן. ס'האָט זיך געדאַכט, אַז דער גאַנצער טונקעלער באַרג האָט אָנגעהויבן פּלוצלינג צו קרעכצן.

מיר האָבן אַ בליק געטון אויף עג-אַנטעוען. ער האָט רויק גערייכערט זיין ליולקע.

— דאָס כאַפּן זיך אויף די רוחות — האָט ער געזאָגט איינפאַך.

מאַראַנזש האָט זיך איינגעהערט, אָן אַ וואָרט צו רעדן.

ער האָט גלייך פאַרשטאַנען מיט מיר די סיבה פון דידאָזיקע קולות: די אָנגעגליטע פעלזן קנאַקן, פּלאַצן אין דער אָפּגעקילטער נאַכטיקער אַטמאָספערע. אַ פיזישע דערשיינונג, וואָס דערמאָנט אָן זינגען פון דער מעמנאָן-סטאַטוע.

אָבער דערדאָזיקער אומגעריכטער קאָנצערט אין דער ווילדדער מדבר האָט זיך דאָך אָפּגערופן אויף אונדזערע געשפּאַנטע נערוון.

ס'זענען מיר געקומען אויפן געדאַנק די ווערטער פון אומגלייביקן בו-דזשעמאַ:

— דאָס לאַנד פון פחד — האָב איך געברומט שטיל.

— דאָס לאַנד פון פחד — האָט נאָכגעזאָגט מאַראַנזש.

ווען אויפן הימל האָבן זיך באַוויזן די ערשטע שטערנדלעך, האָט דער משונהדיקער קאָנצערט אויפגעהערט.

מיט אַ טיפער גערירטקייט האָבן מיר זיך צוגעקוקט, ווי אויפן הימל האָבן זיך אָנגעצונדן איינס נאָכן אַנדערן העל-בלויע

פייערלעך. אין אָט דעם שרעקלעכן מאָמענט זענען זיי געווען די איינציקע פעדעם, וואָס האָבן אונדז, פאַרלאָזענע און איינזאַמע וואַנדערער, צוזאַמענגעבונדן מיט אונדזערע ברידער אין צפון, וועלכע וואַרפן זיך אין אָט דער מינוט אונטערן גלאַנץ פון די עלעקטרישע לאָמפּן אין די אָרעמס פון די גרויסשטעטישע פאַרוויילונגען.

שעט-אַהאַדה עזאַ העטיזענעט:
מאַטערעדזשערע ד'ערערעדזשאַאָט,
מאַטעסעקסעק ד'עססעקאַאָט,
מאַטעלאַהרלאַהר ד'עללערהאַאָט,
עטטאַס דזשענען, באַראַד טיט-ענניט אַבאַטעט.

האָט טרויעריק און ערנסט געקלונגען אין דער שטילקייט די שטימע פון עג-אַנטעוען.

איך האָב דעם טאַרגיִער אַ ריר געטון אין אָרעם, האָט ער מיר מיט אַ קאָפּ-באַוועגונג אָנגעוויזן אויף אַ ציטערנדיקן שטערן-געשלידער אויפן הימל.

— די פּלעיאַדן, — האָב איך געזאָגט שטיל צו מאַראַנזשן, אָנווייזנדיק אים אויף די זיבן בלאַסע שטערן, ווערנד עג-אַנטעוען האָט ווייטער געזונגען מיט אַן אייבטאָניקער שטימע זיין טרויער-לידל:

די טעכטער פון דער נאַכט זענען זיבן:
מאַטערעדזשערע און ערערעדזשאַאָט,
מאַטעסעקסעק און עססעקאַאָט,
מאַטעלאַהרלאַהר און עללערהאַאָט,
די זיבנטע איז אַ יִינגל, וואָס פעלט אים אַן אויג.

מיטאַמאָל איז מיר געוואָרן זייער אומעטיק. איך האָב אָנגעכאַפּט דעם אָרעם פון דעם טאַרגיִער אין דעם מאָמענט, ווען ער האָט געוואָלט אָנהייבן צום דריטן מאָל זיין טרויעריק זמרל.

— ווען וועלן מיר אָנקומען אין דער הייל מיט די אויפשריפטן? — האָב איך אים געפרעגט צאָרניק.

ער האָט מיך אָנגעקוקט און געענטפערט מיט זיין געוויינטלעכער רויִקייט:

— מיר זענען שוין דאָרט.

— מיר זענען שוין דאָרט? פאַרוואָס-זשע ווייזסט דו אונדז נישט?

— איך וואַרט, אַז איר זאָלט בעטן, האָט געענטפערט נישט אָן עזות דער טאַרגיִער.

מאָראַנזש איז אויפגעשפרונגען.

— די הייל, די הייל איז שוין דאָ?

— זי איז דאָ, — האָט עג-אַנטעוען געענטפערט מיט אַן ערנסטער מינע.

— פיר אונדז אַהין.

— מאָראַנזש, — האָב איך מיך אָפּגערופן פּלוצלינג א באַאומרויִקטער — ס'איז נאַכט, מיר וועלן סיי-ווי גאָרנישט זען, און אפשר איז נאָך גאָר ווייט אַהין.

— אַן ערך פינף הונדערט טריט, — האָט געזאָגט עג-אַנטעוען. — די הייל איז פול מיט טרוקן גראָז, וועלן מיר עס אָנצינדן, וועט זיין ליכטיק.

— לאָמיר גיין, — האָט געזאָגט מיין חבר.

— און די קעמלען? — האָב איך געפרוּווט אָפּוועגדן.

— זיי זענען געפּענטעט, איבעריקנס, גייען מיר נישט אויף לאַנג.

עג-אַנטעוען האָט זיך געלאָזט אין דער ריכטונג פון שוואַרצן באַרג.

מאָראַנזש האָט אים נאָכגעפאָלגט אַ שרעקלעך אויפגערעגטער. איך בין געגאַנגען פון הינטן. אין האַרץ האָט מיר געקלאַפּט.

„איך האָב נישט מורא, — האָב איך מיר געחזרט פאַר זיך, — שנאמנות, איך האָב נישט מורא."

און ווירקלעך איז דאָס נישט געווען קיין פחד, נאָר עפּעס אַ מאָדנע געפיל פון צעטומלטקייט. פאַר די אויגן איז מיר געווען, ווי אַ נעפּל, און די אויערן האָט געוווּשט.

איך האָב ווידער געהערט די דומפּיקע שטימע עג-אַנטעווען.

„די טעכטער פון דער נאַכט זענען זיבן"...

און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז דער באַרג-ווידערקול חזרט איבער אָן אַ שיעור דעם טרויעריקן לעצטן פערז.

„און די זיבנטע איז אַ ייִנגל, וואָס ס'פעלט אים אָן אויג."

— דאָ איז עס, — האָט אַ זאָג געטון דער טאַרגיער.

מיר האָבן דערזען אין דער פעלזן-וואַנט אַ פינסטערן גרוב. עג-אַנטעווען האָט זיך איינגעבויגן און איז אַהינגעגאַנגען. מיר נאָך אים. ס'האָט אונדז אַרומגעכאַפּט אַ פינסטערניש.

אַ געל פייער האָט אַ בליץ געטון, דאָס האָט עג-אַנטעווען אָנגעצונדן אַ בערגל גראָז, וואָס איז געלעגן באַם אַרייַנגאַנג.

אין דער ערשטער מינוט האָבן מיר גאָרנישט געקענט זען: דער רויך האָט אונדז פאַרבלענדט.

עג-אַנטעווען איז געבליבן באַ דעם אַרייַנגאַנג. ער האָט זיך דאָ רויִק אַוועקגעזעצט און אָנגעהויבן לאָזן בלויע קנוילן רויך פון זיין ליולקע.

דאָס אָנגעצינדענע גראָז האָט אַצינד אַ רויסגעגעבן אַ העל פייער.

איך האָב אַ קוק געטון אויף מאַראַנזשן, ער האָט אויסגעזען זייער בלאַס. אָנגעשפּאַרט מיט ביידע הענט אָן דער וואַנט, האָט ער זיך אָנגעשטרענגט איבערצולייענען עפּעס אַן אויפשריפט. זיינע הענט האָבן קענטיק געציטערט פון אויפרעגונג.

— „צום טייוול, צי פילט ער זיך אויך אַזוי שלעכט ווי איך,“ — האָב איך מיר געטראַכט, פילנדיק ווי דער קאָפּ ווערט מיר פאַרדרייט.

איך האָב געהערט ווי אין חלום, ווי ער שרייט צו עג־אַנטעוּען:

— אַוועק פון איינגאַנג! לאָז אַריין פרישע לופט! וואָס פאַר אַ שרעקלעכער רויך!

און ער האָט ווייטער געלייענט און געלייענט די אויפשריפט.

פלוצלינג האָב איך ווידער געהערט זיין שטימע, אָבער זייער שוואַך. די קלאַנגען זענען ווי פאַרשטומט געוואָרן אין רויך.

— אַנטינעאַ... אַנטינעאַ... אָבער נישט איינגעקריצט אין שטיין, נאָר געצייכנט מיט שוואַרצע פאַרב נישט לאַנג... ערשט פאַר צען יאָר, פאַר פינף יאָר... אָ!...

ער האָט זיך אָנגעכאַפּט באַם קאָפּ און אַ געשריי געטון:

— דאָס איז אַ שווינדל! אַ געמיינער שווינדל!

איך האָב מיך אָפּגערופן מיט אַ חוזק־שמייכל:

— נו, נו, נעמט אייך נישט אַזוי צום האַרץ!

ער האָט מיך אָנגעכאַפּט פאַר דעם אָרעם און אַ טרייסל געטון. אין זיינע צעעפנטע אויגן האָט זיך אָפּגעשפּיגלט שרעק און פאַרוווּנדערונג.

— צי איר זענט משוגע? — האָט ער מיר אַריינגעשריגן אין פנים אַריין.

— מאַכט נישט קיין ליאַרם! — האָב איך אָפּגעענטפערט מיטן פריערדיקן שמייכל.

ער האָט מיך אָנגעקוקט און זיך אַנידערגעזעצט אויף אַ שטיין אַנטקעגן מיר.

באַ דעם אַריינגאַנג האָט עג־אַנטעוּען ווייטער געררייכערט זיין פייקע מיט דערזעלבער רויִקייט.

— משוגע! משוגע! — האָט מאַראַנזש איבערגעחזרט.

פלוצלינג האָט ער זיך איינגעבויגן איבערן ברענענדיקן גראָז, האָט געכאַפּט אַ נישט-אויסגעברענט הייפל, און באַטראַכטנדיק עס גוט, האָט ער עס צוריק אַריינגעוואָרפן אין פייער מיט אַ ווילד געלעכטער.

— באַ, באַ... דאָס איז שיין!

ער איז צוגעגאַנגען וואַקלענדיק זיך צו עג-אַנטעוען און אים אָנגעוויזן אויפן פייער.

— דאָס איז קאָנאָפּלעס, הע! האַשיש! האַשיש! כאַ, כאַ, כאַ דאָס איז שיין!

— זייער שיין!... — האָב איך נאָכגעזאָגט, אויסברעכנדיק אין אַ געלעכטער.

עג-אַנטעוען האָט צוגעשטימט מיט אַ סודותפולן געלעכטער.

די לעצטע פונקען פון אויסגעברענטן פייער האָבן באַלויכטן זיין פאַרייכערט פנים און זיך אָפּגעשלאָגן אין זיינע שרעקלעכע אויגן.

נאָך אַ קליינע ווײַלע האָט מאַראַנזש ווידער אָנגעכאַפּט דעם טאַרגזשער באַ דעם אָרעם.

— איך וויל אויך רייכערן — האָט ער געזאָגט — גיב מיר אַ פּייקע!

דער קאַלטבלוטיקער עג-אַנטעוען האָט אים דערלאַנגט, וואָס ער האָט געוואָלט.

— אָ, אַ ליולקע פון אַן אייראָפּעער...

— אַ ליולקע פון אַן אייראָפּעער — האָב איך פרייליך נאָכגעזאָגט, פאַרשיכורט פון נאַרקאָטישן רויך פון די קאָנאָפּלעס מיט אַ צייכן M, ווי ספּעציעל געמאַכט פאַרן קאַפּיטאַן מאַראַנזש.

— ניין, פאַר קאַפּיטאַן מאָסאָן — האָט רו:יק אויסגעבּ… סערט עג-אַנטעוועָן.

— קאַפּיטאַן מאָסאָן — האָב איך נאָכגעזאָגט איניינעם מ… מאָראַנזשן.

מיר האָבן זיך ווידער פונאַנדערגעלאָזט.

— כאַ, כאַ, כאַ... קאַפּיטאַן מאָסאָן... פּאַלקאָווניק פלאַ… טערס... די ברונען פון גאַראַמאַ... מען האָט אים דערמאָרדעט, כדי אָפּצונעמען בא אים די ליוּלקע... אָט די ליוּלקע. קאַפּיט… מאָסאָן האָט דערמאָרדעט סעגע:ר בן-שע:יקן.

— טאַקע אַזוי, סעגע:ר בן-שע:יק — האָט אָפּגעענטפערט דער טאַרגי:ער מיט זיין אומגעשטערטער רו:יקייט.

— קאַפּיטאַן מאָסאָן און פּאַלקאָווניק פלאַטערס האָבן פאַר… לאָזט די וואַך צו גיין זוכן די ברונען, — האָט געזאָגט מאָראַנד… לאַכנדיק.

— דאַמאָלס האָבן די טואַרעגן זיי אַרומגערינגלט, — האָב איך צוגעוואָרפן מיט אַן אומאיינגעהאַלטן געלעכטער.

— דער טאַרגי:ער פון האָגאַר האָט אַנגעכאַפּט די לייצעס פון קאַפּיטאַן מאָסאָנס פערד...

— סעגע:ר בן-שע:יק האָט געהאַלטן פּאַלקאָווניק פלאַטערס פערד, — האָט צוגעגעבן עג-אַנטעוועָן.

— דער פּאַלקאָווניק שטעקט אַריין דעם פוס אין רייט-אייזן, און אין דעם מאָמענט ווערט ער דערשטאָכן פון סעגע:ר בן-שע:יקן.

— קאַפּיטאַן מאָסאָן כאַפּט אַרויס זיין רעוואָלווער, און אויס-שיסנדיק אין בן שע:יקן, האַקט ער אים אָפּ דריי פינגער פון דער לינקער האַנט, — מאַכט מאָראַנזש.

— אָבער סעגע:ר בן-שע:יק צעשפּאַלט קאַפּיטאַן מאָסאָנען דעם שאַרבן מיט איין קלאַפּ פון זיין שווערט, — פאַרענדיקט עג-אַנטעוועָן.

אָט די ווערטער האָט ער אַרויסגעזאָגט מיט אַ צופֿרידן שמייכעלע באַלויכטן מיטן אָפּשיין פֿון פּייערל, וואָס האָט געהאַלטן בײַ פֿאַרלאָשן ווערן.

מיר האָבן געזען זײַן ברענענדיקע ליולקע, ווי ער האָט זי געהאַלטן מיט דער לינקער האַנט. אויף אָט דער האַנט איז געווען נישט מער ווי צוויי פֿינגער. ביז אַהער האָב איך עס נישט געהאַט באַמערקט.

מאַראַנוש האָט עס אויך ערשט איצט דערזען.

— אַלזאָ, גנבֿרעט, ווי דו האָסט איבן דײַן קאָפּ צעשפּאָלטן, האָסטו איבן באַרויבט און צוגענומען זײַן ליולקע?

— בראַוואָ, סערזשענט בן-שעיק! פֿײַן געמאַכט!

סערזשענט בן-שעיק ענטפֿערט נישט, מען זעט אָבער, אַז ער איז אין האַרץ צופֿרידן. ער הערט נישט אויף צו רייכערן. מען דערקענט שוין קוים זײַנע גרויסע-ציינער.

דאָס פּייערל ווערט טונקעלער... פֿאַרלעשט זיך... איך האָב קיינמאָל נישט אַזוי פֿיל געלאַכט, ווי דעם אָוונט. מאַראַנוש געוויס אויך נישט... און דאָס אַלץ צוליב דעם, ווײַל סערזשענט בן-שעיק האָט צוגערויבט די ליולקע בײַ קאַפּיטאַן מאַסאַנען...

און ווידער דאָס פֿאַרפֿלוכטע לידל: „די זיבנטע איז אַ יינגל, וואָס פֿעלט אים איין אויג".

וואָס פֿאַר אַ נאַרישע, לעכערלעכע ווערטער! מיר זענען איצט אין דער הייל פֿיר פּאַרשוין... וואָס רעד איך! פֿינף, זעקס, זיבן, אַכט...

שעמט איך נישט, מײַנע טײַערע, ס'איז מער נישטאָ...

איצט וועל איך זען, ווי אַזוי ס'קוקן אויס די היגע רוחות...

מאַראַנוש האָט געזאָגט, אַז די בלעמיענס האָבן דאָס פּנים אויף דער ברוסט. אָט דער, וואָס כאַפּט מיך אין זײַנע אָרעמס, איז זיכער נישט קיין בלעמיען. ער טראָגט מיך אַרויס.

און מאַראַנזש? איך וויל נישט, אַז מען זאָל פאַרגעסן אָן מאַראַנזשן...

מען האָט טאַקע אָן אים נישט פאַרגעסן. איך זע אים אַ צוגעבונדענעם צום קעמל, וואָס שפּרייזט פאַרן קעמל, צו וועלכן איך בין צוגעבונדן, אַנדערש וואָלט איך אַרונטערגעפאַלן.

אָט די רוחות זענען גאַרנישט קיין שלעכטע, אָבער דער וועג נעמט קיין עק נישט!

איך וואָלט וועלן אַביסל זיך אָנשפּאַרן. אוי, ווי ס'ווילט זיך שלאָפן!

מיר זענען, דאַכט זיך, דורכגעגאַנגען אַ לאַנגן קאָרידאָר און דערנאָך אַרויס אויף דער פרייער לופט.

אָט זענען מיר ווידער אין אַ לאַנגן, דומפּיקן קאָרידאָר. אָט זען מיר ווידער די שטערן...

— צי די דאָזיקע משונה-ווילדע נסיעה וועט נאָך לאַנג דויערן?...

אָט איז ליכט... אפשר שטערן... ניין, ליכט, איך זאָג גוט... אָט איז טרעפּ, אויסגעהאַקט אין פעלזן, אָבער טרעפּ...

ווו וועלן דאָ גיין די קעמלען? אָבער דאָס איז נישט קיין קעמל. דאָס טראָגט מיך אַ מענטש... אַ מענטש אָנגעטון אין ווייסן, נישט קיין גאַמפּאַזאַנט, אָדער אַ בלעמיען.

אויפן סופיט ברענט עפּעס... אָ, דאָס איז אַ לאָמפּ, אַ מעשענער לאָמפּ, ווי אין טוניס... איצט זעט מען ווידער גאָרנישט, אָבער איך לאַך דערפון, איך האָב מיך אויסגעצויגן, און וועל קענען אַזוי איינשלאָפן...

וואָס פאַר אַ משונה-ווילדער טאָג... אַך, מיינע הערן, איך זאָג אייך, ס'איז נישט נייטיק מיך צו בינדן, איך האָב סיי-ווי קיין חשק נישט צו גיין שפּאַצירן...

ס'איז ווידער חושך. די טריט דערווייטערן זיך. ס איז שטיל.

אָבער נאָר אויף אַ רגע. אָט דאָ לעבן אונדז רעדט מען?... וואָס רעדט מען?... ניין, ס'איז אוממעגלעך! אָט דער קלאַנג פון מטבעות!... אָט די שטימען!

ווייסט איר, וואָס מען שרייט דאָרט? ווייסט איר?

— שטעלט איין, מיינע הערן! שטעלט איין! אין דער באַנק איז פאַראַן צען טויזנט לוידאָרן! שטעלט איין!

— צום טייוול, וווּ בין איך? צי אין האָגאַר, אָדער אַנ־דעשווו?

קאַפּיטל VIII

דאָס אויפכאַפּן זיך אין האָגאַר

ווען איך האָב זיך אויפגעכאַפּט, איז שוין געווען גרויסער טאָג. מאַראַנזשן האָב איך נישט געזען, נאָר געהערט גאָר נאָנט זיינע פּאַרוואַנדערונגס-אויסגעשרייען.

איך האָב אים גערופן, ער איז געקומען צו לויפן.

— מען האָט אייך נישט צוגעבונדן?

— אוודאי יאָ, נאָר נישט פעסט, האָב איך מיך אַליין אויפגעבונדן.

— האָט איר דאָך מיך אויך געקענט אויפבינדן, — האָב איך באַמערקט מיט פאַרדרוס.

— למאי האָב איך אייך געזאָלט וועקן? איך האָב געטראַכט, איר וועט זיך אויפכאַפּן, וועט איר מיך רופן. און אַזוי איז טאַקע געשען. אויפשטייענדיק, האָב איך מיך געשאָקלט אויף די פיס.

מאַראַנזש האָט אַ שמייכל געטון.

— נאָך אַ גאַנצע נאַכט הוליען און שיכורן וואָלטן מיר נישט געווען מידער און צעבראָכענער, — האָט ער באַמערקט — אָט דער עג-אַנטעווען מיט זיין האַשיש איז אַ פיינער בחור.

— סעגעיִר בן-שעיִק, — האָב איך אים פאַרבעסערט.

איך האָב אַ פיר געטון מיט דער האַנט איבערן שטערן.

— ווו זענען מיר?

— זינט איך האָב די אויגן געעפנט, זע איך וווּנדער איבער וווּנדער, איך בין ווי אַ צעדולטער. זע נאָר, וואָס דאָ טוט זיך!

איך האָב מיך אומגעקוקט, אויסגעריבן די אויגן און אָנגעכאַפּט מאַראַנזשן בײַ דער האַנט.

— מאַראַנזש, מיר חלומען נאָך אַלץ!

מיר האָבן זיך געפונען אין אַ קײַלעכדיקן, ברייטן זאַל מיט אַ קאָלאָסאַל פענסטער, אין וועלכן עס האָט אַרײַנגעקוקט אַ טיף־בלויז הימל־געצעלט.

שוועלבלעך זענען געפלויגן אַהין און אַהער מיט אַ פרייליך געפּיפּערײַ.

די פּאָדלאָגע, די ווענט און דער סופיט זענען געווען פון מאַרמאָר, געזעצט מיט אַ הערלעכן זילבעראַרטיקן מעטאַל.

דער גאַנצער זאַל איז געווען אָנגעפילט מיט אַ מחיהדיקער פרימאָרגן־לופט, וואָס האָט זיך אַרײַנגעגאָסן שטראָמענווייז דורכן אָפענעם פענסטער.

צוגעצויגן דורך דער פרישער לופט און בלענדנדיקער ליכט, בין איך וואַקלענדיק צוגעגאַנגען צום פענסטער און זיך אַרויסגעבויגן.

אַ הערלעך בילד האָט זיך פאָרגעשטעלט פאַר מײַנע אויגן, איך האָב מיך נישט געקענט אָפּהאַלטן פון אַ פאַרוווּנדערונגס־געשריי.

איך האָב מיך געפונען אויף אַן אַרט באַלקאָן, וואָס איז געהאָנגען איבער אַ ליידיקן חלל און איז געווען אויסגעהאַקט אין אַ פעלזן.

איבער מיר איז געווען דער בלויער הימל און הינטער מיר,

איינגערעמט פון קליינע בערגלעך, וואָס האָבן זיך פאַרייניקט אין איין קייט, איז געווען אַן אמתער גן־עדן.

אין גאָרטן האָבן זיך לייכט געוויגט די הויכע פּאַלמען. באַ זייערע פיס האָבן געגרינט אַלערלייביימער פון די אָאַזיסן: מאַנדל־ביימער, ציטרינען־ פּאָמעראַנצן־ביימער און נאָך אַנדערע, וואָס איך האָב זיי נישט דערקענט פון אַזאַ הייך. אַ ברייטער, בלויער שטראָם, געשפּייזט פון אַ וואַסער־פאַל, האָט זיך אַריינגעגאָסן אין אַ הערלעך־קלאָרער סאַזשלקע.

צווישן דעם ים פון גרינס האָבן אַרומגעשמייסט גרויסע פייגל. די שפּיצן פון די ווייטע, הויכע בערג זענען געווען באַדעקט מיט ווייסן, פּונקלדיקן שניי.

דער בלויער שטראָם, די גרינע פּאַלמען, די גאָלדענע פרוכטן און דער בלענדנדיקער שניי האָבן זיך פאַרייניקט אין אַזאַ הערלעך צויבער־בילד, אַז מיינע אָנגעשטרענגטע נערוון, האָבן מער נישט געקענט אויסהאַלטן.

אָנשפּאַרנדיק דעם קאָפּ אָן דעם באַלקאָן, האָב איך גענומען וויינען ווי אַ קינד.

מאַראַנזש איז אַרומגעלאָפן מיט אַ צעעפנט מויל, וואַרפנדיק מיט די אויגן אין אַלע זייטן, אָבער אויפשטייענדיק פריַער ווי איך, האָט ער זיך שוין געהאַט אַביסל צוגעוווינט צו דער נייער סביבה.

אַרויפלייגנדיק מיר די האַנט אויפן אַקסל, האָט ער מיך אַרומגעפירט איבערן זאַל.

— איר האָט נאָך גאָרנישט געזען, — האָט ער געמאַכט צו מיר — טוט נאָר אַ קוק!

— אַי, מאַראַנזש, מאַראַנזש!

איך האָב ערשט דערזען, אַז דער זאַל איז מעבלירט אויפן אייראָפּעיִשן אַרט. אמת, ס׳זענען דאָ געווען טואַרעגישע קיילעכדיקע

קישנס, איבערגעצויגן מיט קאָלירטע לעדער, איבערציגן פון קאַפּאָ, טעפּיכן פון קיירואַן, פּאָרטיערן פון קאַראַמאַני, וואָס איך האָב אין דעם מאָמענט מורא געהאַט אויפצוהייבן, אָבער לעבן דעם אַלעמען, אין אַ וואַנט־נישע האָט מען געזען אַ ביכער־שאַפע פול מיט ווערטפולע ביכער.

אויף די ווענט זענען געהאָנגען רעפּראָדוקציעס פון קלאַסישע קונסט־ווערק און דער טיש איז געווען פול מיט קופּעס ביכער און בראָשורן.

צו מיין גרויסער דערשטוינונג האָב איך צווישן זיי באַמערקט דעם לעצטן נומער פון „אַרכעאָלאָגישן איבערזיכט".

איך האָב מיך איבערגעקוקט מיטן פאַרגאַפטן מאַראַנוש, און פּלוצלינג האָבן מיר ביידע אויסגעבראָכן אין אַ ווילד היסטערישן געלעכטער, וואָס האָט געדויערט אַ היפּשע מינוט.

— איך ווייס נישט, — האָט צולעצט אַרויסגעשטאַמלט מאַראַנוש — צי מיר וועלן נישט אַמאָל באַדויערן אונדזער נסיעה קיין האָגאַר, אָבער דערווייל איז זי אינטערעסאַנט און רייך אין פאַנטאַסטישע אַוואַנטורעס. אָט דער אויסטערלישער וועג־ווייזער, וועלכער שלעפּערט אונדז אין באַם אַריינגאַנג פון דער הייל, אָט דער פאַנטאַסטישער נאַכט־שפּאַציר און צולעצט אָט די גראָטע מיט אירע רייכטימער... אָט דאָס אַלץ וואָלט געקענט אַרויספירן פון גלייכגעוויכט אפילו אַ גאָר ניכטערנעם, געזעצטן מענטש.

— אָבער וואָס דענקט איר וועגן דעם אַלעמען?

— וואָס איך דענק וועגן דעם? דאָסזעלבע וואָס איר. איך פאַרשטיי דאָ גאָרנישט. מיין גאַנץ געלערנטקייט נוצט דאָ גאָרנישט. אָט דער טראָגלאָדיטיזם (דאָס וווינען אין די היילן) ברענגט מיך אַרויס פון די כלים. אמת, פּליניוס דערמאַנט וועגן איינגעבוירענע, וואָס וווינען אין היילן, זיבן טעג גאַנג צו מערב פון דער גרויסער סירט. העראָדאָט דערציילט אויך וועגן די גאַרמאַנטן, וועלכע

האָבן אויף רייטוועגן מלחמה געהאַלטן מיט די עטיאָפּיער — די טראָגלאָדיטן (הייל־איינוווינער), אָבער דאָ זענען מיר דאָך אין האָגאַר, אין לאַנד פון די טואַרעגן, וואָס קיין איין פאָרשער האָט זיי נישט געשילדערט אַלס היילן־איינוווינער, וואָס־זשע זאָל באַדייטן אָט די גראָטע (הייל) מיט איר קאַבינעט־איינריכטונג און די רעפּראָדוקציעס פון ווענוס, פון די מעדיטשיס און אַפּאָלאָן סאַראָקטאָן אויף די ווענט? אין אמתן, איך זאָג אייך, מען קען משוגע ווערן פון דעם אַלעמען.

מאָראַנזש האָט זיך אַ וואַרף געטון אויף דער קאַנאַפּע און זיך פאַרגאַנגען אין געלעכטער.

— זעט, — האָב איך געזאָגט — לאַטיין!

איך האָב אַ כאַפּ געטון עטלעכע בלעטלעך פון דער ביורקע, וואָס איז געשטאַנען אינמיטן זאַל. מאָראַנזש האָט זיי מיר אַרויסגענומען פון דער האַנט און זיי בייגעריק דורכגעקוקט. אויף זיין פּנים האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אַ געוואַלטיקע דערשטוינונג.

— פּלאַי פּלאַים! דאָ איז פאַרהאַן איינער, וואָס שרייבט לויט פאַרשידענע קוועלן אַ דיסערטאַציע וועגן די גאָרגאָן־אינזל, מעדוזע איז, לויט זיין מיינונג, געווען אַ ווילדע פון ליביע, וואָס האָט געוווינט אין דער געגנט פון דער אָזיערע טריטאָן, אונדזער היינטיקע שאָט־מעלריר, און דאָרט האָט פּערסעוס... אָ!

מאָראַנזשן איז די שטימע פאַרשטיקט געוואָרן אין האַלדז.

אין דעמזעלבן מאָמענט האָט זיך געלאָזט הערן אין גרויסן זאַל אַ שאַרפע און אויסגעצויגענע שטימע:

— איך בעט אייך, מיין הער, לאָזט צורו מיינע פּאַפּירן!

איך האָב אַ קוק געטון אויפן אַריינגעקומענעם.

אויף דער שוועל האָט זיך באַוויזן אַ קורץ, פליכעוואַטע מענטשל מיט אַ געל, לענגלעך געזיכט, וואָס אַ העלפט דערפון איז געווען

פאַרדעקט מיט גרינע ברילן און אַ קליין גרוילעך בערדל. ער האָט בעטראָגן אַ גרויסן קראַוואַט פון קאַרשן־קאָליר און ווייסע הויזן.

דער איינציקער אָריענטאַלישער טייל פון זיין קליידונג איז געווען ווייסע סאַנדלען. אויף זיין ברוסט איז געווען צוגעשפּיליעט אַ צייכן פון אַ באַאמטן פון עפנטלעכער בילדונג.

ער האָט צונויפגענומען די בלעטלעך, וואָס מאַראַנזש האָט געהאַט צעוואָרפן, האָט זיי איבערגעציילט און אַוועקגעלייגט אויף זייער אָרט, און וואַרפנדיק דערנאָך אויף אונדז אַ צאָרנדיקן בליק, האָט ער אָנגעקלונגען.

די פּאָרטיערע האָט זיך אויפגעהויבן און ס'איז אַריינגעקומען אַ דינער, אַ טוּאַרעג אין אַ ווייסן מאַנטל.

מיר האָט זיך געדאַכט, אַז ער איז עס געווען איינער פון די רוחות, וואָס האָבן מיך געכאַפּט אין דער הייל.

— פעראַדוש, — האָט ביין געפרעגט דער באַאמטער פון עפנטלעכער בילדונג — למאי האָט מען געבראַנגט אָט די הערן אין ביבליאָטעק־זאַל?

דער טוּאַרעג האָט זיך פאַרנייגט אונטערטעניק.

— סעגעיר בן־שעיק איז צוריקגעקומען פריער, ווי מען האָט גערעכנט, — האָט ער געענטפערט — און מען האָט נאָכ־נישט באַוויזן אַלץ צוצוגרייטן, האָט מען זיי אויף דערווייל גע־בראַנגט אַהער.

— גוט, דו קענסט גיין, — האָט געזאָגט דער קליינער מענטש.

פעראַדושי איז געגאַנגען צו דער טיר הינטערווייליעכטס, אויף דער שוועל האָט ער צוגעוואָרפן:

איך דערמאָן אייך, סידי, אַז מען האָט שוין דערלאַנגט צום טיש.

— גוט, טראָג דיך.

דער מענטש מיט די גרינע ברילן האָט זיך אַבידערגעזעצט פאַר דער ביורקע און אָנגעהויבן נערוועזש בישטערן אין די פּאַפּירן.

אין דעם מאָמענט האָט מיך פּלוצלינג אַרומגעכאַפּט אַ ווילדע פאַרצווייפלונג.

איך בין צוגעגאַנגען צו אים און געזאָגט:

— מיין הער, נישט איך און נישט מיין חבר ווייסן נישט, ווו מיר זענען און ווער איר זענט. מיר זען נאָר, אַז איר זענט אַ פראַנצויז, ווייל איר טראָגט איינעם פון די געשעצסטע ערן־אויסצייכענונגען פון אונדזער לאַנד. דאָסזעלבע וואָלט איר אויך געקענט באַמערקן בײַ אונדז, — האָב איך צוגעגעבן, אָנווייזנדיק אויף דער רויטער באַנד, וואָס איז געווען צוגעשפּיליעט צו מיין וועסט.

ער האָט אַ קוק געטון אויף מיר מיט פאַראַכטנדיקער פאַרוואונדערונג.

— אַלזאָ?

— אַלזאָ, דער נעגר, וואָס איז איצט אַרויס, האָט אָנגערופן דעם נאָמען סעגעניר בן־שעיק, דעם נאָמען פון אַ באַנדיט, און איינעם פון די מערדערס פון פאָלקאָווניק פלאַטערס. צי ווייסט איר וועגן די מעשים פון סעגעניר בן־שעיק?

דער קליינער מענטש האָט אַ קוק געטון אויף מיר און געהויבן מיט די פּלייצעס.

— אוודאי, אָבער וואָס קומערט עס מיך?

— וואָס הייסט? — האָב איך געשריגן אויסער זיך — ווערזשע זענט איר אַזוינס?

— מיין הער, —האָט דער מענטש זיך געווענדט צו מאָראַנזשן מיט אַ לעכערלעכן שטאָלץ — זייט אַן עדות פון דער

משונהדיקער באַנעמונג פון אייער חבר. איך בין דאָ באַ מיר אינ־דערהיים און וועל נישט דערלויבן...

— איך בעט, מוחל צו זיין מיין חבר, — האָט געזאָגט מאָ־ראַנזש זיך אַרויסרוקנדיק, — ער איז נישט קיין געלערנטער, ווי איר, איר ווייסט, אַז יונגע פּאַרוטשניקעס זענען היץ־קעפּ. איר ווייסט אויך, אַז מיר האָבן ביידע גענוג סיבות צו זיין אויפגערעגט.

איך האָב חשק געהאַט צו פּראָטעסטירן קעגן אונטערטעניקן טאָן פון מאָראַנזשן, אָבער אַריינקוקנדיק אים אין פּנים, האָב איך געזען, אַז דאָס איז מער איראָניע ווי ערנסטקייט.

— איך ווייס, אַז די אָפיצירן זענען מייגסטנס ברוטאַל, — האָט אונטערגעבורמט דער אַלטער — אָבער דאָס איז נאָך ווייניק...

— איך בין אַליין אַן אָפיציר, — האָט אָפגעענטפערט מאָ־ראַנזש מיט דער גרעסטער באַשיידנקייט, — און איך האָב קיינ־מאָל נישט אַזוי באַדויערט די אינטעלעקטועלע אָפגעשטאַנענקייט פון אונדזער אָפיצירן־שטאַנד, ווי אַט אַצינד, בשעת איך האָב דורכ־געקוקט — איך בעט מיר צו אַנטשולדיקן דערפאַר — אייער ווערק וועגן דער געשיכטע פון די גאַרגאַן־אינדזלען נאָך פּראָקלעסן פון קאַרטאַגאָ, וואָס ווערט געברענגט באַ פּויזאַניאַסן.

אויפן פּנים פון קליינעם אַלטן האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אַ קאָ־מישע פאַרווונדערונג.

ער האָט אויף גיך אויסגעווישט די ברילן.

— וואָס ? וואָס ? — האָט ער אויסגערופן.

— אגב איז אַ גרויסער שאָד, — האָט פאָרטגעזעצט אין דעם־זעלבן טאָן מאָראַנזש, — וואָס מיר פאַרמאָגן נישט די אינטערע־סאַנטע אָפּהאַנדלונג וועגן דעם ענין פון סטאַטיוס סעבאָזוס, וועל־כער ווערט דערמאַנט פון פּליניוסן און וואָס...

— איר ווייסט וועגן סטאַטיוס סעבאָזוס ?

— און וואָס מיין רבי, דער געאָגראַף בערלין...

— איר האָט געקענט בערלינען, איר זענט געווען זיין תלמיד — האָט געשטאַמלט פאַרלוירן דער אַלטענקער.

— איך האָב געהאַט דעם דאָזיקן כבוד, — האָט מאַראַנזש געענטפערט זייער קאַלט.

— אויב אַזוי, מיין הער, אויב אַזוי, האָט איר געוויס געהערט, זענט איר געוויס באַהאַוונט אין פּראָבלעם פון אַטלאַנטידע?

— איך בין באמת אַביסל באַקאַנט מיט די ווערק פון לאַ־ביאָ, פלואַ, אַרבואַ דע זשובענוויל, — האָט געענטפערט מאַראַנזש אייז־קאַלט.

— אָ, מיין גאָט! — האָט אויסגערופן אַ צעשטראַלטער דער אַלטענקער — ווי גליקלעך איך בין, הער קאַפּיטאַן! איך בעט אייך טויזנט מאָל איבער!

אינם זעלבן מאָמענט האָט די פּאָרטיערע ווידער זיך אויפגעהויבן און פּעראַדזשי האָט זיך באַוויזן.

— סידי, מען האָט אייך געהייסן זאָגן, אַז אויב איר קומט נישט, וועט מען אָנהייבן אָן אייך.

— איך גיי שוין, איך גיי שוין, זאָג זיי פּעראַדזשי, אַז מיר גייען שוין. אָ, מיין הער, ווען איך וואָלט עס וויסן פריער... אָבער אַן אָפיציר, וואָס זאָל קענען פּראָקלעסן פון קאַרטאַגאָ און אַרבואַ דע זשובענוויל, איז אַזאַ אויסטערלישע זאַך... אָבער לאָמיך זיך אייך פאָרשטעלן: סטעפאַן דע מעסזש, פּריוואַט־דאָצענט פון אוניווערזיטעט.

— קאַפּיטאַן מאָראַנזש, — האָט זיך פאָרגעשטעלט מיין חבר

— פּאָרוטשניק דע סענט־אַווי, — האָב אי״ מיך פאָרגעשטעלט, צוגעבנדיק — דאָס אַלץ איז זייער שיין, אָבער אין אָט דעם מאָמענט וואָלט איך קודם געוואָלט וויסן, ווו מיר געפינען זיך. צי מיר זענען פריי, אָדער מיר זענען אין רשות פון עפּעס אַ געהיימער קראַפט. מיר דאַכט זיך, אַז איר זענט דער באַלעבאָס און

איר וועט מיר קענען אויפקלערן דעם דאָזיקן פּונקט, וועלכן איך באַטראַכט אַצינד פאַרן וויכטיקסטן.

הער לע מעסזש האָט אַ קוק געטון אויף מיר. אויף זיינע ליפּן האָט געשפּילט אַ ביין שמייכעלע.

ער האָט געוואָלט עפּעס זאָגן, אָבער אין דעם מאָמענט האָט אַ הילך געטון אַ שאַרפער קלאַנג פון אַ גלעקל.

— איך וועל אייך באַלד אַלץ אויפקלערן... איצט מוז מען זיך צואיילן. ס'איז פרישטיק-צייט און אונדזערע טיש-חברים ווערן אומגעדולדיק.

— טיש-חברים?

— מיר האָבן צוויי אַזעלכע, — האָט אונדז דערקלערט הער דע מעסזש — אונדזער שטענדיקער אייראָפּעישער פּערסאָנאַל באַשטייט פון דריי פּערזאָן, — האָט ער צוגעוואָרפן מיט זיין באַאומרויקנדיקן שמייכעלע — צוויי זענען אויסטערלישע מענטשן, און איר וועט מסתמא נישט וועלן האָבן קיין עסק מיט זיי. איינער איז אַ גייסטלעכער מיט אַ באַשרענקטן שכל, הגם ער איז אַ פּראָטעסטאַנט, דער צווייטער איז אַן עובר-בטלניק, אַ משוגענער.

— אָט זיין שטימע האָב איך מסתמא געהערט די נאַכט? ער האָט געהאַלטן די באַנק, געשפּילט מיט אייך און מיט דעם פּאַסטאָר? — האָב איך געפרעגט.

הער דע מעסזש האָט אַ מאַך געטון מיט דער האַנט מיט פאַר אַכטונג.

— מיט מיר, מיינט איר, שפּילן זיי? אָט ער האָט עס אַזאַ שטאַרקן קלונג געטון, אַז מיר זאָלן קומען גיכער. ס'איז שוין האַלב צען, און אום צען עפנט זיך דער שפּיל-זאַל.

— לאָמיר גיין גיכער, איך רעכן, אַז איר האָט זיך אויסגעהונגערט און וועט עסן מיט אַפּעטיט.

— יאָ, קיין אַפּעטיט פעלט נישט. — האָט געענטפערט מאָראַנזש.

מיר האָבן נאָכגעפאָלגט לע מעסזשן איבער אַ לאַנגן, טונקעלן קאָרידאָר, ווו אין נישן, אויסגעהאַקט אין פעלזן, זענען געווען פונאַנדערגעהאָנגען ראָזאָווע אַמפּלען און ווייַרויך־שיסלען. די לופט איז געווען אָנגעזאַפּט מיט פאַרשיכּורנדיקע, אָריענטאַלישע ריחות.

צייטנווייז איז פאַרבייגעפלויגן ווי אַ שאָטן אַ שוואַרצער טאַרגיער אין אַ ווייסן מאַנטל.

ה׳ לע מעסזש האָט זיך אָפּגעשטעלט פאַר אַ מאַסיווער טיר, זי געעפנט און אונדז געלאָזט פאָרויס.

דאָס עס־צימער, וווהין מיר זענען אַריינגעקומען, איז געווען ווייניק ענלעך צו די אייראָפּעיִשע עס־צימערן, ס׳איז אָבער געווען אין אים אַ סך זאַכן, מיט וואָס די אייראָפּעיִשע וואָלטן אים געמעגט מקנא זיין.

אַזוי ווי די ביבליאָטעק, איז עס געווען באַלויכטן דורך אַ געגלעזערטע נישע. אויף אַזוי פיל, ווי איך האָב מיך געקענט אָריענטירן, איז דאָס עס־צימער אַרויסגעגאַנגען אויף יענער זייט פון דער באַרג־קייט, וואָס האָט אַרומגערינגלט דעם גאָרטן, בשעת די ביבליאָטעק איז אַרויסגעגאַנגען אין גאָרטן גופא.

דאָ איז נישט געווען קיין טיש אינמיטן און נישט יענער אומגעלומפּערטער סאָרט מעבל, וואָס מען רופט שטולן.

דערפאַר איז דאָ געווען אַרום און אַרום אַ מאַסע קרעדענצן פון באַגילדט האָלץ און אַ שפע טעפּיכן, און טואַרעגישע אָדער טוניסישע קישנס.

אינמיטן איז געווען אויסגעשפּרייט אַ קאָלאָסאַלע ראָגאָזשע און אויף איר צווישן זילבערנע טיש־געשיר און אַלערליי געטראַנקען איז געווען אויסגעשטעלט אַ סעודה, אַז מיר האָבן זיך דערפרייט ווי קליינע קינדער.

הער לע מעסזש האָט אונדז פאָרגעשטעלט די צוויי פעראָגען, וואָס האָבן שוין געהאַט פאַרנומען אַ פלאַץ אויף דער ראָגאָזשע.

— הער ספּאַרדעק, — האָט ער אָנגערופן דעם נאָמען פון איין טיש־חבר, אָן שום טיטולן.

ריעווערנט (גלח) ספּאַרדעק פון מאַנטשעסטער האָט זיך פאַרבייגט מיט אַן אויסדרוק פון סימפּאַטיע און געבעטן דערלויבעניש צו בלייבן זיצן אין זיין צילינדער מיט די ברייטע ראַנדן.

דאָס איז געווען אַ הויכגעוויקסיקע און מאָגערע פּערזאָן און איז קענטיק געווען שטאַרק אַריינגעטון אין דער אכילה.

— הער ביעלאָווסקי, — האָט ה׳ לע מעסזש פאָרגעשטעלט דעם צווייטן טיש־חבר.

— גראַף קאַזימיערזש ביעלאָווסקי, העטמאַן פון זשיטאָמיר — האָט דער גאַסט אויסגעבעסערט מיט אַ רייצנדיקער ליבלעכקייט, אויפהייבנדיק זיך פון אָרט, כּדי אונדז צו דריקן די האַנט.

איך האָב באַלד דערפילט אַ סימפּאַטיע צום זשיטאָמירער העטמאַן, וועלכער האָט פאָרגעשטעלט מיט זיך אַן אויסגעצייכנטן טיפּ פון אַ שיינעם זקן.

די האָר, וואָס זענען געווען צעקעמט אין אַ שרינט, און די באַקן־בערד אַלאַ פראַנץ יאָזעף זענען געווען טונקל־ברוין און קענטיק געפאַרבט. די נאָז איז געווען אַביסל רויטלעך, אָבער זייער דין און אַריסטאָקראַטיש. די הענט זענען געווען זעלטן־צאַרט. זיין קליידונג איז געווען פון אַ טונקל־גרינעם קאָליר, מיט געלע עפּאָלאָגן, באַצירט מיט אַ קאָלאָסאַלן זילבערנעם בלוי־עמאַלירטן אָרדן. בכלל האָט דער העטמאַן זיך געקליידט לויט דער מאָדע פון די זעכציקער יאָרן פון פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט.

דער גראַף האָט מיר אָנגעוויזן אַן אָרט לעבן זיך. איינע פון די ערשטע שאלות איז געווען: צי איך קויף צו פינף.

— ווי מיר פאַלט אַמאָל איין — האָב איך געענטפערט.

— גאַנץ ריכטיק, אָבער איך קויף שוין נישט זינט דעם יאָר 1886. איך האָב געגעבן אַ שבועה. כ'האָב אַמאָל געשפּילט באַ וואַלעווסקין אַ פּאַרטיע טייוול, קויף איך ביז פינף און פאַרשפּיל נאַטירלעך. דער פּאַרטנער האָט געהאַט פיר.

— אידיאָט! — האָט אַ זאָג געטון באַראָן שאַ-גיזאַ.

אויסער זיך פון כעס וואַרף איך אים אַ פלאַש שאַמפּאַניער. האָט ער זיך איינגעבויגן און די פלאַש האָט געטראָפן מאַרשאַל וואַליאַן. האָב איך געהאַט אַן עסק! מיר זענען אָבער באַלד שלום געוואָרן, ווייל מיר זענען ביידע געווען פראַנק-מאַסאָנען. דער קייזער האָט מיך נאָר געהייסן שווערן, אַז איך זאָל קיינמאָל נישט צוקויפן צו פינף. האַלט איך וואָרט, הגם צייטנווייז קומט עס מיר אויס זייער שווער.

ה' לע מעסזש האָט זיך פריער אָפּגעפּאַרטיקט ווי אַלע, און ווענדנדיק זיך צו מיר און צו מאָראַנזשן, האָט ער אַ זאָג געטון:

— מיינע הערן, אויב איר ווילט...

— רייסט זיך אַרויס וואָס גיכער פון יענעם אַלטן נודניק — האָט מיר איינגערוימט דער העטמאַן פון זשיטאָמיר. — באַלד וועט זיך אָנהייבן דער שפּיל „טראַנט-ע-קאַראַנט". איר וועט זען, איר וועט זען!

— מיינע הערן, — האָט איבערגעחזרט טרוקן לע-מעסזש

מיר האָבן אים נאָכגעפאָלגט. ווען מיר זענען ווידער געווען זאַלבעדריט אין דער ביבליאָטעק, האָט ער זיך געווענדט צו מיר:

— איר האָט געפרעגט, וואָס פאַר אַ געהיימע קראַפט האַלט מיך דאָ אויף? דער טאָן פון אייער פראַגע איז געווען אַזעלכער, אַז איר וואָלט באַ מיר קיין ענטפער נישט באַקומען, ווען נישט אייער חבר. ער אַלס וויסנשאַפטס-מאַן וועט בעסער וויסן ווי אָפּשאַצן דעם ווערט פון די אַנטפּלעקונגען, וואָס איך וועל אייך באַלד מאַכן.

בײַ די רייד האָט ער אַ רוק געטון אַ טיר אין דער וואַנט, און ס׳האָט זיך באַוויזן אַ ביכער־שאַפֿע. ער האָט אַרויסגענומען אַ בוך.

— איר זענט ביידע, מײַנע הערן, אין דער מאַכט פֿון אַ פֿרוי. די דאָזיקע פֿרוי, די קעניגין, סאָלטאַנקע, אַבסאָלוטע הערשערין פֿון האָגאַר, הייסט אַנטינעאַ. שרעקט אײַך נישט אַזוי, הער מאָראַנזש, איר וועט מיך באַלד פֿאַרשטיין.

ער האָט געעפֿנט דאָס בוך און איבערגעלייענט אַזוי:

— „איידער איך וועל צוטרעטן צו דער עצם־זאַך, מוז איך אײַך מקדים זײַן.״

— איר זאָלט זיך נישט וווּנדערן, אַז איך וועל אײַך דער־ציילן וועגן באַרבאַרן, וואָס רופֿן זיך מיט גריכישע נעמען.

— וואָס איז דאָס פֿאַר אַ בוך? — האָט אַרויסגעשטאַמלט מאָראַנזש, בלאַס ווי קאַלך.

— דאָסדאָזיקע בוך — האָט געענטפֿערט לע מעסזש מיט אַן אויסדרוק פֿון טריומף, אויסצײַענדיק יעדעס וואָרט — איז דער שענסטער פֿון אַלע פּלאַטאָנס דיאַלאָגן מיטן נאָמען „קריטיאַס, אָדער אַטלאַנטידע״.

— „קריטיאַס״ אָבער איז דאָך נישט פֿאַרענדיקט? — האָט געשעפּטשעט מאָראַנזש.

— נישט פֿאַרענדיקט אין פֿראַנקרײַך, אין אייראָפּע, אומעטום, אָבער נישט דאָ. דאָ איז ער אַ גאַנצער. ביטע, זעט נאָך דעם עקזעמפּליאַר.

— אָבער וואָס פֿאַר אַ שייכות איז פֿאַראַן צווישן אָט דעם דיאַלאָג און דער פֿרוי אַנטינעאַ? — האָט מאָראַנזש געפֿרעגט, בלעטערנדיק פֿיבערהאַפֿט דעם מאַנוסקריפּט — פֿונוואַנען קומט ער צו איר?

— דאָס איז איר יחוס־בריוו. פֿאַרשטייט איר שוין? ער אַנטהאַלט איר גענעאַלאָגיע, ווײַל אַנטינעאַ איז...

— איז ?

— איז דאָס אייניקל פון נעפטון, איז די לעצטע יורשטע פון די אַטלאַנטידן.

קאַפּיטל IX

אַטלאַנטידע

ה׳ לע מעסזש האָט געוואָרפן אַ טריומפירנדיקן בליק אויף מאָראַנזשן. עס איז געווען קלאָר, אַז ער ווענדט זיך בלויז צו אים און אַז נאָר אים באַטראַכט ער פאַר ווערט צו הערן זיינע אַנטפלעקונגען.

— שוין אַ סך פראַנצויזישע און אויסלענדישע אָפיצירן האָט אַראָפּגעבראַכט דער קאַפּריז פון אונדזער הערשערין אַנטינעאַ. איר זענט דער ערשטער, וועמען איך טרוי אָן מיינע סודות. איר זענט געווען אַ תּלמיד פון בערלינען, וועמען איך האָב אַזוי פיל צו פאַרדאַנקען, און מיר דאַכט זיך, אַז טיילנדיק מיט אייך די רעזולטאַטן פון מיינע פאָרשונגען, באַער איך דערמיט זיין אָנדענקען.

ער האָט אַ קלונג געטון. ס׳איז אַריינגעקומען פעראַדזשי.

— קאָווע פאַר די הערן, — האָט באַפוילן ה׳ לע מעסזש. ער האָט אונדז צוגערוקט אַ קעסטעלע מיט עגיפּטישע פּאַפּיראָסן.

— איך רייכער נישט, אָבער אַנטינעאַ קומט אַ מאָל אַהער. דאָס איז אירע פּאַפּיראָסן. רייכערט, מיינע הערן.

— דאָ האָט איר אַ קאָמפּלעט „ווי פּאַריזיען״, מיין הער, —

האָט זיך געווענדט צו מיר לע מעסזש — לייענט, אויב איר ווילט, בשעת איך וועל רעדן מיט אייער פריינט.

— מיין הער, — האָב איך געזאָגט אַביסל שאַרף — אמת איך בין נישט קיין תּלמיד פון בערלינען, וועל איך דאָך גערן הערן אייער געשפּרעך, אויב איר וועט דערלויבן. איך האָף, אַז עס וועט מיך אויך אינטערעסירן.

— ווי איר ווילט, — האָט געענטפערט דער אַלטענקער.

מיר האָבן זיך אַוועקגעזעצט באַקוועם און ה׳ לע מעסזש האָט אָנגעהויבן זיין דערציילונג.

— באַ דער גאַנצער אָביעקטיוויטעט, וואָס איך וואָלט וועלן אָפּהיטן אין וויסנשאַפטלעכע ענינים, איז מיר דאָך אוממעגלעך אָפּצוטיילן מיין אייגענע געשיכטע פון דער געשיכטע פון דער לעצטער יורשטע פון קלילאַ און נעפטון. איך בין אין אַ געוויסן אַרט דער זון פון מיינע ווערק.

פון קינדווייז אויף בין איך געווען להוט נאָך געשיכטלעכע וויסנשאַפטן. איך האָב אין דעם געזוכט מיין לעבנס-ציל, און נישט קוקנדיק אויף קיין זאַך, האָב איך נאָכגעפאָלגט מיין באַרוף.

אַלס פּראָפעסאָר פון ליצעום אין ליאָן האָב איך זיך דאָ באַקענט מיט בערלינען און ליידנשאַפטלעך שטודירט זיינע ווערק איבער דער געשיכטע פון אַפריקע.

דאַמאָלס איז מיר געקומען אויפן געדאַנק אַ זייער אָריגינעלע טעמע פאַר אַ דאָקטאָר-דיסערטאַציע. ס'האָט זיך געהאַנדלט וועגן דורכצופירן אַ פּאַראַלעל צווישן דער בערבערישער העלדין פון VII-טן יאָרהונדערט, וועלכע האָט געקעמפט קעגן דער אַראַבישער אינוואַזיע פון לאַ-קאַען, און דער פראַנצויזישער העלדין זשאַן ד'אַרק, וועלכע האָט געקעמפט קעגן דער ענגלישער אינוואַזיע.

איך האָב דערום פאָרגעשלאָגן די טעמע: „זשאַן ד'אַרק און די טואַרעגן”.

די וויסנשאַפטלעכע קרייזן האָבן געשפּעט און חוזק געמאַכט פון דערדאָזיקער טעמע. מיינע פריינט האָבן מיר געמאָלדן וועגן דעם בסוד.

איך האָב זיי נישט געוואָלט גלייבן, ביז איינמאָל האָט דער רעקטאָר מיך גערופן צו זיך און נאָכדעם, ווי ער האָט, צו מיין דערשטוינונג, זיך שטאַרק אויסגעפרעגט וועגן מיין געזונט-צושטאַנד, האָט ער מיר פאָרגעשלאָגן אַ צוויי-יעריקן אורלויב מיט אַ האַלבער פּענסיִע.

איך האָב זיין פאָרשלאָג אָפּגעוואָרפן מיט כּעס. דער רעקטאָר האָט זיך נישט איינגעשפּאַרט, אָבער אין צוויי וואָכן אַרום האָט מען מיך איבערגעטראָגן דורך אַ מיניסטאָרישן באַפעל אין איינעם פון די פּאַרוואָרפנסטע און אומבאַדייטנדסטע פּראָווינציִישע ליצעומס — אין מאָנט-דע-מאַרסאַן.

איר קענט אייך פאָרשטעלן מיין לאַגע.

וואָס האָט מען דאָ געקענט טון אויסער עסן און טרינקען?

איך האָב ליידנשאַפטלעך עוסק געווען איןביידע זאַכן.

דער סוף איז געווען, אַז איך האָב באַקומען פּאָדאַגרע אין אַ שווערער פאָרם און געווען צוגעשמידט צום בעט. דאַמאָלס בין איך געפאָרן אויף קוראַציִע קיין דאַקס.

איך האָב געדונגען אַ צימער בײַ דעם ברעג פון אַדור. צוגערוימט בײַ מיר האָט אַ פרוי, וועלכע האָט אויך באַדינט אַן אַלטן געלערטן.

איינמאָל אַ נאָכמיטאָג בין איך צוליבן רעגן געבליבן אינדערהיים. די פרוי האָט גראָד געריייניקט די קלאַמקעס פון דער טיר. זי האָט געלייגט די פּאַסטע אויף אַ פּאַפּיר און געריבן, און געריבן...

די משונהדיקע מראה פון פּאַפּיר האָט דערוועקט מיין נייגער. איך האָב עס גענומען באַטראַכטן.

— „אום גאָטעס ווילן! פונוואַנען האָט איר דאָס פּאַפּיר?“

— „מיין באַלעבאָס, דער געלערנטער, האָט גאַנצע קופּעס אַזאַ פּאַפּיר, — האָט זי געענטפערט פאַרלוירן — איך האָב עס אויסגעריסן פון אַ העפט.“

— „נאָט אייך צען פראַנק און ברענגט מיר דעם העפט.“

אין אַ האַלבע שעה אַרום האָט זי מיר געברענגט אַ מאַנו־סקריפּט, אין וועלכן עס האָט צום גליק גאָרנישט געפעלט, אויסער דאָס אויסגעריסענע בלעטל.

דאָס איז געווען, נישט מער און נישט ווייניקער, ווי אַ מאַ־נוסקריפּט פון דער „נסיעה קיין אַטלאַנטידע“ פון דעניס פון מילעט, וואָס ווערט געברענגט פון דיאָדאָרן און וואָס בערלין האָט אַ סך מאָל באַדויערט זיין פאַרלוירן־גיין.

אין אָט דעם אומשאַצבאַרן מאַנוסקריפּט זענען געווען אַ מאַסע ציטאַטן פון „קריטיאַס“.

דאָ ווערט למשל דערציילט, אַז דער צענטראַלער טייל פון אַטלאַנטידע, די וויג און די רעזידענץ פון דער נעפּטונישער דינאַ־סטיע, איז נישט פאַרזונקען געוואָרן אין דער צייט פון דער קאַ־טאַסטראָפע, וואָס ווערט באַשריבן פון פּלאַטאָ׳ען און וואָס האָט פאַרשלונגען די רעשט פון אינדזל, און אַז דערדאָזיקער טייל איז דאָס טאַרגישע האָגאַר ווו, מינדסטנס אין דער צייט פון דעניס פון מילעט, האָט נאָך געזאָלט עקזיסטירן די איידעלע נעפּטונישע די־נאַסטיע.

די היסטאָריקער פון אַטלאַנטידע זענען זיך משער, אַז די קאַטאַסטראָפע, וואָס האָט פאַרניכטעט גאַנץ אַטלאַנטידע אָדער אַ טייל פון איר, איז געשען 9000 יאָר פאַר דער קריסטלעכער צייט־רעכנונג.

אויב דעניס פון מילעט — האָב איך מיר געטראַכט — וועל־כער האָט געשריבן זיין ווערק מיט אַן ערך 2000 יאָר צוריק, רעכנט,

אַז אין זיין צייט האָט די נעפּטונישע דינאַסטיע פון פאַר 9000 יאָר נאָך עקזיסטירט, פאַרוואָס־זשע זאָל נישט מעגלעך זיין, אַז זי זאָל עקזיסטירן נאָך ביז היינט?

פון דעם מאָמענט אָן איז מיין איינציקער לעבנס־ציל געווען, אָנצוקניפּן באַציונגען מיט די קינדער פון נעפּטונס געשלעכט און זיי אויפווייזן זייער גלענצנדיקע פאַרגאַנגענהייט, וואָס איז, לויט מיין מיינונג, געווען פאַרהוילן פון זיי.

איר פאַרשטייט אַליין, מיינע הערן, אַז איך האָב דער אוניווערזיטעט־מאַכט נישט דערציילט וועגן מיין פּלאַן און בײַ קיינעם נישט געבעטן קיין שטיצע.

איך האָב צונויפגעקליבן מיין ביסל האָב־און־גוטס און אָן אַ זײַ־געזונט אַוועקגעפאָרן קיין אָראַן.

דעם ערשטן אָקטאָבער בין איך אָנגעקומען ענדלעך קיין אין־סאַלאַ.

רוענדיק אין אָאַזיס אונטער אַ פּאַלמע, האָב איך מיר פאָרגעשטעלט אין געדאַנק, ווי דאָרט אין מאָנט־דע־מאַרסאַן שיקט מען איצט פונאַנדער דעפּעשן אין אַלע זייטן, כדי אויפצוזוכן דעם פאַרפאַלענעם פּראָפעסאָר פון געשיכטע.

ה׳ לע מעסוזש האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ ווײַלע, וואַרפנדיק אויף אונדז אַ צופרידענעם בליק.

— אייער דערציילונג — האָב איך מיך אָפּגערופן — אינטערעסירט מיך מער, ווי איך האָב גערעכנט, אָבער מיר פעלן ליידער אַ סך ידיעות, אַז איך זאָל זי קענען פאַרשטיין. איר האָט גערעדט וועגן דער נעפּטונישער דינאַסטיע. וואָס איז דאָס פאַר אַ דינאַסטיע, פון וועלכער אַנטינעאַ זאָל שטאַמען? וואָס פאַר אַ ראָל האָט זי געשפּילט אין דער געשיכטע פון אַטלאַנטידע?

ה׳ לע־מעסוזש האָט אַ שמייכל געטון, קוקנדיק פון אַ זייט אויף מאָראַנזשן.

יענער איז געזעסן ווי אַ שטומער, אַן אומבאַוועגלעכער, אָנגעשפּאַרט מיטן קאָפּ אויף דער האַנט און אײַנגעהערט זיך.

— פּלאַטאָן וועט אײַך ענטפערן פאַר מיר — האָט געזאָגט דער פּראָפעסאָר, צוגעבנדיק מיט אַ רחמנות־שמייכל:

— צי איז מעגלעך, אַז איר קענט אַפילו נישט דעם אָנהייב פון „קריטיאַס"?

ער האָט גענומען פון טיש דעם מאַנוסקריפּט, מיט וועלכן מאָראַנזש האָט זיך פריִער אַזוי דערפרייט, האָט פאַריכט זײַנע ברילן און אָנגעהויבן לייענען.

לייענענדיק פּלאַטאָנען, איז דער אַלטעטקער געוואָרן אַן איבערגעאַנדערשטער און ווי אויסגעוואַקסן העכער:

„פונאַנדערטיילנדיק צווישן זיך על פּי גורל די פאַרשידענע טיילן פון דער ערד, האָבן אייניקע געטער באַקומען אַ גרויס לאַנד, אַנדערע אַ קליין לאַנד...

נעפּטון, באַקומענדיק אַזוי אַרום אויף זײַן חלק דאָס אינדזל אַטלאַנטידע, האָט אין אַ טייל פון אים באַזעצט די קינדער, וואָס ער האָט געהאַט פון אַ שטערבלעכער.

דאָס איז געווען אינמיטן דעם אינדזל, נישט ווײַט פון ים, דאָס שענסטע און דאָס פרוכטבאַרסטע פון אַלע טאָלן.

אויף פופציק סטאַדיעס פון אָט דעם טאָל, אין רעכטן מיטן פון דעם אינדזל, איז געווען אַ באַרג.

דאָ האָט געוווינט איינער פון די מענטשן, וואָס זענען בשעת דער באַשאַפונג פון דער וועלט געבוירן געוואָרן פון דער ערד, נעמלעך: עווענאָר מיט זײַן ווײַב לייסיפּ. זיי האָבן געהאַט אַן איינ־אונאיינציקע טאָכטער קליטאָ. זי איז געווען אַ בוגרת, ווען איר פאָטער און מוטער זענען געשטאָרבן, און נעפּטון האָט זיך אין איר פאַרליבט און מיט איר חתונה געהאַט.

נעפּטון האָט באַפעסטיקט דעם באַרג, וווּ זי האָט געוווינט,

איִם אָפּגעטײלט פון דעם איבעריקן אינדזל און אַרומגעגאַרטלט צװײ מאָל מיט לאַנד־פּאַסן און דרײ מאָל מיט ים־פּאַסן..."

ה' לע־מעסוש האָט איבערגעריסן דאָס לײענען און אַ פרעג געטון:

— צי דערמאַנט אײך אָט די אײנריכטונג אָן גאָרנישט?

איך האָב אַ קוק געטון אויף מאַראַנזשן, ער איז געװען פאַר־טיפט אין געדאַנקען און געשװיגן.

— צי דערמאַנט עס אײך אָן גאָרנישט? — האָט לע מעסוש איבערגעחזרט זײן פראַגע.

— מאַראַנזש, מאַראַנזש, — האָב איך געשטאַמלט — דער־מאַנט אײך אונדזער נעכטיקע װאַנדערונג, די צװײ קאָרידאָרן, װאָס מיר זענען דורכגעגאַנגען, אָנקומענדיק אַהער, אין באַרג... די צװײ קאָרידאָרן, די צװײ לאַנד־פּאַסן...

לע־מעסוש האָט אַ קוק געטון אויף מיר מיט אַ שמײכל, װי אײנער זאָגט: „איר זענט דאָך גאָרנישט אַזאַ אידיאָט, װי איך האָב געמײנט".

מאַראַנזש האָט איבערגעריסן דאָס שװײגן מיט אַ קענטיקער אָנגעשטרענגונג:

— איך פאַרשטײ, איך פאַרשטײ... די ים־פּאַסן... אָבער, מײן הער, איר האַלט אַזױ פאַר ריכטיק די היפּאָטעזע װעגן דער עקזיסטענץ פון סאַהאַראַ־ים!*)

— איך האַלט פאַר ריכטיק און האָב באַװיזן דערויף — האָט געענטפערט דער אַלטער מיט אַ קלאַפּ אין טיש — איך װײס אַזױ

---

*) ס'איז פאַרהאַן אַ היפּאָטעזע (אַ השערה), אַז אויפן אָרט, װוּ ס'געפינט זיך די מדבר סאַהאַראַ, איז פאַר אַ סך צענדליק טױזנטער יאָרן געװען אַ ים, און די זאַמדיקע מדבר איז עס דער גרונט פון ים.

איבערז.

גוט ווי איר, אַז שירמער אין אַנדערע געלערטע זענען קעגן דער היפּאָטעזע, אָבער איך האָב מיינע באַווייזן. באַם היינטיקן מיטאָג וועט איר געוויס באַקומען פיש, און איר זאָלט מיר זאָגן, צי אָט די פיש, וואָס ווערן געכאַפּט אין דער סאַזשלקע, וואָס איר זעט פון אָט דעם פענסטער, זענען טייך-פיש אָדער ים-פיש!

— איר פאַרשטייט איצט — האָט ער פאָרטגעזעצט מיט מער רויִקייט — דעם טעות פון יענע, וועלכע, גלייבנדיק אין דער עקזיסטענץ פון אַטלאַנטידע, באַהויפּטן, אַז אין דער צייט פון דער קאַטאַסטראָפע איז דאָס אינדזל אינגאַנצן פאַרזונקען געוואָרן. אין אמתן איז דאַמאָלס פאַרגעקומען נישט אַן איינזינקעניש, נאָר אַן אַרויפשווימונג: פון די ים-כוואַליעס זענען אַרויסגעשווומען נייע לענדער; די מדבר האָט פאַרנומען דאָס אָרט פון ים-גרונט. די געזאַלצענע און אַנדערע אָזיערעס, די זאַמדיקע מירטן, זענען די שפּורן פון די פאַרצייטיקע וואַסערן, וואָס איבער זיי איז אַמאָל געשווומען דער פלאָט, וואָס איז געגאַנגען איינגעמען אַטיקע. דאָס זאַמד פאַרשלינגט אַ ציוויליזאַציע גיכער ווי דאָס וואַסער. פון דעם גאַנצן שיינעם אינדזל איז איצט געבליבן נישט מער, ווי אָט דער הערלעכער אָאַזיס, אַ בלויע סאַזשלקע, פראַכטפולע פרוכטן, וואָס זענען די איינציקע עדות פון פאַרגאַנגענעם גאָלדענעם צייט-אַלטערטום.

נעכטן אָוונט, קומענדיק אַהער, זענט איר אַריבערגעגאַנגען אויף די רוקנס פון די קעמלען די דריי פאַסן אויסגעטרוקנטן ים און די צוויי פאַסן לאַנד דורכגעבויערט פון קאָרידאָרן. דעם אַלטן גלאַנץ האָט דערהאַלטן בלויז אָט דער באַרג, וווּ נעפּטון האָט אַמאָל באַזעצט זיין פילגעליבטע קליטאָ, די טאָכטער פון עווענאָר און לייסיפּ, די מוטער פון אַטלאַס און די אוראַלטע באָבע פון אַבטינעאַ, וואָס אונטער איר הערשאַפט זענט איר איצט אַרונטערגעפאַלן אויף שטענדיק.

— מיין הער, — האָט מאָראַנדש געזאָגט מיט אַ ראַפינירטער העפלעכקייט — על פּי דרך הטבע וואָלט איך אייך פריִער געדאַרפט פרעגן וועגן די סיבות, צוליב וועלכע מען האָט אונדז דאָ פאַרהאַלטן. אָבער אייערע אַנטפּלעקונגען האָבן מיך אַזוי ווייט פאַראינטערעסירט, אַז איך לייג אָפּ די פראַגע וועגן פּערזענלעכע ענינים אויף שפּעטער, און פרעג אייך איבער עפּעס אַנדערש:

די טעג האָב איך געפונען אין צוויי היילן אויסגעקריצט אויף דער וואַנט דעם נאָמען אַנטינעאַ אין טיפינאַר-כּתב. מיין חבר איז אַן עדות, אַז איך האָב תּיכּף געטראָפן, אַז דאָס איז אַ גריכישער נאָמען, און אַ דאַנק אייך און דעם געטלעכן פּלאַטאָן ווייס איך שוין פון וואַנען עס האָבן זיך אַהערגענומען גריכישע נעמען. איך פאַרשטיי נאָר נישט דעם שורש פון אָט דעם וואָרט און איך וואָלט בעטן, אַז איר זאָלט עס מיר דערקלערן.

— מיטן גרעסטן פאַרגעניגן, — האָט געענטפערט לע מעסזש, — איר זענט נישט דער ערשטער, וועלכער שטעלט מיר אַזאַ פראַגע. דאָס רוב רייזנדע, וואָס איך האָב דאָ געזען די לעצטע צען יאָר, זענען פאַרפירט געוואָרן אויף דעם זעלביקן אופן: עס האָט זיי פאַראינטערעסירט אָט דאָס גריכישע וואָרט, געשריבן אין טיפינאַר-כּתב. איך האָב אַפילו אַ גענויעם קאַטאַלאָג פון די אויפשריפטן אין די היילן, ווו זיי געפינען זיך, כּמעט אַלע זענען פון אָט דעם אינהאַלט:

„אַנטינעאַ, דאָ הייבט זיך אָן איר מלכות“.

איך האָב אַפילו געהייסן איבערמאָלן אויפסניי די אַלע אויפשריפטן, וואָס האָבן זיך גענומען אָפּווישן פון דער צייט. אָבער קיין איינציקער אייראָפּעער, וואָס איז אַהער צוגעצויגן געוואָרן דורך אָט דער געהיימער אויפשריפט, האָט נישט געהאַט אין זינען זיך צו פרעגן וועגן איר שורש. קוים האָט ער זיך געפונען אין אַנטינעאַס פּאַלאַץ, דאַמאָלס זענען אים שוין געלעגן אַנדערע זאַכן אין קאָפּ. מען וואָלט געקענט אַ סך דערציילן וועגן דעם, ווי געלערטע פאַר-

געסן געשווינד וועגן וויסנשאַפטלעכע פראַגן, קוים דראָט עפּעס אַ געפאַר זייער לעבן.

— וועגן אָט דעם ענין וועלן מיר רעדן אַן אַנדערש מאָל, מיין הער, — האָט געזאָגט מאַראַנזש מיט אַ ווונדערלעכער העפ־לעכקייט.

— איך האָב באַרירט דעם ענין בלויז מיטן צוועק אייך צו באַווייזן, אַז איך פאַרעכן אייך נישט צו אָט דעם סאָרט געלערטע. איר, מיין הער, אינטערעסירט זיך מיט דעם שורש פון וואָרט אַנ־טינעאַ, נאָך איידער איר ווייסט, וואָס פאַר אַן ארט פרוי טראָגט דעם נאָמען און צו וועלכן צוועק מען האָט אייך דאָ פאַרהאַלטן.

איך האָב אויפמערקזאַם אַ קוק געטון אויפן אַלטן און געזען, אַז ער מיינט עס ערנסט.

— איך וועל אייך נישט לאַנג ברייען, — האָט געזאָגט ווייטער לע מעסזש, נאָכדעם ווי ער האָט אונדז איסגעפרעגט וועגן אונדזערע אייגענע השערות בנוגע דעם וואָרט, — דאָס וואָרט „אַנטינעאַ" באַשטייט פון פאָלגנדיקע טיילן: „טי" איז אַ באַרבאַ־רישער צוּמיש אין אָט דעם גריכישן נאָמען. „טי" איז דער ווײַ־בלעכער אַרטיקל „די" אין בערבעריש. אַזעלכע צומישונגס־פּועלים האָבן מיר אַ סך. אַזוי, למשל, דער נאָמען „טיפּאַסאַ" פון אַ צפון־אַפריקאַנישער שטאָט, ווי „פּאַסאַ" באַדייט — „גאַנצע", און „טי" איז דער ווייבלעכער אַרטיקל „די". „טינעאַ" באַדייט אויך — „די נייע". פון „טי" און „נעאַ".

— און דער צוזאַץ „אַנ"? — האָט געפרעגט מאַראַנזש.

— דאָ מוז איך מיך פאַרופן אויף „קריטיאַסן", וועלכער באַווייזט, אַז „אַן" איז פאַרקירצט פון „אַטלאַן". אַנטינעאַ — באַ־דייט אַזוי — „דאָס נייע אַטלאַנטאַ".

מאַראַנזש איז געבליבן פאַרגאַפט פון דערדאָזיקער דערקלע־

רונג. דער באַרבאַרישער אַרטיקל „טי״ האָט אים באַזונדערס גע-ברענגט אין דערשטוינונג.

— צי האָט איר געפונען א באַשטעטיקונג צו דער דאָזיקער דערקלערונג? — האָט ער אַרויסגעשטאַמלט.

— אין אָט די ביכער איז פאַרהאַן א באַשטעטיקונג! — האָט געענטפערט לע מעסוש עפּענענדיק מיטאַמאָל פינף, צען, צוואַנציק שאַפעס.

פאַר אונדזערע אויגן האָט זיך באַוויזן א פּראַכטפולע ביב-ליאָטעק.

— אָט דאָ איז אַלץ פאַרהאַן! — האָט א ברום געטון מאָ-ראַנזש מיט אַן אויסדרוק פון פאַרוואונדערונג און שרעק.

— מינדסטנס אַלץ, וואָס איז ווערט מען זאָל עס שטודירן, — האָט געזאָגט לע מעסוש — אַלע גרויסע ווערק, וואָס די וויסנ-שאַפטלעכע וועלט באַקלאָגט זייער פאַרלוירן-גיין.

— און ווי אַזוי זענען זיי געקומען אַהער?

— צי געדענקט איר, וואָס פּליניוס דער עלטערער דער-ציילט וועגן דער ביבליאָטעק פון קאַרטאַגאָ און וועגן די אוצרות, וואָס זענען דאָ געווען אויפגעקליבן? אין יאָר 146 פאַר קריסטוּ-סעס געבורט, ווען די דאָזיקע שטאָט איז געפאַלן אונטער די קלעפּ פון רוימישן קריגספירער סציפּיאָ, האָט דער רוימישער סענאַט, דידאָ-זיקע חברה עם-הארצים, זיך באַצויגן מיט גרינגשעצונג צו די ביבליאָטעק-אוצרות און זיי אַוועקגעשענקט די אַרטיקע קעניגן. אי-בערגייענדיק פון פאָטער צום זון, זענען זיי צולעצט אַריינגעקו-מען אין די הענט פון יובאַ II, דעם מאַן פון קלעאָפּאַטרע סעלע-נע, די טאָכטער פון דער באַרימטער עגיפּטישער קלעאָפּאַטרע און איר געליבטן מאַרקוס אַנטאָניוס.

קלעאָפּאַטרע סעלענע האָט געבוירן א טאָכטער, וואָס האָט חתונה געהאַט מיט אַן אַטלאַנטישן קעניג. אַזוי אַרום איז די עגיפּ-

טישע קעניגין איינע פון די עלטער-באָבעס פון אנטיגעאָן. און אַנ־טינעאַ האָט געירשנט די רעשטן פון דער קאַרטאַגענישער ביבליאָ־טעק אינאיינעם מיט די רעשטן פון דער אַלעקסאַנדרישער ביבליאָ־טעק, וואָס געפינען זיך דאָ פאַר אייערע אויגן.

די וויסנשאַפט איז אַנטרונען פון מענטשן. אין דער צייט, ווען ס'האָבן זיך געבילדעט די באַרימטע וויסנשאַפטלעכע צענטרן פון בערלין, פּאַריז, לאָנדאָן, האָט די אמתע וויסנשאַפט זיך איינגע־שלאָסן אין אָט דעם פאַרוואָרפענעם ווינקל — אין האָגאַר.

זיי שאַפן דאָרט זייערע פאַלשע השערות אויפן גרונט פון ציטאַטן פון די פאַרלוירן־געגאַנגענע אוראַלטע ווערק. אָבער די דאָזיקע ווערק זענען פאַראַן דאָ.

דאָ זענען פאַראַן אַלטע העברעישע, כאַלדעישע, אַסירישע ווערק. דאָ זענען פאַראַן די גריכישע מיטאָגראַפן, די מאַגיער פון רוימישן אַפריקע, די אינדישע בעלי־חלומות.

גלייבט מיר, דער פּראָפעסאָר פון מאָנט-דע-מאַרסאַן, וועלכן מ'ינן האָט אויסגעלאַכט און געהאַלטן פאַר אַ משוגענעם האָט דער־לעבט אַ נקמה.

איך לאַך פון זייערע קענטענישן, וואָס האָבן קיין האַפט נישט. און ווען איך וועל שטאַרבן, וועט אַ דאַנק די פאַרזיכטס־מיטלען פון נעפּטון אַפּצווישליסן זיין פילגעליבטע קליטאָ פון דער וועלט, דאָרט, אין אייראָפּע ווייטער הערשן די עמי-הארצות, פון וועלכער איך מאַך חוזק.

— מיין הער, — האָט מאָראַנזש געפרעגט מיט אַן ערנסטער מינע, — איר באַהויפּטעט אַלזאָ, אַז עגיפּטן האָט געהאַט אַ השפּעה אויף דער היגער ציוויליזאַציע? צוליב טעמים, וואָס איך וועל אייך אפשר אַמאָל דערקלערן, וואָלט איך וועלן האָבן אַ באַווייז דערויף.

— דאָס איז אַ גאַנץ לייכטע זאַך — האָט אָפּגעענטפערט לע מעסוש.

איך בין דעמאָלט צוגעגאַנגען צום אַלטן און אים אַ זאָג געטון מיט אַן איינגעהאַלטענעם כעס:

— דערלויבט מיר צווײ ווערטער, מײן הער. די גאַנצע דיסקוסיע, וואָס איר פירט דאָ וועגן היסטאָרישע פראַגן, באַטראַכט איך פאַר גישט פּאַסיק באַם איצטיקן מאָמענט. איצט אינטערעסירט מיך נאָר איין פראַגע: איך וויל וויסן פאַרוואָס מען האָט אונדז, מען האָט מיך אַהערגעבראַכט. פיל מער ווי דער שורש פון וואָרט אַנטיגנאָ אינטערעסירט מיך די פראַגע: וואָס וויל מען פון אונדז האָבן? מײן חבר וויל וויסן וועגן די באַציִונגען פון האַגאַר צום פּאַראָנישן עגיפּטן, — זײער שײן — וואָס איז שײך מיר, וויל איך בעסער וויסן וועגן אײַער באַציִונגען צו דער אַלגעמײנער פּראָגרעסיוויזער מאַכט אין אַלזשיר און צו די אַראַבישע פּאַסטנס.

לע מעסש האָט גאַליק געלאַכט:

— איך וועל אײַך געבן אַן ענטפער, וואָס וועט אײַך ביידע צופרידנשטעלן. בימע, קומט מיט מיר, ס׳איז שוין צײַט, אַז איר זאָלט זיך וועגן אַלץ דערוויסן.

קאַפּיטל X

אַ זאַל פון רויטן מאַרמאָר

מיר זענען נאָכגעגאַנגען ה׳ לע מעסזשן איבער אַ רייע טרעפּ און קאָרידאָרן אָן אַ סוף.

— אין אָט דעם לאַבירינט פאַרלירט מען יעדעס געפיל פון אָריענטאַציע, — האָב איך אַ ברום געטון צו מאָראַנזשן.

— מען פאַרלירט קודם כל דעם קאָפּ, — האָט אָפּגעענטפערט מיין חבר — דער אַלטער איז אָן צווייפל אַ גרויסער מלומד, אָבער גאָט ווייסט, וווהין ער וועט אונדז פאַרפירן. איבעריקנס האָט ער צוגעזאָגט מגלה צו זיין אַלץ.

ה׳ לע מעסזש האָט זיך אָפּגעשטעלט פאַר אַ שווערער טיר, אויף וועלכער ס׳זענען געווען אויסגעקריצט משונהדיקע צייכנס.

— ביטע, גייט אַריין, מיינע הערן.

ס׳האָט אַ בלאָז געטון אויף אונדז אַ שטראָם קאַלטע לופט. אין זאַל, וווהין מיר זענען אַריינגעקומען, האָט געהערשט אַ קאַלטע טעמפּעראַטור.

צוליב דער טונקלקייט האָבן מיר תחילת נישט באַמערקט ווי גרויס דער זאַל איז.

די שוואַכע באַלייכטונג איז באַשטאַנען פון צוועלף גרויסע קופּערנע אייל־לאָמפּן אין דער פאָרם פון זיילן, וואָס זענען געשטא-

נען אויף דער פּאָדלאָגע און האָבן געברענט מיט ראָזאָווע פלאַמען. ווען מיר זענען אַריין אין זאַל, האָט דער ווינט פון קאָרידאָר אַ טרייסל געטון די פלאַמען און צעדרייט אונדזערע גרויסע משונהדיקע שאָטנס. אין אַ ווײַלע אַרום האָבן די פלאַמען ווידער זיך אויסגעגלייכט און די רויטע שנויצן זענען געשטאַנען שטייף אין דער האַלב־פינסטערקייט פון זאַל.

די צוועלף גרויסע לאָמפּן (יעדער פון זיי איז געווען דריי מעטער הויך) זענען געווען אויסגעשטעלט אין דער פאָרם פון אַ קרוין, און צווישן זיי אינמיטן האָט געשפּריצט אַ קליינער פאָנטאַן, וועלכער האָט אָפּגעפרישט די לופט. אַרום פאָנטאַן זענען געווען שטיינערנע בענק, אויסגעלייגט מיט קישעלעך צום זעצן זיך. אינעווייניק, אין דער פאָרם פון אַ קלענערער קרוין, זענען געווען אויסגעשטעלט צוועלף ווייַרויך־שיסלען. דער איידעלער גערוך פון ווייַרויך אינאיינעם מיט דער קילקייט און שטילן גערויש פון פאָנטאַן האָבן פאַרטריבן פון האַרץ יעדן אַנדערן ווונטש, חוץ דאָ צו בלייבן אויף שטענדיק.

ה׳ לע מעסוש האָט אונדז אָנגעוויזן אויף גרויסע שטולן אינמיטן זאַל און אַליין זיך אַוועקגעזעצט מיט אונדז.

— אין אַ ווײַלע אַרום, — האָט ער געזאָגט, — וועלן אייערע אויגן זיך געוווינען צו דער פינסטערניש.

איך האָב באַמערקט, אַז ער רעדט מיט אַ שטילער שטימע, ווי אין אַ טעמפּל.

ביסלעכווייז האָבן אונדזערע אויגן טאַקע זיך צוגעוווינט צום ראָזאָווען ליכט, וועלכעס האָט באַלויכטן בלויז דעם מיטלסטן טייל פון זאַל.

די גאַנצע סקלעפּיעניע איז געווען איינגעטונקען אין שאָטן, אַזוי אַז מען האָט נישט געקענט וויסן, ווי הויך זי איז. קוים, קוים האָב איך באַמערקט איבער אונדזערע קעפּ אַ גרויסן באַגילדטן זשי-

ראַנדאַל, אויף וועלכן עס האָט אָפּגעשלאָגן דאָס רויטע ליכט. מען האָט אָבער נישט געקענט זען די לענג פֿון דער קייט, אויף וועלכער דער זשיראַנדאַל איז געווען אויפגעהאָנגען אין פינסטערן סופיט.

אָן דער מאַרמאָרנער פּאָדלאָגע, וואָס איז געווען גלאַט ווי אַ שפּיגל, האָט אויך אָפּגעשלאָגן דאָס רויטע ליכט פֿון די לאָמפּן.

דער זאַל, ווי איך האָב געזאָגט, איז געווען אַ קיילעכדיקער, און דער פּאַנטאַן, צו וועלכן מיר זענען געווען אויסגעדרייט מיטן רוקן, איז געווען אין צעגנור.

אויסגעדרייט מיטן פּנים צו די קיילעכדיקע ווענט, האָבן מיר באַלד באַמערקט, אַז זיי זענען צעטיילט דורך אַ גאַנצער ריי טונקעלע אויסהוילונגען (נישן), וואָס זייער שוואַרצע ליניע איז איבערגעהאקט געווען פֿאַר אונדז דורך דער איינגאַנגס-טיר און פֿון הינטן — דורך אַ צווייטע טיר, וואָס איך האָב קוים באַמערקט, אומדרייענדיק דעם קאָפּ. פֿון איין טיר ביז דער אַנדערער, האָב איר אָפּגעציילט זעכציק אויסהוילונגען, אַזוי, אַז צוזאַמען איז געווען הונדערט און צוואַנציק אַזעלכע אויסהוילונגען, יעדע איז געווען דריי מעטער הויך און איין מעטער ברייט און האָט אַנטהאַלטן אַן אַרט קאַסטן, וואָס איז געווען אויבן ברייטער ווי אונטן, און געווען פֿאַרמאַכט נאָר אונטן אין אַלע קאַסטנס אַ חוץ צוויי, וואָס זענען געשטאַנען פּונקט אַנטקעגן מיר, האָב איך באַמערקט אַ העלבראָנזאָווע סטאַטוע אין געשטאַלט פֿון אַ מענטש. אין דער טייל פֿון ראָד, וואָס איז געווען פֿאַר מיינע אויגן, האָב איך אָפּגעציילט אַן ערך דרייסיק אַזעלכע פֿיגורן.

— וואָס איז דאָס פֿאַר אַ פֿיגורן? — האָב איך געפֿרעגט און זיך אויפגעהויבן אַ קוק צו טון נענטער.

ה׳ לע מעסש האָט מיר אַרויפגעלייגט די האַנט אויף דער פּלייצע.

— באַלד, די מינוט, — האָט ער געשעפּטשעט — באַלד, די מינוט.

דעם פּראָפעסאָרס בליק איז געווען געווענדט אויף דער אויינגאַנג־טיר, הינטער וועלכער עס האָט זיך געלאָזט הערן אַלע־מאָל דייטלעכער אַ גערויש פון טריט.

די טיר האָט זיך שטיל געעפנט, און ס'זענען אַריין דריי ווייס־געקליידטע טראָגער־דינער. צוויי האָבן געטראָגן אויף די אַקסלען אַ לאַנגן פּאַק, דער דריטער איז קענטיק געווען דער אָנ־פירער.

אויף זיין צייכן האָבן זיי אַוועקגעלייגט דעם פּאַק אויף דער ערד און אַרויסגענומען פון אַן אויסהוילונג איינעם פון די פריערדערמאָנטע קאַסטנס.

— איר קענט צוגיין נענטער, מיינע הערן — האָט אַ זאָג געטאָן צו אונדז לע מעסיע.

אויף זיין צייכן האָבן די טראָגער זיך אַ ביסל אָפּגערוקט.

— איר האָט מיך נאָר־וואָס געבעטן, — האָט לע מעסיע געזאָגט, אויסדרייענדיק זיך צו מאַראַנזשן — אַז איך זאָל אייך געבן אַ באַווייז וועגן דער השפּעה פון דער עגיפּטישער קולטור אויף אָט דעם לאַנד. וואָס וועט איר זאָגן אָט צו דעם קאַסטן?

מיט די ווערטער האָט ער אָנגעוויזן אויפן קאַסטן, וואָס די דינער האָבן אַרויסגענומען פון דער נישע און אים אַוועקגעלייגט אויף דער פּאָדלאָגע.

מאַראַנזש האָט אַרויסגעלאָזט אַ פאַרשטיקטן אויסגעשריי.

מיר האָבן געהאַט פאַר זיך איינעם פון די קאַסטנס, וואָס זענען באַהאַלט מומיעס. דאָס זעלבע גלאַנציקע האָלץ, די זעלביקע העל־פאַרביקע געמעלן, נאָר אַנשטאָט היעראָגליפן איז דאָ געווען טיפינאַר־כּתב.

לע מעסיע האָט אַנידערקניט און אַרויפגעזעצט אויף דער

אונטערשטער פּאַרמאַכטער טייל פון קאַסטן אַ ווייס צעטל, אַן אַרטעטיקעט, וואָס ער האָט געהאַט מיטגעבראַנגט מיט זיך פון דער ביבליאָטעק.

— איר מעגט איבערלייענען, — האָט ער געזאָגט איינפאַך מיט אַ שטילער שטימע.

איך האָב אַנידערגעקניט, ווייל די קאַרגע באַלייכטונג פון די לאָמפּן האָט באַשווערט דאָס איבערלייענען דעם צעטל. איך האָב דערקענט די האַנטשריפט פון פּראָפעסאָר און מיט גרויס מי איבער־געלייענט די ווערטער:

„נומער 53. מאַיאָר סער אַרטשיבאַלד רוסעל, געבוירן אין ריטשמאָנד דעם 5־טן יולי 1866. געשטאָרבן אין האָגאַר דעם 3־טן דעצעמבער 1896.”

איך האָב מיך האַסטיק אויפגעשטעלט.

— מאַיאָר רוסעל! — האָב איך אַ געשריי געטון.

— שטילער, שטילער, — האָט זיך אָנגערופן לע מעסוש — דאָ טאָר מען נישט שרייען.

— מאַיאָר רוסעל, — האָב איך איבערגעחזרט, שטילער מאַכנדיק נישט־ווילנדיק די שטימע, — וועלכער איז פאַראַיאָרן אַרויס־געפאָרן פון כאַרטום, כדי אויסצופאָרשן סאַקאָטאַ?

— דער זעלבער, — האָט געענטפערט דער פּראָפעסאָר.

— און ווו איז ער... דער מאַיאָר רוסעל?

— ער איז אָט דאָ, — האָט געענטפערט לע מעסוש.

דער פּראָפעסאָר האָט געגעבן אַ צייכן. די דינער זענען צו־געגאַנגען נענטער.

אין דעם געהיימנישפולן זאַל האָט געהערשט אַ דריקנדיקע שטילקייט, וואָס איז געשטערט געוואָרן בלויז דורכן גערויש פון פאָנטאַן.

די טוּאַרעגן האָבן אָנגעהויבן אויפוויקלען דעם פּאַק, וועלכן

זי האָבן אַוועקגעלייגט לעבן באַמאָלטן קאַסטן. מאָראַנוש און איך זענען געווען ווי פאַרגליווערט פון שרעק.

פאַר אונדזערע אויגן האָט זיך באַוויזן אַ פאַרשטיינערט מענטשלעך געשטאַלט. אונטערן ליכט פון די רויטע פלאַמען איז געלעגן אויף דער ערד אַ העל-בראָנזענע סטאַטוע, איינגעוויקלט אין ווייסן מושלין, ענלעך צו יענע, וואָס זענען געשטאַנען אין די ווענט-נישן.

— סער אַרטשיבאַלד רוסעל, — האָט געשעפטשעט לע מעסוש.

מאָראַנוש איז צוגעגאַנגען שטיל. האָט אויפגעהויבן דעם מושלין-שלייער און פאַמעלעך אויפגעדעקט די סטאַטוע.

— אַ מומיע, אַ מומיע, — האָט ער אַרויסגעשטאַמלט, — ניין, נישט קיין מומיע...

— אין אמתן גערעדט — האָט געזאָגט לע מעסוש, איז עס נישט קיין מומיע. אָבער דאָס איז דאָך דער טויטער קערפּער פון סער אַרטשיבאַלד רוסעל. נאָר די איינבאַלזאַמירונגס-מעטאָדע אין אַנטינעאַס קעניגרייך איז אַנדערש, ווי ס'איז געווען אין פאַרצייטישן עגיפּטן.

לע מעסוש האָט לייכט אַ קלאַפּ געטון אין מאַטן שטערן פון סער אַרטשיבאַלד. ס'האָט זיך געהערט אַ קלאַנג פון מעטאַל.

— דאָס איז דאָך בראָנז, — האָב איך אַ ברום געטון, — דאָס איז נישט קיין מענטשלעכער גוף, דאָס איז בראָנז.

לע מעסוש האָט אַ הייב געטון מיט די פּלייצעס.

— דאָס איז אַ מענטשלעכער גוף, און נישט קיין בראָנז, — האָט ער געזאָגט מיט פעסטקייט — בראָנז איז טונקעלער. דאָס איז אַ מעטאַל, וועגן וועלכן פּלאַטאָן דערמאַנט אין „קריטיאַס" און וועלכער איז צווישן גאָלד און זילבער. דאָס איז אַ מעטאַל, וואָס געפינט זיך נאָר אין די אַטלאַנטידע-בערג און הייסט אָרישאַלק.

איינבייגנדיק זיך טיפער, האָב איך דערזען, אַז דאָס איז

דירזעלביקער מעטאַל, מיט וועלכן ס׳זענען געווען באַדעקט די ווענט פון דער ביבליאָטעק.

— יאָ, דאָס איז דער אָרישאַלק, — האָט לע מעסוש פאָרטגעזעצט, — ווי איך זע, פאַרשטייט איר אָבער נישט, ווי אַזוי מען קען מאַכן, אַז אַ מענטשלעכער גוף זאָל באַקומען דאָס געשטאַלט פון אַן אָרישאַלק־סטאַטוע. צי האָט איר, הער קאַפּיטאַן, קיינמאָל נישט געהערט וועגן דער נייער מעטאָדע פון דאָקטאָר וואַריאָ צו קאָנסערווירן אַ גוף נישט דורך באַלזאַמירן, נאָר דורך גאַלוואַנאָפּלאַסטיק? וואַריאָס מעטאָדע באַשטייט אין דעם, אַז די הויט ווערט פריער באַדעקט מיט אַ דינעם שיכט פון זילבער־זאַלץ, דערנאָך ווערט דער גאַנצער גוף איינגעטונקען אין אַ וואַנע פון קופּער־סולפאַט און אַזוי אַרום קומט פאָר דער פּראָצעס פון פּאָלאַריזאַציע. אָט לויט דער זעלבער מעטאָדע האָט מען מעטאַליזירט דעם גוף פון געערטן ענגלישן מאַיאָר, נאָר מיט דעם אונטערשייד, וואָס אָנשטאָט אַ וואַנע פון קופּער־סולפאַט האָט מען באַנוצט אַ וואַנע פון אָרישאַלק־סולפאַט. אַזוי אַרום האָט מען אָנשטאָט אַ קופּערנע סטאַטוע באַקומען אַ סטאַטוע פון אַ מעטאַל, וואָס איז ווערטפולער ווי גאָלד און זילבער.

אויפן צייכן פון לע מעסוש האָבן די דינער גענומען דעם גוף, אים אַריינגעלייגט אין באַמאָלטן קאַסטן און אַריינגערוקט אין דער נישע לעבן אַ צווייטער נישע, וואָס האָט געטראָגן דעם נומער 52.

אָפּגעטון זייער אַרבעט, זענען זיי אַוועקגעגאַנגען אָן אַ וואָרט צו רעדן.

מאַראַנזש און איך, מיר ביידע, זענען אַ ווײַלע געבליבן שטיין פאַרשטיינערט ווי די סטאַטועס, וואָס האָבן אונדז אַרומגערינגלט. פּלוצלינג האָב איך געמאַכט אַן אָנשטרענגונג, און וואַקלענדיק זיך אויף די פיס, בין איך צוגעגאַנגען צו דער דערבייִקער נישע און אַ קוק געטון אויפן בלעטל נומער 52.

אָנשפּאַרנדיק זיך אין ראָזאָווען מאַרמאָר פון דער וואַנט, האָב איך איבערגעלייענט;

„נומער 52, קאַפּיטאַן לאַראַן דעלין, געבוירן אין פּאַריז דעם 22-טן יולי 1861. געשטאָרבן אין האַגאַר דעם 20-טן אָקטאָבער 1896.

— קאַפּיטאַן דעלין, — האָט געשעפּטשעט מאַראַנוש — וועלכער איז אין יאָר 1895 אַרויסגעפאָרן פון קאָלאָמב-בעכאַר קיין טימימון און וועלכער איז פאַרפאַלן געוואָרן ווי אין וואַסער אַריין.

— דער זעלבער, — האָט געזאָגט לע מעסוש, שאָקלענדיק מיטן קאָפּ אַלס צייכן פון צושטימונג.

— „נומער 51, — האָט מאַראַנוש געלייענט, קלאַפּנדיק אַ צאָן אָן אַ צאָן — פאַלקאָווניק פאָן וויטמאַן, געבוירן אין יענאַ אין 1855, געשטאָרבן אין האַגאַר דעם 1-טן מאַי 1896.״ פאַלקאָווניק וויטמאַן, דער פאָרשער פון קאַנעם, וועלכער איז פאַרשוווּנדן אין דער געגנט פון אַגאַדעס?

— גאַנץ ריכטיק, — האָט געענטפערט לע מעסוש.

— „נומער 50 — האָב איך געלייענט ווייטער, אָנכאַפּנדיק זיך אָן דער וואַנט, כדי נישט אומצופאַלן — מאַרקיז אַלאַנזאָ ד׳אַליווייראַ, געבוירן אין קאַדיקס דעם 21-טן פעברואַר 1868, געשטאָרבן אין האַגאַר דעם 1-טן פעברואַר 1896״... אַליווייראַ, וועלכער איז אַרויסגעפאָרן אין דער ריכטונג פון אַראַוואַן!

— גאַנץ ריכטיק — האָט ווידער באַשטעטיקט לע מעסוש. — אָט דער שפּאַניער איז געווען איינער פון די געלערנטסטע מענטשן. איך האָב געהאַט מיט אים אַן אינטערעסאַנטע דיסקוסיע וועגן דער געאָגראַפישער לאַגע פון אַנטינעאַס קעניגרייך.

— „נומער 49, — האָט ווייטער געלייענט מאַראַנוש, — פּאָרוטשיק וואַלדהויז, געבוירן אין ליווערפּול דעם 16-טן סעפּטעמבער 1870, געשטאָרבן אין האַגאַר דעם 4-טן אָקטאָבער 1895״.

— אַזוי יונג, — האָט צוגעגעבן לע מעסוש.

— „נומער 48, — האָב איך אָנגעהויבן לייענען — פּאָדפּאָ-רוטשניק לואי דע מאַילעפּיי, געבוירן אין פּראָוואַנס דעם...

איך האָב נישט געענדיקט פאַר אויפרעגונג, די שטימע איז מיר פאַרשטיקט געוואָרן אין האַלדז.

לוי דע מאַילעפּיי, מיין בעסטער פריינט פון קינדווייז אויף, פון דער מיליטער-שול, פון אַלע צייטן... איך האָב אַ קוק געטון אויף אים, איך האָב אים דערקענט אונטער דעם מעטאַל-דעקטוך, לואי דע מאַילעפּיי!

און צודריקנדיק דעם שטערן צו דער קאַלטער וואַנט, האָב איך מיך נישט געקענט אָפּהאַלטן פון געוויין.

איך האָב געהערט מאַראַנזשס פאַרשטיקטע שטימע ווענדנדיק זיך צום פּראָפעסאָר:

— מיין הער, די דאָזיקע סצענע דויערט שוין צו לאַנג. שוין צייט צו מאַכן אַ סוף צו דעם!

— ער האָט דאָך געוואָלט וויסן, — האָט אָפּגעענטפערט לע מעסוש, — וואָס האָב איך געקענט מאַכן?

איך בין צוגעגאַנגען צו אים, און, אָנכאַפּנדיק אים בײַ דער פּלייצע, געשריגן נישט מיט מיין קול:

-- ווי אַזוי איז ער דאָ אַהערגעקומען? פון וואָס איז ער געשטאָרבן? זאָגט!

— ער איז געשטאָרבן ווי אַלע אַנדערע, — האָט געענטפערט דער פּראָפעסאָר — אַזוי ווי פּאָרוטשניק וואַלדהויז, קאַפּיטאַן דעלין, מאַיאָר רוסעל, פּאָלקאָווניק וויטמאַן, ווי די 47 פון פריער און אַלע פון שפּעטער...

— אָבער פון וואָס זענען זיי געשטאָרבן? — האָט געפרעגט באַפעלעריש מאַראַנזש.

דער פּראָפעסאָר האָט אַ קוק געטון אויף אים. מאַראַנוש איז בלאַס געוואָרן.

— כּדי וואָס זיי זענען געשטאָרבן? זיי זענען געשטאָרבן פון ליבע.

— איצט ווייסט איר שוין? — האָט ער צוגעגעבן שטיל און זייער ערנסט.

אויף אַ זייער דעליקאַטן אופן האָט לע מעסוש אונדז אוועקגענומען פון די מעטאַלענע סטאַטועס און זיך אַנידערגעזעצט מיט אונדז אויף די ווייכע קישעלעך אינמיטן זאַל. בּײַ אונדזערע פיס האָט גערוישט דאָס קרישטאָל־וואַסער פון פאָנטאַן.

— איצט ווייסט איר שוין, — האָט ער איבערגעחזרט, — אָבער איר פאַרשטייט נאָך נישט.

— איר זעט, אַזוי ווי יענע אַלע, די געפאַנגענע פון אַנטינעאַן, — האָט ער צוגעוואָרפן פּאַמעלעך און שטיל — און אַנטינעאַ איז זיך נוקם.

— איז זיך נוקם? — האָט געזאָגט מאַראַנוש רויק, — פאַרוואָס? מיט וואָס האָבן מיר זיך פאַרזינדיקט קעגן איר, אַז זי זאָל זיך אָן אונדז נוקם זיין?

— דאָס איז אַן אַלטע, גאָר אַלטע קריג — האָט אָפּגעענטפערט ערנסט דער פּראָפעסאָר.

— איך פאַרשטיי אייך נישט, ה׳ פּראָפעסאָר.

— איר זעט מאַנספּילן, זי איז אַ פרוי, — האָט זעזאָגט לע מעסוש מיט אַ טרויעריקער מינע. — אין דעם ליגט דער שורש פון דער קריג.

— איך פאַרשטיי נאָך אַלץ נישט, מיין הער.

— איך וועל אייך באַלד דערקלערן. צי ווייסט איר נישט, וויפיל די שיינע קעניגינען פון די פאַרצייטישע באַרבאַרישע פעלקער האָבן געהאַט אויסצושטיין פון די אויסלענדער, וואָס דאָס מזל האָט

זיי פאַרוואָרפן אין זייערע מדינות אַריין? וויקטאָר הונאָ האָט גוט
געשילדערט זייערעווילדע מעשים אין זיין פּאָעמע „דאָס מיידל
פון אָ'טאַיטי". די דאָזיקע פאַרשוינען האָבן אין אַלע צייטן מיס-
ברויכט מיט זייער שיינקייט און רייכקייט, און דערנאָך זענען זיי
אין אַ שיינעם פרימאָרגן נעלם געוואָרן. ס'איז געווען אַ גליק, אויב
זיי זענען אין אַ צייט אַרום נישט צוריקגעקומען מיט אַ קריגס-פלאָט
און מיליטער און נישט פאַרנומען זייער לאַנד.

— ווער זענען זיי אָט די קעניגינען?

— איר ווילט ביישפּילן? איך וועל אייך געבן וויפיל איר
ווילט. דערמאַנט זיך, ווי אַזוי אוליסעס איז זיך באַגאַנגען מיט
קאַליפּסאָן, דיאַמענעס מיט קאַליראָען, טעזעוס מיט אַריאַדנען און יאַ-
זאָן מיט מעדעאַן. די רוימער האָבן אַרויסגעוויזן נאָך מער ווילד-
קייט און ברוטאַליטעט. ענעוס האָט באַהאַנדלט די קעניגין דידאָ-
נע אויף דעם שענדלעכסטן אופן. צעזאַר האָט זיך נוהג געווען מיט
דער געטלעכער קלעאָפּאַטרע גאָרנישט מעשה קייזער. טיטוס דער
צבועק, האָט אַראָפּגעשלעפּט בעראָניקען קיין רוים און זי דאָרט
פאַראַטן.

האָט זיך געפונען אַ פרוי, וועלכע וויל זיך אָפּרעכענען פאַר
די געליטענע באַליידיקונגען. אָפּגעזונדערט פון דער ציוויליזיר-
טער וועלט דורך די פּאָרזיכטס-מיטלען פון נעפּטון, פאַרנאַרט זי
צו זיך יונגע און קרעפטיקע מענטשן. פון דיזאָזיקע עזות-פּנימער
נעמט זי אַלץ, וואָס זיי קענען געבן. זי גיט זיך איבער צו זיי
קערפּערלעך, אָבער באַהערשט זיי גייסטיק. דאָס איז די איינציקע
הערשערין, וואָס די ליידנשאַפט האָט זי אויף איין מאָמענט נישט
געמאַכט פאַר קיין שקלאַפין. דאָס איז די איינציקע פרוי, וואָס לי-
בע און תאווה זענען בײַ איר צוויי באַזונדערע זאַכן.

לע מעסש האָט אַ ווײַלע געשוויגן, דערנאָך האָט ער פאָרט-
געזעצט:

— איינמאָל אין טאָג קומט זי אין אָט דעם בית עלמין. שטעלט זיך אָפּ פאַר די דאָזיקע נישן, פאַרטראַכט זיך פאַר אָט די פאַרשטאַרטע סטאַטועס, רירט אָן זייערע קאַלטע ברוסטן, וואָס זי האָט אַ מאָל געפילט זייער היץ, און אַרומדרייענדיק זיך אַ ביסל איבערן זאַל, קערט זי זיך אום צו יענעם, וואָס וואַרט אויף איר און וואָס וועט אינגיכן אויספילן איינס פון די נישן־קברים.

דער פּראָפעסאָר איז אַנטשוויגן געוואָרן. אין דער שטילקייט האָט זיך ווידער געלאָזט הערן דאָס גערויש פון פאָנטאַן. מיינע שלייפן האָבן געקלאַפּט, דער קאָפּ האָט געברענט ווי אין פייער. אַ שרעקלעכער פיבער האָט מיך געטרייסלט.

— און אַלע, אַלע — האָב איך אַ געשריי געטון — האָבן געפאָלגט, זיך אונטערגעגעבן? זאָל זי נאָר קומען! זאָל זי נאָר קומען, וועלן מיר זען!

מאַראַנזש האָט געשוויגן.

— מיין ליבער פריינט, — האָט געזאָגט לע מעסוש מיט אַ זייער מילדער שטימע, — איר רעדט, איך בעט אייך איבער, ווי אַ קינד. איר קענט נישט, איר האָט נישט געזען אַנטינעאַן. איר מיינט צווישן זיי — באַ די ווערטער האָט ער אַרומגעכאַפּט מיטן בליק די סטאַטועס — זענען נישט געווען אַזעלכע גבורים ווי איר? איינער פון זיי, וועלכער רוט אונטערן נומער 32, געדענק איך, איז געווען אַ פלעגמאַטישער קאַלטבלוטיקער ענגלענדער, ער פלעגט צו אַנטינעאַן קומען מיט אַ ציגאַר אין מויל, און דאָך האָט ער, אַזוי גוט ווי אַנדערע, זיך אונטערגעגעבן איר בליק. רעדט־זשע גאָרנישט, איידער איר האָט זי געזען. איך פיל מיך נישט פאַר באַרופן צו דערקלערן אייך גענוי, וואָס פאַר אַ מענטש עס איז אַנטינעאַ. איינס קען איך אייך נאָר זאָגן, אַז ווען איר וועט זען אַנטינעאַן, וועט איר פאַרגעסן אָן אַלץ: אָן דער פאַמיליע. פאָטערלאַנדס־כבוד! איר וועט צוליב איר מוחל זיין אַלץ!

— אַלץ? — האָט געפרעגט מאַראַנזש מיט אַ רויִקער מינע.

— אַלץ! — האָט איבערגעחזרט מיט פעסטקייט לע מעסוש — איר וועט אַלץ פאַרגעסן, פון אַלץ זיך אָפּזאָגן.

ס'האָט ווידער זיך געלאָזט הערן אַ לייכטער גערויש. לע מעסוש האָט אַ קוק געטון אויפן זייגער.

— איבעריקנס, איר וועט זיך באַלד אַליין איבערצייגן, מיינע הערן.

די טיר האָט זיך געעפנט, ס'האָט זיך באַוויזן אַ הויכער ווייסגעקליידעטער טאַרגיִער, דער העכסטער פון אַלע, וואָס מיר האָבן געהאַט געזען ביז אַהער אין דעם הויז, און איז צוגעגאַנגען צו אונדז.

פאַרנייגנדיק זיך, האָט ער מיך לייכט אָנגערירט באַם אָרעם.

— גייט מיט אים, מיין הער, — האָט געזאָגט לע מעסוש.

איך האָב געפאָלגט, אָן אַ וואָרט צו רעדן.

קאַפּיטל XI

אַנטינעאַ

מיר זענען געגאַנגען איבער אַ לאַנגן קאָרידאָר. מיין אויפרעגונג איז געוואַקסן. איך האָב געוואָלט זיין וואָס גיכער פּנים קעגן פּנים מיט אָט דער פרוי, זאָגן איר... איבעריקנס, האָב איך מיך שוין מיאש געווען פון לעבן.

איך האָב אַ טעות געהאַט, מיינענדיק, אַז די פּאַסירונג וועט מיטאַמאָל אָננעמען אַ טראַגישע ווענדונג. אין לעבן בכלל און אין מיין לעבן בפרט האָט זיך אַלעמאָל צונויפגעפלאָכטן דאָס טראַגישע מיטן קאָמישן.

דורך אַ קליין, העל טירל האָט מיך מיין וועג־ווייזער אַריינגעלאָזט אין אַ גרויסאַרטיקן טואַלעט־צימער. דורכן גלעזערנעם סופיט איז אויף דער גלאַנציקער מאַרמאָר־פּאָדלאָגע געפאַלן אַ העל־ראָזאָווע ליכט. די ערשטע זאַך, וואָס איז מיר געפאַלן אין די אויגן, איז געווען אַ וואַנט־זייגער, ווו אָנשטאָט ציפערן זענען געווען צייכנס פון זאָדיאַק. דאָס קליינע ווייזערל איז געשטאַנען פאַרן מזל טלה (שעפּסעלע).

ס'איז געווען דריי אַ זייגער.

מיר האָט זיך געדאַכט, אַז דער טאָג ציט זיך יאָרן־לאַנג און דאָ איז געווען ערשט נאָך האַלבן טאָג.

— אַנטינעאַ וויל קענטיק, אַז איך זאָל איר פאַרגעשטעלט ווערן אין מיין גאַנצער פּראַכט, — איז מיר דורכגעלאָפן אַ געדאַנק אין מוח, און איך האָב מיך היסטעריש פונאַנדערגעלאַכט.

אַ גרויסער שפּיגל פון אַרישאַלק האָט פאַרנומען די גאַנצע וואַנט. אַריינקוקנדיק אין אים, האָב איך פאַרשטאַנען, אַז אַנטינעאַ איז געווען נישט אומגערעכט, וואָס זי האָט מיך געהייסן פירן אין טואַלעט־צימער. אַ פאַרשטויבטער, אַ פאַרברודיקטער, אַ באַוואַקסענער פון לאַנגן וועג, האָב איך אויסגעזען ווי אַ ווילדער מענטש.

איך האָב מיך גיך אויסגעטון און זיך איינגעטונקען אין דער פאַרפירענער וואַנע. אַ געפיל פון גליקזעליקייט האָט מיך אַרומגעכאַפּט אין דעם וואַרעמען און שמעקעדיקן וואַסער. מיינע נערוון האָבן זיך אָנגעהויבן באַרויִקן. פאַר מיינע אויגן האָבן געטאַנצט צענדליקער קליינע סלאָיִקלעך, וואָס זענען געווען אויסגעשטעלט אויפן טואַלעט־טיש פון געשניצטן האָלץ. זיי זענען געווען פון אַלע גרייסן און פאַרבן, אויסגעהאַקט פון דורכזיכטיקן שטיין. די אָנגענעמע פייכטקייט פון דער לופט האָט געווירקט אויף מיר איינשלעפערנדיק.

— זאָל דער טייוול נעמען אַנטינעאַן, דעם בית־עלמין און לע מעסושן, — איז דורכגעלאָפן אַ געדאַנק אין מיין מידן מוח, און איך האָב איינגעדרימלט זיצנדיק אין דער וואַנע.

ווען איך האָב געעפנט די אויגן, האָט דאָס קליינע ווייזערל שוין דערגרייכט דעם מזל שור (אָקס). פאַר מיר איז געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אָן דער וואַנע אַ הויכער נעגר מיט אַן אָפן פנים, נאַקעטע אָרעמס און אַ רויטן טורבאַן אויפן קאָפּ. ער האָט מיך אָנגעקוקט לאַכנדיק שטיל.

— וואָס איז דאָס פאַר אַ פאַרשוין? — האָב איך אַרויסגעשטאַמלט.

דער נעגר האָט זיך העכער צעלאַכט און, אָן אַ וואָרט צו

רעדן, מיך אַ כאַפּ געטון ווי אַ פעדערל און אַרויסגענומען פון דער חאַנע.

אין אַ ווייַלע אַרום בין איך געלעגן אויף אַ מאַרמאָר-טיש, און דער נעגער האָט מיך אָנגעהויבן שטאַרק מאַסאַזשירן.

— פּאַרזיכטיק, גולם!

דער מאַסאַזשיסט האָט גאָרנישט געענטפערט, זיך צעלאַכט און מאַסאַזשירט נאָך שטאַרקער.

— פונוואַנען ביסטו? פון קאַנעם? פון באָרקי? פאַר אַ טאַרגישער לאַכסטו צו פיל.

דער נעגער האָט ווייטער געשוויגן.

— אַלנפאַלס, — האָב איך מיר געטראַכט, — איז ער סימפּאַטישער ווי לע מעסזש מיט זיין לומדישקייט.

— אפשר אַ פּאַפּיראָס, סידי?

און נישט וואַרטנדיק אויף קיין ענטפער, האָט דער נעגער מיר אַריינגעשטעקט אין מויל אַ פּאַפּיראָס, האָט אים אָנגעצונדן און ווידער זיך גענומען מאַסאַזשירן.

געענדיקט דעם מאַסאַזש, האָט ער גענומען מיך איינרייבן מיט עפּעס אַ ראָזאָוון בוימל. דערנאָך איז ער פאַרשוווּנדן געוואָרן און אויף זיין אָרט איז געקומען אַן אַלטע רעדעוודיקע נעגערין, וועלכע האָט מיר אויסגעפּאָלירט די נעגל פון די הענט און די פיס. דערנאָך איז אַריין אַ ווייס-געקליידטער נעגער, וועלכער האָט מיך אָפּגעשוירן און אָפּגעראַזירט. דערנאָך האָט זיך ווידער באַוויזן דער פריילעכער נעגער, דער מאַסאַזשיסט, מיט אַ פּעקל, פון וועלכן ער האָט, צו מיין פאַרוווּנדערונג, אַרויסגענומען אַ ווייסן פלאַנעל-אַנצוג, ווי די פראַנצויזישע אָפיצירן פלעגן טראָגן זומער-צייט אין אַלזשיר.

דער אַנצוג איז געלעגן אויף מיר ווי אויסגעגאָסן, און צו מיין נייער פאַרוווּנדערונג, זענען אויף אים געווען די צייכנס פון מיין ראַנג. די זיידענע וועש איז קענטיק געווען דירעקט פון פאַ-

ריז, און אויף די פיס האָב איך באַקומען אַ פּאָר הויכע, רויטע פּאַנטאָפֿל, באַפּוצט מיט גאָלדענע פראַנדזן.

— דאָס פרישטיק איז געווען אויסגעצייכנט, — האָב איך מיר געטראַכט, אַריינקוקנדיק אין שפּיגל מיט צופרידנקייט, — דאָס באָד און די קליידונג זענען פראַכטפול, אָבער וואָס וועט ווייטער זיין?

— איך האָב מיך דערמאָנט אָן זאַל פון רויטן מאַרמאָר, און אַ שוידער האָט מיך דורכגענומען.

דער זייגער האָט אויסגעשלאָגן פינף.

מען האָט אַ קלאַפּ געטון שטיל אין דער טיר. ס'האָט זיך באַוויזן דער ווייסער טאַרגיער, וואָס האָט מיך אַהערגעבראַכט.

ער האָט אַ ווינק געטון צו מיר, און איך האָב אים נאָכגעפאָלגט.

מיר זענען ווידער געגאַנגען איבער לאַנגע קאָרידאָרן, איך בין געווען אויפגערעגט, אָבער צוגלייך האָב איך דערפילט אין מיר אַ מין זאָרגלאָזיקייט און נייגעריקייט, וועלכע האָט זיך אַלע מאָל מער פאַרשטאַרקט. כדי צו פאַרטרייבן די נייגעריקייט, פאַר וועלכער איך האָב מיך געשעמט, האָב איך געטראַכט וועגן מאַילעפיי:

— ער איז אויך געגאַנגען איבער אָט דעם קאָרידאָר, און איצט איז ער דאָרט, אין זאַל פון רויטן מאַרמאָר.

מיר זענען צולעצט צוגעקומען צו הויכע בראָנז־טירן. ס'האָט זיך דערהערט אַ קלונג. ביידע טירן האָבן זיך אויפגעפראַלט און נאָך מיר זיך באַלד פאַרהאַקט. איך בין געבליבן אַליין.

מעכאַניש האָב איך געמאַכט אייניקע טריט פאָרויס, דערנאָך זיך אָפּגעשטעלט און פאַרשטעלט די אויגן מיט דער האַנט.

אַ שטראָם זונען־ליכט, וואָס האָט זיך אַריינגעגאָסן אין קאָלאָסאַלן זאַל פון דער גאָרטן־זייט, האָט מיך שיער פאַרבלענדט. די פּאַלמע פון דער אָפענער טעראַסע האָבן זיך אויסגעמישט מיט די פראַכטפולע וואַזאָנעס פון זאַל און צווישן זיילן־וואַלד, וואָס האָט

געשטיצט די סקלעפּיעניע, האָבן אַרומגעשמייעט פֿאַרשידענע פֿיל־פֿאַרביקע פֿייגל. די זייט, וואָס גייט נישט אַרויס צום גאָרטן, איז געווען פֿאַרזונקען אין אַ האַלב־שאָטן.

פּלוצלינג איז עפּעס אַ משא מיר אַרויפֿגעפֿאַלן אויף די אַקסלען און מיך אומגעוואָרפֿן אויף דער ערד. איך האָב געפֿילט אַ סאַמעטענעם אָנטאַפּ אויף מיין האַלדז און אַ ברענענדיקן אָטעם אויף מיין נאַקן. עפּעס אַ ווילדער ברום האָט מיר אַ גרילץ געטון אין די אויערן.

דורך אַ שטאַרקן צאַפּל האָב איך מיך באַפֿרייט פֿון דער משא און אַ שטאַרקן קלאַפּ געגעבן מיט דער פֿויסט אין דער זייט פֿון אַנפֿאַלער. ס'האָט זיך ווידער דערהערט אַ ברום, דאַסמאָל פֿון ווייטיק און צאָרן, אים האָט באַגלייט אַן אויסברוך פֿון שפּאָטיש געלעכטער. אַ צערייצטער בין איך אויפֿגעשפּרונגען און געזוכט מיט די אויגן דעם חוצפּהדיקן חוזק־מאַכער, צו זאָגן אים אַ פּאָר האַרבע ווערטער. פּלוצלינג בין איך געבליבן שטיין ווי פֿאַרגליווערט. איך האָב דערזען פֿאַר מיינע אויגן אַנטינעאַן.

אין דעם טונקלסטן טייל זאַל, אונטער אַן אַרט געוועלב, וואָס איז באַלויכטן געווען דורכן מילדן ליכט פֿון וויטראַזשן, זענען אויף אַ שטויס קישנס און ווייסע פּערסישע טעפּיכער געלעגן פֿיר פֿרויען, דריי פֿון זיי, פֿון אַ זעלטענער שיינקייט, געקליידט אין ווייסע זיידענע בלוזעס, געהאָפֿטן מיט גאָלד, זענען געווען טואַרעגערינס. די פֿערטע, די יינגסטע, אין אַ רויטער זיידענער בלוזע, האָט געהאַט אַ טונקעלע, כמעט שוואַרצע הויט. אינמיטן, צווישן זיי, אויף אַ באַרג ווייסע טעפּיכן, איבערגעוואָרפֿן מיט אַן אומגעהייער גרויסער לייבן־פֿעל, איז געזעסן אַנטינעאַ.

אַנטינעאַ! וויפֿיל מאָל איך האָב זי דערנאָך געזען, האָב איך מיך אַליין אַלץ געפֿרעגט, צי איך האָב זי דאַמאָלס, אַ צעטומלטער,

גוט געזען, ווייל יעדעס מאָל איז זי מיר פאַרגעקומען אַלץ שענער און רייצנדער.

פון אירע פעך-שוואַרצע לאָקן איז אַראָפּגעפאַלן אַ שווערער, מיט גאָלד געשטיקטער, עגיפּטישער „קלאַפט", וואָס זיינע עקן האָבן דערגרייכט ביזן גאַרטל. דער שטערן איז געווען אַרומגענומען מיט אַ גאָלדענער רייף, אויסגעזעצט מיט שמאַראַגדן און רובינען.

זי האָט געהאַט אויף זיך אַ שוואַרצן, מיט זילבער געשטיקטן, גאַז-טוניק, זייער לייכט און ברייט, אַרומגענומען אויף די לענדן מיט אַ ווייסן שאַרף, געהאַפטן מיט פּערל.

אַזוי האָט אויסגעזען אַנטינעאַס קליידונג.

און זי אַליין?

דאָס איז געווען אַ יונג, שלאַנק מיידל, מיט לענגלעכע, גרינע אויגן און אַ קליינעם פּראָפיל פון אַ שפּאַרבער, אַן אַדאָניס מיט מער היץ, אַ קינדישע מלכּה שבא, אָבער מיט אַ בליק, מיט אַ שמייכל, וואָס מען טרעפט נישט בײַ די מזרח-מענטשן. דער שמייכל איז געווען אַ געמיש פון איראָניע און זאָרגלאָזיקייט.

אַנטינעאַס קערפּער האָב איך נישט געזען. ס'איז מיר אפילו אויפן געדאַנק נישט געקומען אַ קוק צו טון אויף אים. דאָס איז אפשר דאָס מערקווירדיקסטע פון דער ערשטער באַגעגעניש. בלויז די דערינערונג וועגן די מערטירערס פּונם זאַל פון רויטן מאַרמאָר, וועגן די צענדליקער יונגעלייט, וואָס האָבן אַט דעם שלאַנקן קערפּער גערדריקט אין זייערע אָרעמס, וואָלט מיר אין יענעם אומפאַרגעסלעכן מאָמענט פאָרגעקומען ווי אַ פאַרשוועכונג פון זייער אָנדענקען. נישט געקוקט אויף דעם אויף אַ זייט אויפגעקנעפלטן טוניק, דעם אויפגעדעקטן האַלדז, נאַקעטע אָרעמס און אַרויססטאַרטשנדיקע, אונטער דעם לייכטן גאַז, ברוסטן, נישט קוקנדיק אויף דעם שלעכטן שם, וואָס זי האָט געהאַט, האָט דאָס געשטאַלט

פון אָט דער פרוי דאָך געהאַט אין זיך אַ ביסל ריינקייט, מיידלש־קייט.

זי האָט נאָך אַ ווײַלע געלאַכט פון מיין פאַלן און דערנאָך אויסגערופן:

— חירם!

איך האָב מיך אַ קער געטון און דערזען מיין אָנפאַלער.

אויפן שפּיץ פון איינעם פון די זיילן, אויף אַ הייך פון צוואַנציק פוס איבער די פּאָדלאָגע, איז געזעסן אַ פּראַכטפולער לעמפּערט, וועלכער האָט געוואָרפן אויף מיר בייזע בליקן.

— חירם! — האָט ווידער אויסגערופן אַנטינעאַ — חירם — אהער!

די חיה איז אַראָפּגעשפּרונגען און זיך צוגעקייקלט צו די פיס פון זיין באַלעבאָסטע. זיין רויטע צונג האָט געלעקט דאָס צאַרטע, נאַקעטע קנעכל.

— בעט איבער דעם הער, — האָט אַ זאָג געטון די יונגע פרוי.

דער לעמפּערט האָט אַ קוק געטון אויף מיר מיט שנאה, האָט אַ קנייטש געטון די געלע פעל אויפן פּיסק אַרום די שוואַרצע וואָנסעס, און אַ מרוטש געטון ווי אַ גרויסע קאַץ.

— מאַרש! — האָט אַ זאָג געטון באַפעלעריש אַנטינעאַ.

די חיה איז צו מיר צוגעגאַנגען, האָט אונטערטעניק אַריינגעשטעקט דעם קאָפּ צווישן די לאַפּעס און געוואַרט.

איך האָב אים אַ גלעט געטון דעם שיינעם קאָפּ.

מען דאַרף זיך אויף אים נישט בייזערן, — האָט געזאָגט אַנטינעאַ — ער איז אַזוי מקבל פּנים אַלע אויסלענדער.

— ער איז אפּנים אָפּט אין אַ שלעכטער שטימונג — האָב איך איינפאַך באַמערקט.

דאָס זענען געווען מײַנע ערשטע ווערטער. זיי האָבן אַרויס-גערופן אַ שמייכל אויף אַנטינעאַס ליפּן.

זי האָט מיך אָפּגעמאָסטן מיט אַ לאַנגען און רויִקן בליק.

— אַגידאַ — האָט זי אַ זאָג געטון צו איינער פון די טואַ-רעגישע פרויען. — דו וועסט לאָזן אויסצאָלן סעגעיר בן-שעיק פינף און צוואַנציק גאָלד-פונטן.

— דו ביסט אַ פּאָרוטשניק? — האָט זי געפרעגט נאָך אַ ווײַלע.

— יאָ.

— פונוואַנען ביזטו?

— פון פראַנקרײַך.

— דאָס פאַרשטײ איך אַליין, — האָט זי געענטפערט מיט אַ חוזק-שמייכל, — אָבער פון וועלכער געגנט?

פון אַ געגנט, וואָס ווערט אָנגערופן לאַ-דע-גאַראָן.

— פון וואָס פאַר אַן אָרט?

— פון דוראַ.

זי האָט זיך אַ ווײַלע פאַרטראַכט.

— דוראַ! ס'פליִצט דאָרט אַ קליין טייכל דראָ. ס'איז דאָרט פאַראַן אַ גרויסער אַלטער שלאָס.

— איר קענט דוראַ? — האָב איך אַ ברום געטון דערשטוינט.

— מען פאָרט אַהין פון קאָרדאָ מיט אַ קאָליִקע, — האָט זי פאָרטגעזעצט. — אויף ביידע זייטן וועג ווײַנגערטנער, די דערפער האָבן שיינע נעמען: מאָנסעגיר, סאַוועטער, דע גיִעני, לאַ טיִעסן, קריעאָן... קריעאָן, ווי אין „אַנטיגאָנע".

— איר זענט דאָרט אַמאָל געווען?

זי האָט מיך אָנגעקוקט, און אַ זאָג געטון מיט אַן אַרט מילד-קייט:

— זאָג מיר דו. פֿריִער אָדער שפּעטער וועסטו מיך דוצן. גלייכער שוין.

דער דאָזיקער דראָענדער צוזאָג האָט מיך אין דעם מאָמענט אָנגעפֿולט מיט גליק. איך האָב מיך דערמאָנט אָן לע מעסזשס ווערטער: „רעד גאָרנישט, איידער דו האָסט זי געזען. ווען דו וועסט זי אָנקוקן, וועסטו דיך אָפּזאָגן פֿון אַלץ צוליב איר״.

— צי איך בין געווען אין דורא? — האָט זי אויסגעשריגן מיט אַ געלעכטער. — דו מאַכסט אוודאי חוזק. דו קענסט דיר דאָרט פֿאָרשטעלן דאָס אוראייניקל פֿון גנפֿטון? אָט דאָס איז מיין האָריזאָנט, מיין סביבה, — האָט זי צוגעוואָרפֿן ערנסט, אָנווייזנדיק מיט דער האַנט אויף אַ ווייסן פּעלז, וואָס האָט זיך געהויבן איבער די פּאַלמען פֿון גאָרטן.

זי האָט אַ כאַפּ געטון איינס פֿון די ביכער, וואָס זענען געווען צעוואָרפֿן אַרום איר אויף דער לייבן־פֿעל, און עס געעפֿנט אויפֿן ערשטן בעסטן בלעטל.

— דאָס איז אַ פֿאָר־פּלאַן פֿון די אייזנבאַנען אין מערב. — האָט זי געזאָגט, וואָס אַ פֿיינער לעזע־שטאָף פֿאַר אַזאַ איינעם, וואָס רירט זיך נישט פֿון אָרט! איצט איז האַלב זעקס אָוונט. פֿאַר דריי מינוט איז אָנגעקומען אַ צוג אין סירדזשע, אין נידעריקן שאַראַנט, ער וועט אָפּגיין אין זעקס מינוט אַרום און אין צוויי שעה אַרום אָנקומען אין ראָשל. ווי משוגעדיק איז צו טראַכטן דאָ וועגן דעם. אַזאַ מרחק... אַזוי פֿיל באַוועגונג! אַזאַ טויטקייט!...

— איר רעדט גוט פֿראַנצויזיש.

זי האָט זיך צעלאַכט נערוועיש.

— אַ שיינעם דאַנק, איך רעד אַזוי גוט דייטש, ענגליש, איטאַליעניש. מיין לעבנס־שטייגער האָט מיך געמאַכט פֿאַר אַ שפּראַכן־קענערין. אָבער פֿון אַלע שפּראַכן האָב איך ליבער פֿראַנצויזיש,

אַפילו פון טוּרעגיש און אַראַביש. מיר שיינט, אַז כ׳קען זי פון געבוירן. גלייב מיר, אַז איך זאָג עס דיר נישט אויס חנופה.

זי איז אַנטשוויגן געוואָרן. איך האָב געקלערט וועגן איר עלטער-באָבען קלעאָפּאַטרע, וועגן וועלכער פּלוטאַרך האָט דערציילט, אַז זי האָט קיינמאָל נישט געדאַרפט קיין דאָלמעטש. „זי האָט גערעדט מיט די עטיאָפּיער, טראָגלאָדיטן, העברעער, אַראַבער, סיריער, מדיער, פּאַרטן אין זייער שפּראַך״.

— שטיי נישט אַזוי אינמיטן זאַל. זעץ דיך לעבן מיר. חירם, רוק דיך!

דער לעמפּערט האָט געפאָלגט אַן אומצופרידער.

— גיב מיר די האַנט, — האָט זי געזאָגט.

זי האָט געהאַט לעבן זיך אַן אַניקס-שאָל, האָט אַרויסגענומען דערפון אַן איינפאַכן רינג פון אָרישאַלק און אַרויפגעזעצט אויפן מיטלסטן פינגער פון מיין רעכטער האַנט. איך האָב באַמערקט, אַז זי טראָגט אויך אַזאַ רינג.

— טאַניט זערגאַ, זיי מכבד הער דע סענט-אַווין מיט רויזן-איינגעמאַכטס.

דאָס שוואַרצע מיידל אין רויטן זיידנס איז אויפגעשפּרונגען.

— פרייליין טאַניט זערגאַ פון גאָאַ, באַם ניגער, מיין פערזענלעכע סעקרעטאַרקע, — האָט זי פאָרגעשטעלט אַנטינעאַ. איר שטאַם איז כמעט אַזוי אַלט ווי מיינער.

באַ די ווערטער האָט זי אויף מיר געקוקט. איר בליק האָט מיך צוגעדריקט.

— און דיין קאָלעגע, דער קאַפּיטאַן? — האָט זי געפרעגט מיט אַ טרויעריקער מינע — איך קען אים נאָך נישט, וואָס איז ער פאַר איינער? צי איז ער ענלעך צו דיר?

צום ערשטן מאָל, זינט איך בין געווען באַ איר, האָב איך געטראַכט וועגן מאָראַנזשן. איך האָב נישט געענטפערט.

אַנטינעאַ האָט אַ שמייכל געטון.

זי האָט זיך אויסגעצויגן איינגאַנצן אויף דער לייבן-פעל. איר רעכטער פוס האָט זיך אויפגעדעקט.

— צייט זיך אומצוקערן צו אים, — האָט זי געזאָגט מאַט — דו וועסט אינגיכן באַקומען מיין באַפעל. טאַניט-זערגאַ באַגלייט אים און ווייז אים זיין צימער.

איך האָב מיך אויפגעהויבן, גענומען איר האַנט איר אַ קוש צו טון. זי האָט מיר אַזוי צוגעדריקט די האַנט צו די ליפּן, אַז ס׳איז אַזש בלוט געגאַנגען.

איך בין ווידער געווען אין טונקעלן קאָרידאָר. דאָס שוואַר־צע מיידל איז געגאַנגען פאָרויס.

— אָט דאָ איז דיין צימער, — האָט זי געזאָגט. — איצט, אויב דו ווילסט, וועל איך דיך פירן אין עס-צימער, וווּ אַלע וועלן באַלד עסן מיטאָג.

זי האָט גערעדט פאַרצויזיש מיט אַן אויסלענדישן אַקצענט.

— ניין, טאַניט-זערגאַ, איך וועל דאָ בלייבן. איך בין נישט הונגעריק, נאָר מיד.

— דו געדענקסט מיין נאָמען. — האָט זי געזאָגט.

זי איז קענטיק צופרידן געווען דערפון. איך האָב געפילט, אַז זי איז צוגעטון צו מיר, און אַז אין נייטיקן פאַל וועל איך קענען האָבן אין איר אַ פאַרבינדעטע.

— איך געדענק דיין נאָמען, ווייל עס איז אַ שיינער נאָמען *). אַצינד לאָז מיך אַליין, קליינע, איך וויל בלייבן אַליין.

אַרויסגייענדיק, האָט זי אַ זאָג געטון:

— דיין צימער איז איבער מיינעם. אויב דו וועסט עפּעס באַדאַרפן, זאָלסטו אַ קלונג טון אין גלאָק, וועט קומען אַ דינער.

איך האָב באַטראַכט מיין צימער: עס איז געווען גענוג גרויס. קישנס, אַן אָטאָמאַנע, אַן אַלקאָווע אויסגעהאַקט אין פעלזן. אַלץ

איז געווען באַגאָסן מיט ליכט, וואָס איז אַרייַנגעקומען דורך אַ גלעזערנער נישע, פאַרשטעלט מיט אַ שטרויענעם שטאָר.

איך בין צוגעגאַנגען צום פענסטער און אויפגעהויבן דעם שטאָר. די זון האָט זיך געזעצט. דאָס האַרץ איז געווען פול מיט אומרו. דאָס פענסטער איז געווען אויף אַ הויך מינדסטנס פון זעכ-ציק מעטר. אונטן האָט זיך געצויגן אַ שוואַרצע גלאַטע מויער.

אויף צוויי קילאָמעטער ווייטער האָט זיך אויפגעהויבן אַ צווייטע מויער, דער ערשטער שאַנץ, וואָס ווערט דערמאָנט אין „קריט:אַס". הינטער אים העט ווייט האָב איך געזען די אומענדלעכע רויטע מדבר.

*) טאַניט-זערגאַ באַדייט אויף בערבעריש: בלויער קאָפּ.

קאַפּיטל XII

מאָראַנזש ווערט פאַרשווונדן

איך בין געווען אַזוי פאַרמאַטערט, אַז איך בין אָפּגעשלאָפן ביז צומאָרגנס דריי אַ זייגער נאָכמיטאָג.

אויפכאַפּנדיק זיך, האָב איך מיך באַלד דערמאַנט אָן די נעכטיקע משוגעדיקע געשעענישן.

— נו, מיר וועלן זען, — האָב איך מיר געטראַכט, — מען דאַרף אויסאַרבעטן אַ געוויסן פּלאַן און קודם כּל זיך באַראַטן מיט מאָראַנזשן.

איך האָב אָנגעקלונגען, ס'איז אַריין דער ווייסער טאַרגיער.

— פיר מיך אין ביבליאָטעק-זאַל — האָב איך אים באַפוילן.

ער האָט געפאָלגט. אַדורכגייענדיק ווידער אַ גאַנצן לאַבי־רינט טרעפּ און קאָרידאָרן, האָב איך פאַרשטאַנען, אַז איך וועל קיינמאָל נישט טרעפן אָן אַ פירער.

מאָראַנזש איז ווירקלעך געווען אין ביבליאָטעק־זאַל און גע־לייענט אויפמערקזאַם עפּעס אַ מאַנוסקריפּט. לעבן מאַנוסקריפּט איז געלעגן אויפן טיש אַ זאַך, וואָס האָט באַלד צוגעצויגן מיין אויפ־מערקזאַמקייט, דאָס איז געווען אַ רינג פון אָרישאַלק, פונקט אַזעל־כער ווי איך האָב באַקומען פון אַנטינעאַן און ווי זי האָט אַליין געטראָגן.

מאַראַנוש האָט אַ שמייכל געטון.

— נו, וואָס הערט זיך? — האָב איך געפרעגט.

— וואָס הערט זיך?

— איר האָט געזען?

— געזען.

— זי איז שיין, נישט אמת?

— מען קען נישט אָפּלייקענען, איך גלייב אַפילו, אַז זי איז נישט ווייניקער אינטעליגענט ווי שיין.

ס׳האָט געהערשט אַ שטיל-שווייגן. מאַראַנוש, אַ רויִקער, האָט געדרייט צווישן די פינגער דעם רינג פון אָרישאַלק.

— צי ווייסט איר נישט, וואָס פאַר אַ גורל אונדז דערוואַרט דאָ?

— איך ווייס. לעמעסוש האָט עס אונדז גאַנץ דייטלעך דערקלערט.

— וואָס רעכנט איר צו טון? — האָב איך געפרעגט שטילערהייט.

— איך האָב מיך באַקלערט און ווייס שוין, וואָס איך האָב צו טון. די גאַנצע זאַך שטעלט זיך מיר פאָר גאַנץ אַנדערש, ווי איך, ווייל איך בין אַ האַלבער מאָנאַך. איך האַלט, אַז דאָס נייגטע געבאָט איז געמאַכט געוואָרן נישט פאַר מלאכים, נאָר פאַר מענטשן, און איך האָב דערום קיין חשק נישט אויסצופילן די ראָל, פאַר וועלכער סעגעיִר בן-שעיִק האָט אונדז באַשטימט. אַחוץ דעם האָב איך נישט צו שאַפן איבער מיין לעבן, אַזוי ווי יעטוועדער אַנדערער רייזנדער, וועלכער פאָרט פאַר זיין אייגענעם ציל און אייגענער אחריות. איך האָב צו דערפילן אַ געוויסע מיסיע און צו דערווערבן אייניקע ידיעות. אויב נאָכן אָפּצאָלן דעם משונהדיקן שטייער, וואָס איז דאָ אָנגענומען, וואָלט איך געקענט צוריקבאַקומען די פרייהייט, וואָלט איך אפשר מסכים געווען צופרידנצו-

שטעלן אַנטינעאַן, לויט מײַנע קרעפֿטן: די אָנשויונגען פֿון דער קירך אין דעם פּרט זענען גענוג ברייט און עלאַסטיש, און באַזונדערס די אָנשויונגען פֿון דער געמײַנשאַפֿט, צו וועלכער איך וויל געהערן. מײַנע עלטסטע וואָלטן געוויס אַקצעפּטירט, און אפשר גאָר פֿאַר גוט אָנגערופֿן מײַן אַרט פֿירונג. פּונקט אין אַזעלכע באַציונגען האָט די הייליקע מאַריאַ פֿון עגיפּטן זיך איבערגעגעבן די שיפֿערס און איז דאָך פֿאַרהייליקט געוואָרן. אָבער זי האָט אַזוי געטאָן אין דער איבערצייגונג, אַז זי דערגרייכט דערמיט איר ציל, און „דער ציל הייליקט די מיטלען". וואָס איז שייך מיר, איז די לאַגע גאַנץ אַנדערש. אויב איך זאָל אפֿילו נאָכגעבן די קאַפּריזן פֿון אָט דער דאַמע, בין איך דאָך נישט זיכער, אַז איך וועל נישט אײַנגיכן אַרײַנגעשטעלט ווערן אין מאַרמאָר-זאַל אונטערן נומער 54, אָדער 55, אויב זי זאָל וועלן אָנהייבן פֿון אייך. אין אַזעלכע באַציונגען...

— וואָס — אין אַזעלכע באַציונגען?

— טאָר איך נישט נאָכגעבן.

— וואָס-זשע דענקט איר צו טאָן?

— גאָרנישט, און דאָס איז גאַנץ גענוג. אַ מאַנסביל, ווי איר ווייסט, האָט אין דעם פּרט אַן אומבאַשטרײַטלעכע איבערוואָג איבער דער פֿרוי. אים קען מען נישט מאַנס זײַן, ווי די פֿרוי.

— געצוווּנגען איז נאָר דער, וואָס וויל אַליין. — האָט ער צוגעגעבן מיט אַ חוזק-שמייכל.

איך האָב אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ.

— רעדנדיק מיט אַנטינעאַן, — האָט ער פֿאָרטגעזעצט — האָב איך אָנגעווענדט מײַן גאַנצע רעדע-קונסט. אָבער גאַנץ אומזיסט. צולעצט האָב איך געשטעלט די פֿראַגע:

— פֿאַרוואָס נישט, ה' לע מעסיע?

זי האָט אָנגעהויבן לאַכן.

— פאַרוואָס נישט דער גלח ספאַרדעק? — האָט זי אָפּגע־ענטפערט. — איך שעץ ביידע זייער שטאַרק. ה׳ לע מעסזש איז מיר ניצלעך אַלס געלערטער. ער קען איטאַליעניש און שפּאַניש, ער ברענגט אין אָרדענונג מיינע פּאַפּירן און מיין געטלעכן סדר היחוס. ספאַרדעק קען ענגליש און דייטש. גראַף ביעלאָווסקי באַזיצט די סלאַווישע שפּראַכן, און אַ חוץ דעם, ליב איך אים ווי אַ פאָטער. מיר קענען זיך פון מיין קינדהייט אָן. זיי זענען מיר אַלע נייטיק אין מיינע באַציִונגען מיט די קומענדיקע פאָרשטייער פון אַלע נאַציעס... אָבער גענוג שוין. ס׳ערשטע מאָל טרעפט זיך מיר צו געבן דערקלערונגען. דיין חבר איז נישט נייגעריק.

דערנאָך האָט זי מיך משלח געווען. דאָס איז אין אמתן, אַ מאָדנע פרוי, זי האָט קענטיק אַ גוואַלטיקע פּראַקטיק אין די זאַכן...

פלוצלינג איז אַרייַנגעקומען לע מעסזש. — וואָס מאַכט איר שהיות? — האָט ער געזאָגט. — מיר וואַרטן אויף אייך מיטן מיטאָג.

דער קליינער פּראָפעסאָר איז היינט געווען אין אַן אויסגע־צייכנטער שטימונג.

— נו, איר האָט זי געזען? — האָט ער געפרעגט מיט אַ ביטרן שמייכל.

מיר האָבן אים גאָרנישט געענטפערט.

ווען מיר זענען אַרייַנגעקומען, האָט רעוורענד ספאַרדעק און דער העטמאַן פון זשיטאָמיר שוין געהאַלטן אינמיטן דעם מיטאָג. די אונטערגייענדיקע זון האָט געוואָרפן אויף די ראַגאָזשעס בלוטיקע פלעקן.

— זעצט אייך, מיינע הערן. איר, ה׳ פּאָרוטשניק סענט־אַווי, זענט נישט געווען נעכטן אויפן אָוונט־ברויט און פאַרזוכט צום ערשטן מאָל די מאכלים פון אונדזער קוכער קוקו.

איך בין געווען טויט־הונגעריק, און די מאכלים זענען געווען פּראַכטפול.

— וואָס וועט איר זאָגן אַט וועגן די פיש, הער קאַפּיטאַן? — האָט זיך אָנגערופן לע מעסוזש — מען האָט אים ערשט הייַנט איבערפרי געכאַפּט אין אונדזער סטאַוו. צי וועט איר איצט אָנהייבן גלייבן אין דער היפּאָטעזע וועגן סאַהאַראַ־ים?

— דער דאָזיקער פיש איז אַ גוטער באַווייַז און נאָך אַ בעסער מאכל. — האָט געזאָגט מיין קאָלעגע.

פּלוצלינג זענען אַלע אַנטשוויגן געוואָרן. ס'איז אַרייַנגעקומען דער ווייסער טאַרגיער, צוגעגאַנגען צו מאַראַנזשן און אים אָנגערירט באַם אָרעם.

— גוט — האָט מאַראַנזש געזאָגט. ער איז אויפגעשטאַנען און אים נאָכגעפאָלגט.

איך האָב אָנגעגאָסן אַ פולן בעכער וויין און נערוועיש אים אויסגעליידיקט מיט איין זופּ.

דער העטמאַן האָט אויך מיר געוואָרפן אַ גוט־גינציקן בליק.

— הע, הע, — האָט אַ לאַך געטון לע מעסוזש, אַ קלאַפּ טוענדיק מיר אין קני — אַנטינעאַ האַלט זיך אָן סדר פון עלטער.

מיין בעכער איז געווען ליידיק. איך האָב חשק געהאַט צו וואַרפן אים דעם פּראָפעסאָר אין קאָפּ אַריין, אָבער איך האָב מיך איינגעהאַלטן. איך האָב אים ווידער אָנגעפולט און אויסגעטרונקען, און געוואָלט אים אַוועקשטעלן, אָבער פּלוצלינג האָב איך אַ טראַכט געטון:

„אין דעם מאָמענט מאַראַנזש... חוץ אַלעם, וואָס ער האָט געזאָגט... זי איז אַזוי שיין...” און האָב ווידער אָנגעגאָסן דעם בעכער.

דערווייל האָבן לע מעסוזש און רעווערענד ספּאַרדעק, נישט אַרויסלאָזנדיק פון האַנט די כוסות, געפירט צווישן זיך אַ הייסן וויכוח וועגן רעליגיעזע ענינים. ביעלאָווסקי ווידער, וועלכער האָט געטרונ-

קען פינף מאָל אַזוי פיל ווי זיי, האָט אָבער אַ סך בעסער געקענט
טרינקען ווי זיי, האָט מיר אַ זאָג געטון:
— לאָמיר לאָזן אָט די שיכּורים. לאָמיר גיין, מיין לי־
בער פריינט, די פּאַרטנערן וואַרטן אויף אונדז.
— מיינע דאַמען און הערן, — האָט געזאָגט דער העטמאַן,
אַריינקומענדיק אין שפּיל־זאַל, — דערלויבט אייך פאָרצושטעלן אַ
נייעם פּאַרטנער, מיין פריינט פּאָרוטשניק סענט־אַווי.
— מאַכט אייך גאָרנישט דערפון, — האָט ער מיר איינגע־
רוימט אין אויער — דאָס איז די היגע דינערשאַפט... אָבער איך
וויל האָבן די אילוזיע...
ער איז געווען פולקאָם שיכּור.
דער שפּיל־זאַל איז געווען שמאָל און לאַנג. דאָס הויפּט־מעבל
איז געווען אַ גרויסער טיש אַרומגערינגלט מיט קישנס, אויף וועלכע
ס'האָבן גערוט אַ צענדליק אָרטיק־געבוירענע. אויפן טיש זענען גע־
וועגן אָנגעשטעלט בעכערס און אַ פולע שיסל פּאַלמען־ווייַן.
צווישן די אַנוועזנדע האָב איך דערזען באַקאַנטע: דעם מאַ־
סאַזשיסט, מאַניקיריסט, פריזירער, אייניקע ווייסע טואַרעגן, אַגידע
און סידיע פון אַנטינעאַס באַגלייטערינס. צום באַדויערן האָט גע־
פעלט די פאָנסענע טוניקע פון דער קליינער טאַניט־זערגאַ. אַ ווײַ־
לע איז מיר ווידער געקומען אויף דער מחשבה מאָראַנזש.
— קוקו, גיט אַהער די שפּיל־קוויטלעך, — האָט באַפוילן
דער העטמאַן — מיר זענען נישט געקומען אַהער זיך שפּילן,
נאָר שפּילן.
דער קוכער האָט אַוועקגעשטעלט פאַר אים אַ קעסטעלע מיט
קאָלירטע שפּיל־קוויטלעך. גראַף ביעלאָווסקי האָט זיי איבערגע־
ציילט און זיי אויסגעלייגט אין קליינע קופּקעלעך.
— ווייסע קאָסטן אַ לוידאָר — האָט ער מיר דערקלערט. —
רויטע — הונדערט פראַנק, געלע — פינף הונדערט, גרינע —

טויזנט. מיר שפּילן דאָ אין טייוולאָנימלעך. איבעריקנס וועט איר באַלד זען.

— איך נעם אַ באַנק פון צען טויזנט, — האָט געזאָגט דער קוכער.

— צוועלף טויזנט, — האָט געזאָגט דער העטמאַן.

— דרייצען טויזנט, — האָט געזאָגט סידיאַ, וועלכע איז געזעסן אויפן גראַפס קני:ען.

— פערצען, — האָב איך געזאָגט.

— זיבצען, — האָט דערקלערט דער העטמאַן.

— צוואַנציק, — האָט איבערגעהאַקט דער קוכער.

איך נעם אויס די באַנק פון צוואַנציק טויזנט, — האָט ער צוגעגעבן מיט אַ פאַרטראַכטן בליק.

— מיט דעם זשוליק קוקו איז גאָרנישט צו מאַכן. האַלט זיך פעסט, הער פּאָרוטשניק.

קוקו איז געזעסן אויבנאָן און געטאַשט די קאָרטן מיט אַ וווּנדערלעכער געשיקטקייט.

— נעמט שפּילן, מיינע הערן, — האָט אויסגערופן דער נעגר.

— וואַרט, בהמה, — האָט געזאָגט ביעלאָווסקי, — דו זעסט דאָך, אַז די כּוסות זענען ליידיק, גיס אָן קאַקאַמבאָ!

דער מאַסאַזשיסט האָט תּיכּף אויסגעפירט דעם באַפעל.

דער שפּיל האָט נאָך געדויערט אַ קורצע צייט, פּלוצלינג האָט דער העטמאַן זיך אויפגעשטעלט, און וואַקלענדיק זיך אויף די פיס, האָט ער געשריגן, אַז אַלע זאָלן אַרויסגיין. מיך האָט ער געבעטן בלייבן.

— ווי שפּעט איז? — האָב איך געפרעגט.

— האַלב עלף, אָבער איר וועט דאָך מיך נישט לאָזן אַליין אין אַזאַ צושטאַנד. בלייבט, איך בעט אייך, בלייבט! איך פיל אַ

באַדערפעניש אויסצוגיסן דאָס האַרץ פאַר אַ גוטן פריינט. איך וועל דיר אַלץ, אַלץ דערציילן. איך האָב צו דיר צוטרוי. דו ביסט אַ פראַנצויז, אַן איידלמאַן, און איך ווייס, אַז דו וועסט איר גאָרנישט איבערדערציילן.

איך בין געבליבן. איך בין אַליין געווען אַ ביסל בגילופין.

קאַפּיטל XIII

די לעבנס-געשיכטע פון העטמאַן פון זשיטאָמיר

גראַף קאַזשימיערזש ביעלאָווסקי האָט זיך געפונען אין יענעם גראַד פון שיכּרות, ווען די פרייליכקייט גייט איבער אין ערנסט און אין חרטה-געפיל. ער האָט אַ ווײַלע נאָכגעטראַכט און אָנגעהויבן דערציילן זיין לעבנס-געשיכטע מיט אָט די ווערטער:

— איך בין געבוירן אין יאָר 1829 אין וואַרשע. מיין פאָטער איז געווען אַ פּאָליאַק און די מוטער אַ רוסין פון וואָלין. פון איר האָב איך געירשנט דעם טיטול העטמאַן פון זשיטאָמיר. באַשטעטיקט אים האָט מיר דער צאַר אַלעקסאַנדער II, בשעת זיין באַזוך אין פּאַריז, לויט דער בקשה פון מיין באַליבטן האַר נאַפּאָלעאָן III.

מיין פאָטער גראַף ביעלאָווסקי האָט אין יאָר 1830 פאַרלאָזט פּוילן און זיך באַזעצט אין לאָנדאָן. פון זייער אומגעהייער גרויסן פאַרמעגן איז איבעריקן געוואָרן אַ תּל: ער האָט עס פאַרשווענדט, ווי ער האָט געזאָגט, אויס פאַרצווייפלונג צוליבן טויט פון מיין מוטער. ווען ער איז געשטאָרבן, האָט ער מיר געלאָזט אַ גאָר קליינע ירושה. אין עלטער פון צוואַנציק יאָר האָב איך ליקווידירט די רעשט ירושה נאָך מיין פאָטער און זיך איינגעאָרדנט אַ פיין קאַוואַלערן-וווינונג אויף פּיקאַדילי.

— מיין צייט האָב איך פאַרבראַכט אויף בעלער, פאַרוויי-

לונגען און קאָרטן-שפּיל און מיט יונגע שיינע פרויען. איינמאָל האָט מיך מיין פריינט אַריינגעפירט אין הויז פון אַ געוויסער בילד-שיינער פרוי, מיס האָוואַרד. דאָס איז געווען אין פעברואַר 1848. די געזעלשאַפט, וואָס איך האָב דאָ געטראָפן, איז געווען אַ געקליבענע. תחילת האָט מען געשפּילט אין קאָרטן און דערנאָך האָט מען אָנגעהויבן שמועסן וועגן פּאָליטיק. מען האָט באַרירט די לעצטע פּאָליטישע געשעענישן אין פראַנקרייך. איך האָב מיך קיינמאָל נישט פאַרנומען מיט קיין פּאָליטישע פראַגן און איך ווייס נישט, ווי אַזוי עס איז מיר פּלוצלינג איינגעפאַלן צו באַהויפּטן אינמיטן פון דער גאַנצער היץ און עקשנות פון מיינע ניינצען יאָר, אַז די לעצטע ידיעות פון פראַנקרייך זענען אַן אָנזאָג פון אַ רעפּובליק אויף מאָרגן און אַן אימפּעריע אויף איבערמאָרגן.

די אָנוועזנדע האָבן אויפגענומען מיין מיינונג מיט אַ קלוגן שמייכל און האָבן געוואָרפן אַ בליק אויף איינעם פון די געסט, וועלכער איז געזעסן בײַ אַ קאָרטן-טישל.

דער גאַסט האָט אויך אַ שמייכל געטון, ער איז אויפגעשטאַנען און צוגעגאַנגען צו מיר. ער איז געווען פון מיטלער וווקס, געהאַט אַן ערנסט און אומעטיק פּנים און געטראָגן אַ בלויען ראָק.

— גראַף קאַזשימיערזש ביעלאָווסקי, — האָב איך געענטפערט מיט אַ זויערער מינע, כדי צו באַטאָנען, אַז דער אונטערשיד אין עלטער באַרעכטיקט אים נאָך נישט צו ווענדן זיך צו מיר מיט אַזאַ פראַגע.

— מיין ליבער גראַף, אויב אייער נבואה וועט מקוים ווערן, וועל איך אייך בעטן קומען צו מיר אין טיולערי-פּאַלאַץ, — האָט ער געזאָגט מיט אַ שמייכל.

— איך בין פּרינץ לוי-נאַפּאָלעאָן באָנאַפּאַרטע. — האָט האָט ער צולעצט באַוויליקט זיך פאָרצושטעלן.

מיין נבואה איז טאַקע מקוים געוואָרן. אין דער מלוכה־איבערקערעניש האָב איך נישט גענומען קיין אַקטיוון אָנטייל. דער פּרינץ האָט אָבער דאָך נישט פֿאַרגעסן אָן מיר. איך בין געווען פֿון די ערשטע, וואָס זענען גערופֿן געוואָרן צו אים, ווען ער איז געוואָרן קייזער. ער האָט מיר געגעבן אַ שטעל אין הויף און געווען צו מיר אַזוי גוט, אַז ער האָט מיר געשדכנט די טאָכטער פֿון מאַרשאַל רעפּעטאָ, פֿירשט פֿון מאָנדאָווי.

איך מוז אָבער זאָגן, אַז דער דאָזיקער שידוך איז נישט געווען פֿאַר מיר קיין פּאַסיקער. די פֿירשטין איז געווען עלטער פֿאַר מיר מיט צען יאָר, געווען נישט קיין גוטע און נישט קיין שיינע. אַ חוץ דעם איז דער נדן געווען פֿאַרשריבן אויף איר נאָמען אַזוי, אַז איך האָב מיך געמוזט באַגנוגענען מיט דער הויף־פּענסיע. פֿאַר אַ מענטש, וואָס איז געווען אַ בן־בית בײַ דער גרעסטער הויף־אַריסטאָקראַטיע, איז עס געווען אַ קנאַפּער תּכלית. איך האָב פֿון צייט־צו־צייט געמוזט אויסקוקן אויף די חסדים פֿון קייזער, וועלכער איז צו מיר געווען זייער גוט.

איינמאָל, אין אַ שיינעם פֿרילינגס־מאָרגן פֿון יאָר 1862, בין איך געזעסן אין מיין קאַבינעט און דורכגעזען די פּאָסט. זי האָט מיר געבראַכט אַ בריוו פֿון זיין מאַיעסטעטס קאַנצעלאַריע, וואָס האָט מיך איינגעלאַדן אין טױלערי־פּאַלאַץ אויף פֿיר אַ זייגער, און אַ בריוו פֿון מיין געליבטער קלעמענטינע, וועלכע האָט מיך געבעטן צו זיך אויף פֿינף אַ זייגער. קלעמענטינע איז געווען אַ זעלטענע שיינהייט, און איך בין דאַמאָלס צוליב איר באַגאַנגען אַלערליי משוגעתן. דער גאַנצער הויף האָט מיך מקנא געווען מיט איר, און איך האָב געמוזט באַטיילען נעמען אויף זיך אַלע קאָנסעקווענצן. קלעמענטינע איז געווען אַזוי באַצויבערנד, אַז דער קייזער אַליין...
די איבעריקע פּאָסט איז געווען בלויז רעכענונגען פֿון קלעמענטי־

נעס ליפעראַנטן און האָבן באַטראָפן בסך־הכּל פערציק טויזנט פראַנק.

— „אַזוי טאָר נישט לענגער דויערן,״ — האָב איך מיך געטראַכט, באַהאַלטנדיק די רעכענונגען אין טאַש.

צען מינוט פאַר פיר בין איך געווען באַם קייזער.

— אָ, דאָס ביסטו? — האָט געזאָגט נאַפּאָלעאָן. נעם אַ פּאַפּיראָס. שיינע שטיקלעך האָט איר געכטן אָפּגעטון אין „שאַטאָ דע פלער״, דו און גראַמאָן קאַדערוס.

— אייער מאַיעסטעט ווייסט שוין? און האָט אויך געהערט די לעצטע חכמה פון גראַמאָן קאַדערוס?

— דאָס גאָכנישט. דאָס וויל איך פון די הערן.

— מיר זענען געווען אַ מאַן פינף אָדער זעקס. איך, וויעלקאַסטעל, גראַמאָן, פערסיני...

— פערסיני — האָט געזאָגט דער קייזער — טוט נישט גוט, וואָס ער חברט זיך מיט גראַמאָנען נאָך די מעשיות, וואָס מען דערציילט וועגן זיין ווייב.

— גאַנץ ריכטיק, אייער מאַיעסטעט, און נאָכדעם גייט פערסיני זיך קלאָגן פאַר אונדז אויף דער שלעכטער אויפפירונג פון זיין פרוי!

— ער איז תמיד געווען אַ טאַקטלאָזער מענטש.

— גאַנץ ריכטיק, און ווייסט אייער מאַיעסטעט, וואָס גראַמאָן האָט דערויף געענטפערט?

— וואָס?

— ער האָט אים געזאָגט: פירשט, איך פאַרווער אייך צו רעדן אין מיין קעגנוואַרט אַ שלעכט וואָרט אויף מיין געליבטער.

— גראַמאָן האָט אַ ביסל איבערגעכאַפּט די מאָס, — האָט געזאָגט נאַפּאָלעאָן מיט אַן אומעטיקן שמייכל.

— מיר זענען אַלע געווען באַ דער זעלבער מיינונג און אַפילו

וויעל־קאַסטעל, וועלכער איז אַגב געווען אַנטציקט פון דער חכמה.

— און וואָס מאַכט גרעפין ביעלאָווסקי? — האָט אַ פרעג געטון דער קייזער נאָך אַ ווײַלע שטילשווייגן.

— איך דאַנק, אייער מאַיעסטעט, זייער גוט.

— און קלעמענטינע? אַלץ אַ וויל קינד?

— אַלץ אַ וויל קינד, אייער מאַיעסטעט, אָבער...

— ה׳ קאַראָש איז קענטיק פאַרליבט אין איר איבער די אויערן.

— אַ גרויסער כבוד. אָבער דער כבוד ווערט פאַר מיר אַ ביסל באַשווערלעך. און דערבײַ האָב איך אַרויסגענומען פון טאַש די קופע רעכענונגען און זיי אויסגעלייגט פאַרן קייזער.

ער האָט אַ שמייכל געטון.

— נו, נו, מיר וועלן שוין געפינען דערצו אַן עצה, בפרט אַז איך דאַרף אַצינד עפעס האָבן צו איר.

— איך בין אינגאַנצן צום דינסט פון אייער מאַיעסטעט.

דער קייזער האָט אָנגעקלונגען.

— בעט אַהער, ה׳ מאָקאַרן.

— איך בין אַביסל הייזעריק, — האָט ער דערקלערט — מאָקאַר וועט דיר דערקלערן וועגן וואָס עס האַנדלט זיך.

ס׳איז אַרײַנגעקומען דער פּערזענלעכער סעקרעטאַר פון קייזער.

— אָט איז ביעלאָווסקי, — האָט געזאָגט נאַפּאָלעאָן — גיט אים איבער די גאַנצע זאַך.

און ער האָט אָנגעהויבן פּויקן אויף די שויבן, איבער וועלכע עס האָט געפּלייצט אַ שלאַקס־רעגן.

— מײַן ליבער גראַף, — האָט אָנגעהויבן מאָקאַר, פאַרגעמענדיק אַ פּלאַץ — דער ענין איז אַ גאַנץ אײַנפאַכער. איר האָט געוויס געהערט וועגן יונגן טאַלאַנטפולן רייזנדן אַנרי דיווערירע?

דערשטוינט פון דערדאָזיקער הקדמה, האָב איך געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף ניין.

— ה׳ דיוועריע — האָט פאָרטגעזעצט מאָקאַר — איז איצט צוריקגעקומען קיין פּאַריז פון אַן אויסערגעווינטלעך־דרייסטער רייזע אין טיף סאַהאַראַ. ער באַקומט דערפאַר אַ גאָלדענעם מעדאַל פון דער געאָגראַפישער געזעלשאַפט. בשעת דער רייזע, האָט דיוועריע אָנגעקניפּט פאַרבינדונגען מיט די פירער פון די טואַרעגן־שטאַמען, וועלכע האָבן ביז אַהער פאַרנומען אַ פיינטלעכע שטעלונג קעגן אונדזער מיליטער.

איך האָב אַ קוק געטון אויפן קייזער מיט אַזאַ פאַרווונדערטער מינע, אַז ער האָט אַזש אָנגעהויבן צו לאַכן.

— הער זיך איין ווייטער, — האָט ער געזאָגט.

— ה׳ דיוועריע — האָט ווייטער געזאָגט מאָקאַר — האָט געברענגט דערצו, אַז אַ טואַרעגישע דעלעגאַציע זאָל קומען קיין פּאַריז אויסדריקן איר פאַרערונג דעם קייזער. דערדאָזיקער פאַקט קען האָבן אַ וויכטיקע באַדייטונג פאַר די האַנדלס־באַציונגען מיט די אַפריקאַנישע קאָלאָניעס. די דעלעגאַציע, וועלכע באַשטייט פון פינף מאַן, צווישן וועלכע עס געפינט זיך דער סולטאַן שייך־אַטמאַן אַליין, קומט מאָרגן פרי. אויפן ליאָנער וואָקזאַל וועט זיי אָפּוואַרטן ה׳ דיוועריע, אָבער דער קייזער דענקט...

— איך דענק, — האָט זיך אָנגערופן דער קייזער — אַז ס׳איז נייטיק, די געסט זאָלן באַגריסט ווערן אויך פון אַ פאָרשטייער פון הויף. און דערצו האָב איך דיך פאַרבעטן, מיין אָרימער ביעלאָווסקי. שרעק דיך נישט, דיוועריע וועט דיר בייהילפיק זיין. דיין אויפגאַבע וועט זיין צו פאַרנעמען זיך בלויז מיט דער אויסערלעכער זייט פון דער אויפנאַמע. דו וועסט באַגלייטן די געסט צום פרישטיק, וואָס איך לאָז מאַכן פאַר זיי אין טיולערי. שפּעטער אין אָוונט וועסטו זיי באַקענען מיט די פּאַריזער פאַרווייַלונגס־

ערטער. אָבער פאַרגעס נישט, אַז די געסט זענען בײַ זיך אינ־דערהיים הויכע גײַסטלעכע און זענען מקפיד אויף צניעות. איבע־ריקנס, פאַרלאָז איך מיך אין דער זאַך אויף דײַן טאַקט...

— וואָס באַפעלט אײַער מאַיעסטעט? מאָקאַר!

— פון ביודזשעט פון אויסערן־מיניסטעריום וועט איר הײסן אויסצאָלן גראַף ביעלאָווסקין אַ געהעריקע סומע אויף הוצאות פאַר דער אויפנאַמע פון דער דעלעגאַציע. דערווײַל וועט איר געב הונדערט טויזנט פראַנק... ווען די סומע וועט אויסגײן, וועט איין גראַף ביעלאָווסקי מעלדן.

קלעמענטינע האָט געוויינט אין אַ קליין פאַלאַצל, וואָס איך האָב פאַר איר געקויפט. איך האָב זי געטראָפן ליגנדיק אין בעט. דערזעענדיק מיך, האָט זי פאַרשטעלט דאָס פנים מיט בײדע הענט און זיך פונאַנדערגעוויינט.

— גוואַלט, וואָס האָבן מיר געטון, וואָס האָבן מיר גע־טון! — האָט זי אַרויסגעקרעכצט, פאַרגײענדיק זיך אין נאָך אַ שטאַרקער געוויין.

— באַרויִק דיך, קלעמענטינע!

— וואָס האָבן מיר געטון! וואָס האָס האָבן מיר געטון! — האָט זי איבערגעחזרט מיט אַ געוויין. זי האָט זיך געטוליעט צו מיר. איך האָב געהאַט נאָנט לעבן מיר אירע געדיכטע שוואַרצע לאָקן און איר צאַרטן, שמעקעדיקן קערפּער.

— קלעמענטינע, וואָס וויינסטו? כ׳בעט דיך, דערצייל מיר! נו, קלעמענטינע, וואָס איז געשען?

— ס׳איז געשען... — און זי האָט מיר עפּעס אײַנגערוימט אין אויער.

— וואָס? — האָב איך אויסגערופן אַ דערשראָקענער — צי ווייסטו אויף זיכער.

— צי איך בין זיכער?

איך האָב גענומען שפּרייזן איבערן צימער אַ פאַרצווייפלטער, אַ פאַרלוירענער.

— איך זע, אַז דו ביסט נישט שטאַרק צופרידן — האָט קלע־מענטינע געזאָגט שטיל.

— וואָס רעדסטו? גלייב מיר, פאַרקערט, איך בין זייער צופרידן...

— אויב אַזוי, — האָט זי געזאָגט מיט אַ גליקלעכן שמייכל — וועסטו פאַרברענגען דעם גאַנצן מאָרגנדיקן טאָג מיט מיר.

— מאָרגן איז אוממעגלעך!

— פאַרוואָס? — האָט זי געפרעגט מיט פאַרדאַכט.

— ווייל מאָרגן מוז איך, לויטן קייזערלעכן באַפעל, אַרומ־פירן די טאַרגישע מיסיע איבער פּאַריז.

— וואָס איז דאָס פאַר אַ נייע ליגנט?

— דאָס איז דער ריכטיקער אמת!

איך האָב אין קורצן איבערגעגעבן קלעמענטינען אַלץ, וואָס מאַקאַר האָט מיר דערציילט. זי האָט מיך אויסגעהערט מיט אַ מינע, ווי זי וואָלט זאָגן: געטראָפן אַ פרייערקע.

אויפגערעגט פון איר נישט־גלייבן, האָב איך אַ זאָג געטון מיט כעס.

— קענסט קומען נאָכקאָנטראָלירן. איך עס מיט זיי אינאיינעם מיטאָג. איך פאַרבעט אויך דיך.

— זיי זיכער, אַז איך וועל קומען! — האָט געענטפערט קלעמענטינע מיט ווירדע.

אין אַ קורצער צייט אַרום האָב איך שוין באַדויערט מיין כעס־אויסברוך. אָבער געדענקט, וויפיל איך האָב דעם טאָג אויס־

געליטן! אויפן פרימאָרגן די חשבונות אויף פערציק טויזנט פראַנק, דער געדאַנק וועגן דאַרפן אַרומפירן אַ באַנדע ווילדע מענטשן איבער פּאַריז, און אויך צובייס די ידיעה וועגן אַן אומגעזעצלעכער פּאָטערשאַפט...

דער צוג פון מאַרסעל איז געקומען 10 אַ זייגער אינדערפרי. אויף דער סטאַנציע האָב איך שוין געטראָפן ה׳ דיוועריע, אַ יונגן מאַן מיט בלויע אויגן און אַ בלאָנד בערדל. די טואַרעגן, אַרויסגייענדיק פון וואַגאָן, האָבן זיך געוואָרפן אין זיינע אָרעמס. ער האָט צוויי יאָר געלעבט מיט זיי אין איין געצעלט, און זיי זענען געווען שטאַרק באַפריינדעט.

אומעטום, ווי איך האָב זיי געפירט: צי אויפן פרישטיק אין מיולערי, צי אין מוזעום, אָדער אין ראַטהויז — האָבן די טואַרעגן אַריינגעשריבן זייערע צענגאָרנדיקע נעמען אין געדענק-בוך. דאָס האָט פאַרנומען זייער אַ סך צייט, בפרט אַז זיי זענען נישט געווען קיין גרויסע בריות אויף שרייבן.

אויף די פּאַריזער בולוואַרן האָבן די טואַרעגן שטאַרק אויסגעגומען. דאָס פּובליקום האָט זיי שטורמיש באַגריסט און באַגלייט זיי אומעטום, ווי זיי זענען געגאַנגען. אין קאַפע „דע-פּאַריז" האָבן די בגילופנדיקע טואַרעגן מיך גענומען קושן און האַלדזן פאַר שמחה. זייער שמחה איז איבערגעגאַנגען אין אַ געוואַלטיקער התפעלות, ווען אין קאַפע-קאַבינעט איז אַריינגעקומען קלעמענטינע, וועלכע האָט מיט איר פּוץ און שיינקייט פאַרטונקלט די שיינע חברטעס פון גרעסאַן און וויצל-קאַסטעל, וואָס זענען אויך געווען מיט אונדז.

דעם גרעסטן איינדרוק האָט קלעמענטינע געמאַכט אויפן לייבלעכן ברודער פון סולטאַן — על-האַדז בן-גועמאַטאַ, וועלכער איז געווען איר שכן פון רעכטס. דער ווײַן און די ליקערן, וואָס מען האָט געטרונקען לרוב, נישט קוקנדיק אויף מחמדס פאַרבאָט, האָבן מיטגעהאָלפן צו פאַרשטאַרקן דעם איינדרוק. דער סוף איז

געווען, אַז דעם סולטאַנס ברידער איז געוואָרן ווי צוגעקלעבט צו קלעמענטינען.

צום סוף פון מאָלצייט האָט סולטאַן שייך־אַטמאַן אַליין מיך אָפּגערופן אין אַ זייט און מיר איבערגעגעבן עפּעס אין נאָמען פון זיין ברודער, וואָס האָט געהאַט אַ גאַנצע שייכות צו קלעמענטינען.

צומאָרגנס בין איך געגאַנגען צו קלעמענטינען.

— מיין קינד, — האָב איך איר געזאָגט, נאָכדעם ווי איך האָב זי אויפגעוועקט אייגנס אַ זייגער פון אַ זיסן שלאָף — הער זיך איין. איך האָב מיט דיר צו רעדן וועגן אַן ערנסטער זאַך.

זי האָט אומצופרידן געריבן די אויגן.

— ווי איז דיר געפעלן דער יונגער אַראַבער, וואָס האָט נעכטן אין אָוונט נישט געוואָלט פון דיר אָפּטרעטן?

— אָבער... גאָרנישט שלעכט. — האָט זי געענטפערט פאַרוויילנדיק זיך.

— צי ווייסטו, אַז אין זיין לאַנד איז ער אַ זעלבסטשטענדיקער הערשער און געוועלטיקט איבער אַ טעריטאָריע, וואָס איז פינף־זעקס מאָל אַזוי גרויס, ווי די מלוכה פון אונדזער גנעדיקן האַר, דעם קייזער נאַפּאָלעאָן III?

— ער האָט מיר עפּעס געזאָגט וועגן דעם.

— צי וואָלסטו נישט געוואָלט זיצן אויף אַ טראָן אַזוי ווי אונדזער גנעדיקע קייזערין אויגעניע?

קלעמענטינע האָט אויסגעגלאָצט אויף מיר אַ פּאָר שיינע אויגן.

— פרעגן דיך וועגן דעם האָט מיך געהייסן, אויף זיין פאַרלאַנג, זיין ברודער סולטאַן שייך אַטמאַן.

— די צעטומלטע קלעמענטינע האָט נישט געקענט אַרויסרעדן קיין וואָרט.

— **איך** — אַ קייזערין? — האָט זי צום סוף אַרויסגעשטאַמלט.

— אַלץ איז געווענדט אָן דיר. דאַרפסט געבן ענטפער ביז מיטאָג. אויב יאָ, וועלן מיר נאָך היינט אָפּפאַרטיקן דאָס עסק, און ווערסט אַ קייזערין מיט מזל.

איך האָב געוווסט, אַז קלעמענטינע האָט שוין אין האַרץ מסכים געווען, נאָר זי האָט זיך נאָך געקווענקלט פאַר דרך־ארץ וועגן.

— און דו? — האָט זי אַרויסגעקרעכצט — זאָל איך דיך פאַרלאָזן? קיינמאָל נישט!

— מיין קינד, באַרעכן דיך, וואָס דו טוסט. — האָב איך אָנגעהויבן איינטענהן. — דו מוזט וויסן, אַז איך בין אַ קבצן, כ׳האָב נישט קיין גראָשן באַם לייב און נשמה!

— אָ!

— און... דאָס קינד?

— וואָס פאַר אַ קינד?

— אונדזער קינד?

— יאָ, אמת! דו וועסט עס איבערגעבן מיין נאָכפאָלגער. איך בין זיכער, אַז ער וועט זאָגן, אַז עס איז געראָטן אין אים.

— באַ דיר איז אַלץ אַ קאַטאָוועס, — האָט זי געזאָגט האַלב וויינענדיק און לאַכנדיק.

צומאָרגנס אין דער זעלבער צייט האָט דער מאַרסעלער עקספּרעס־צוג אַוועקגעפירט די פינף טאָרעגן און קלעמענטינען. די יונגע פרוי האָט זיך אַ שטראַלנדיקע אָנגעשפּאַרט אויפן אָרעם פון בן־גואַמעמאַ, וועלכער האָט זיך געפילט אויפן זיבנטן הימל.

— צי איז פאַרהאַן אַ סך מאַגאַזינען אין אונדזער הויפּטשטאָט? — האָט קלעמענטינע אַ פרעג געטון, טוליענדיק זיך צו איר חתן.

— אַ סך, אַ סך מאַגאַזינען, גוט, ווויל, — האָט ער געענטפערט אויף אַ צקעאַליעטשעטן פראַנצויזיש.

פאַרן אַוועקפאָרן האָט קלעמענטינע באַקומען אַן אָנפאַל פון צערטלעכקייט צו מיר.

— קאַזשימיערזש, הער זיך איין. דו ביסט תּמיד געווען גוט צו מיר. איך וועל זיין אַ קעניגין. אויב דיר וועט דאָ זיין שלעכט, זאָג מיר צו, שווער מיר, אַז דו וועסט קומען צו מיר...

דער שייך האָט פאַרשטאַנען, וואָס מען מיינט. ער האָט אַראָפּגענומען אַ טייערן רינג פון זיין פינגער און אַרויפגעזעצט אויף מיינעם.

— סידי קאַזימיר, פריינט. — האָט בן־גואַמעמאַ באַשטעטיקט מיט קראַפט — קומען אונדז באַזוכן. אַלע אין האָגאַר דיינע פריינט. גוט האָגאַר, ווויל.

ווען איך בין אַרויס פון לאַגער וואָקזאַל, האָב איך געפילט, אַז איך האָב אָפּגעאַרבעט אַ פיין שטיקל...

דער העטמאַן פון זשיטאָמיר איז געווען פולקאָם שיכּור. איך האָב קוים פאַרשטאַנען דעם סוף פון זיין דערציילונג, וואָס איז דורכגעפלאָכטן געוואָרן מיט קופּלעטן פון אָפענבאַכס רעפּערטואַר.

— די סעדאַנער קאַטאַסטראָפע האָט אַלע האָפענונגען פון העטמאַן געמאַכט צו נישט. חובות איבערן קאָפּ, אַ גראָשן בּאַ דער נשמה נישטאָ. אין טיולערי־פּאַלאַץ איז נישטאָ שוין דער קייזער, זיין באַשיצער.

— מאַדאַם, — האָט ער געזאָגט צו דער פרוי, — מיינע פּיסטאָלעטן!

— וואָס איז געשען? — האָט זי אַ געשריי געטון אַ דערשראָקענע.

— אַלץ איז פאַרלוירן. מען דאַרף ראַטעווען דעם כּבֿוד. איך גיי מיך שלאָגן אויף די באַריקאַדן.

— קאַזשימערזש ! — האָט מיין פרוי, די רעוואָלוציאָנערקע, זיך אַ וואָרף געטאָן מיט אַ געוויין אין מיינע אָרעמס. — איך האָב דיך נישט געקענט. זיי מיר מוחל !

— איך בין דיר מוחל אוירעליע, — האָב איך געזאָגט מיט גאווה — איך בין אויך נישט ריין פון זינד.

איך האָב איבערגעריסן דידאָזיקע טרויעריקע סצענע, ס׳איז געווען 6 אַ זייגער אין אָוונט. איך האָב געכאַפּט אַ דראָזשקע.

— דו באַקומסט צוואַנציק פראַנק ביער-געלט, אויב דו וועסט אָנקומען באַצייטנס צום מאַרסעלער קוריער-צוג, וואָס גייט אָפּ 6 מיט 37.

מער האָב איך שוין נישט אַרויסגעקרוגן קיין איין וואָרט פון העטמאַן פון זשיטאָמיר. ער איז אַנידערגעפאַלן אויף די טעפּיכן און קישנס און פאַרזונקען אין אַ טיפן שלאָף.

וואַקלענדיק זיך, בין איך צוגעגאַנגען צום קאָלאָסאַלן באַל-קאָן.

פון הינטער די בלויע בערג-שפיצן איז אויפגעגאַנגען אַ בלאַס-געלע זון.

קאַפּיטל XIV

די שעהן פון דערוואַרטונג

זיין געשיכטע פלעגט מיר סענט-אווי דערציילן באַנאַכט אין קליינע אָפּשניטן.

אין אָוונט האָט מען אונדז געבּרענגט די פּאָסט פון פראַנקרייך. די בריוו זענען געלעגן אויפן טיש אומגעעפנטע. אין ליכט פון פּאָס-פאַר האָט מען געקענט דערקענען די האַנטשריפט אויף די קאָנ-ווערטן.

מיט וואָס פאַר אַ טריומפירנדן שמייכל האָט אַ קוק געטון אויף מיר טענט-אווי, ווען איך האָב אָפּרוקנדיק פון זיך די בריוו, אים געזאָגט מיט אַ פאַרשטיקטער שטימע:

— דערציייל ווייטער.

ער האָט זיך נישט געלאָזט לאַנג בעטן.

— איך בין נישט אומשטאַנד דיר צו שילדערן דעם פיבער-האַפטן צושטאַנד, אין וועלכן איך האָב געלעבט פון טאָג אָן, ווען דער העטמאַן פון זשיטאָמיר האָט מיר דערציילט זיין געשיכטע, ביזן טאָג, ווען איך האָב מיך געשטעלט פאַר די אויגן פון אַנטי-נעאַן. דאָס מערקווירדיקסטע איז דערביי, וואָס אַריינגעברענגט אין אַזאַ צושטאַנד האָט מיך, נישט דער געדאַנק, אַז איך בין אַ צום טויט פאַראורטיילטער מענטש, וועלכער לעבט איבער זיינע לעצטע

טעג; פֿאַרקערט גאָר, איך האָב אָפּגעוואַרט מיט אומגעדולד די שעה, ווען מען וועט מיך אַ רוף טון צו אַנטינעאַן. אָבער דער רוף איז נישט געקומען און אָט די פֿאַרצערונג האָט מיך געמאַכט גאַר אויס מענטש.

מאַראַנזשן האָב איך נישט געזען. איך האָב נאָר געוווּסט, אַז ער איז פֿריש און געזונט. כ׳ער האָב איך נישט געקענט דערגיין. אַנטינעאַס דינערשאַפֿט זענען געווען שטום ווי די ווענט, אַפֿילו טאַניט-זערגאַ האָט עקשנותדיק געשוויגן, ווען איך האָב אַ מאָל דערמאַנט מאַראַנזשן אין צוזאַמענהאַנג מיט אַנטינעאַס נאָמען.

דאָס אייראָפּעיִשע פּערסאָנאַל האָב איך נישט געוואָלט פֿרעגן. איבעריקנס, וואָלטן זיי מיר אויך גאָרנישט געזאָגט.

בלויז די אַלטע נעגרין, די מאַניקיריסטן ראָזיטאַ, איז געווען אַ ביסל מער באַרעדעוודיק. זי האָט ליב געהאַט דעם טרונק, און ווען איך האָב איר אָנגעגאָסן אַ כּוס, האָט זי גענומען פֿלייסיק אַרבעטן מיט דער צונג.

— אַנטינעאַ — האָט זי דערציילט — איז די טאָכטער פֿון על-האַדזש-אַכמעט בן-גועמאַמאַ, סולטאַן פֿון האָגאַר און שייך פֿון גרויסן איידעלן שבט קעל-רעלאַ. זי איז געבוירן אין יאָר 1241 פֿון דער העדשזיראַ (מוסולמענער צייט-רעכנונג). זי האָט נישט געוואָלט חתונה האָבן, און קיינער האָט זי דערצו נישט געצווּנגען, ווייל אין האָגאַר, ווו אַנטינעאַ איז איצט די קעניגין, זענען די פֿרויען פֿריי צו פֿירן זיך לויט זייער ווילן.

— צי קענסטו סעגעיִר בן-שעיִקן?

— קיינער קען אים נישט געניי, ווייל ער איז מיינסטנס אויף דער רייזע. ער איז זייער געטריי דער קעניגין, ווייל ער שטאַמט פֿון סענוסיסן-שטאַם, און אַנטינעאַ איז אַ קרובה פֿון הערשער פֿון די סענוסיסן. אַ חוץ דעם, האָט ער איר צו פֿאַרדאַנקען זיין לעבן. סעגעיִר בן-שעיִק איז איינער פֿון די מערדערס פֿון „קע-

בירזשע פּלאַטערס, און ווען דער סולטאַן פֿון די טואַרעג־אַרדזשער האָט אים געוואָלט אַרויסגעבן די פֿראַנצויזן, האָט אַנטינעאַ אים באַהאַלטן בײַ זיך. כּדי אָפּצודינען אַנטינעאַן, האָט ער איר געבראַכט צו פֿירן דריי פֿראַנצויזישע אָפֿיצירן פֿון אָקופּאַציע־מיליטער אין טוניס. אַנטינעאַ איז דאַמאָלס אַלט געווען צוואַנציק יאָר און איז נאָך געווען אַ מיידל. אָט זיי שטייען אין מאַרמאָר־זאַל אונטער די נומערן 1, 2, 3.

— סעגהיר בן־שעיק איז זייער געשיקט און קען סאַהאַראַ אַזוי ווי זיינע צען פֿינגער. — האָט ראָזיטאַ ווייטער דערציילט — ער ברענגט איר אַלעמאָל נייע אייראָפּעיִשע יונגע לייט. נאָר גאָר אין אָנהייב האָט ער געמאַכט אַ טעות און געבראַכט דעם אַלטן לע מעסזש און דעם גלח ספּאַרדעק.

— און וואָס האָט אַנטינעאַ געזאָגט צו זיי?

— זי האָט האַרציק געלאַכט, און זיי געלאָזט לעבן. פֿון דאַמאָלס אָן האָט סעגהיר בן־שעיק מער נישט געמאַכט קיין טעות. אַלע, וואָס ער האָט דערנאָך געבראַכט, זענען געווען יונג און שיין. איך האָב זיי מאַניקירט די הענט און די פֿיס. מען מוז אָבער מודה זיין, אַז דיין חבר איז דער שענסטער פֿון אַלע.

— און פֿאַרוואָס האָט אַנטינעאַ נישט פֿרייגעלאָזט דעם גלח און לע מעסזשן?

— ערשטנס דאַרף זי זיי האָבן, און צווייטנס, אויב מען זאָל וועמען אַרויסלאָזן, וואָלטן די פֿראַנצויזן זיך באַלד דערוווּסט פֿון אַריינגאַנג און וואָלטן געקומען זיך נוקם זיין אָן איר. איבעריקנס, אַלע, וואָס סעגהיר בן־שעיק האָט אַהערגעבראַכט, מיט אַן אויסנאַם פֿון איינעם, האָבן, דערזעענדיק אַנטינעאַן, אַליין נישט געוואָלט אַרויס.

— צי האַלט זי אַנטינעאַ לאַנג בײַ זיך?

— דאָס איז געווענדט אָן זיי און ווי ווייט זיי געפֿעלן איר.

אַ משך פון צוויי, דריי חדשים. אַ געוויסער בעלגישער אָפיציר, גרויס און שטאַרק ווי אַ ריז, האָט נישט אויסגעהאַלטן אַפילו אַ וואָך. אַנט־קעגן־זשע דעם ענגלישן אָפיציר דוגלאַס־קעין האָט אַנטינעאַ גע־האַלטן באַ זיך כמעט אַ גאַנץ יאָר.

— און דערנאָך?

— דערנאָך איז ער געשטאָרבן. — האָט אָפּגעענטפערט די אַלטע, ווי פאַרוווּנדערט פון מיין פראַגע.

— פון וואָס איז ער געשטאָרבן?

— אַזוי ווי אַלע: פון ליבע. ווען זיי זען, אַז עס קומט שוין זייער סוף און אַז סעגעיר בן־שעיק קלייבט שוין זיך אין וועג אַריין זוכן נייע געסט — שטאַרבן זיי פון ליבע. אַ סך זענען געשטאָרבן רויק, מיט טרערן אין די אויגן, האָבן אויפגעהערט שלאָפן און עסן. איין פראַנצויזישער פלאָט־אָפיציר איז געוואָרן משוגע. ער האָט גע־זונגען באַנאַכט אַן אומעטיק לידל, וואָס האָט אָפּגעהילכט אין די בערג. אַ שפּאַניער ווידער איז געוואָרן ווילד; ער האָט געוואָלט בייסן. מען האָט אים געמוזט הרגענען. אַ סך פון זיי זענען גע־שטאָרבן פון „קיף", דאָס איז שאַרפער ווי אָפּיום. קוים פאַרלירן זיי אַנטינעאַן, הייבן זיי אָן רייכערן, רייכערן אָן אויפהער און שלאָפן אַזוי איין אויף אייביק. דאָס זענען געווען די גליקלעכסטע. דער קליינער קעין איז אַנדערש געשטאָרבן.

— ווי אַזוי?

— ער איז געשטאָרבן אויף אַזאַ אַרט, וואָס האָט אונדז אַלעמען שרעקלעך אויפגערעגט. ווי איך האָב דיר שוין דערציילט, איז ער באַ אונדז געווען לענגער ווי אַלע, און מיר האָבן זיך מיט אים איינגעלעבט. אין אַנטינעאַס צימער שטייט אויפן טיש אַ גלאָק מיט אַ לאַנגן זילבערנעם האַמער און אַ שווער העבאַן־הענטל. האָט אונדז אַגידאַ דערציילט אַזאַ סצענע: ווען אַנטינעאַ האָט מיט איר געוויינטלעכן שמייכל אויף די ליפּן געמאָלדן קעינען, אַז זי געזעגנט

אים, איז ער געבליבן שטיין פאַר איר אַ בלייכער, אָן ווערטער. די קעניגין האָט אָנגעקלונגען נאָכן דינער, ער זאָל אים אַוועקפירן. ווען אַ ווייס-געקליידטער טאַרגיער איז אַריינגעקומען, האָט קעין געכאַצט דעם האַמער און אים צעשפּאָלטן דעם שאַרבן. אַנטינעאַ האָט אַלץ געשמייכלט. מען האָט דעם קליינעם קעינען אַוועקגעשלעפּט אין זיין צימער אַריין. באַנאַכט האָט זיך אים איינגעגעבן איינצושלעפּערן די וואַך, און ער איז אַרויסגעשפּרונגען פון פענסטער פון אַ הייך פון צוויי הונדערט פוס. די אַרבעטער, וואָס האָבן זיך פאַרנומען מיט זיין איינבאַלזאַמירונג, האָבן קוים געקענט צונויפשטעלן אַן אבר צו אַן אבר. דאָס איז לייכט צו דערקענען אָן זיין סטאַטוע, וואָס שטייט אין מאַרמאָר-זאַל אונטערן נומער 26.

די אַלטע האָט אויסגעטרונקען אַ כוס, כדי איינצושטילן איר איפּרעגונג.

— זאָג מיר, — האָב איך געפרעגט מיט אַ מעגלעך רויקן טאָן — זאָג מיר, צי ווען אַנטינעאַ האַלט וועמען אין איר מאַכט, פאַרשליסט זי אים בא זיך און לאָזט קיינעם נישט צו צו אים?

די אַלטע האָט אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ אויף ניין.

— זי האָט נישט קיין מורא, אַז ער וועט אַנטלויפן. דער באַרג שליסט אונדז איין ווי אַ פעסטונג, און זי דאַרף נישט מער ווי אַ קלונג טון אין זילבערנעם גלאָק, אז מען זאָל דעם בורח כאַפּן און ברענגען צו איר.

— און דאָך האָב איך שוין נישט געזען מיין חבר פון דעם מאָמענט אָן, זינט זי האָט אים צו זיך גערופן.

די נעגרין האָט אַ שמייכל געטון.

— דאָס באַווייזט נאָר, אַז ער וויל פון איר נישט אָפּטרעטן. אַנטינעאַ צווינגט אים נישט דערצו און שטערט אים נישט אין קיין זאַך.

איך האָב מיט כעס אַ קלאַפּ געטון אין טיש:

— טראָג דיך, דו אַלטע משוגענע! אַוועק!

די דערשראָקענע ראָזיטאַ איז אַנטלאָפֿן, זי האָט קוים באַ-איזן צונויפֿצוקלויבן אירע זאַכן.

אונטער דער ווירקונג פֿון ראָזיטאַס רייד האָב איך מיך אַריינגעלאָזט אין קאָרידאָרן-לאַבירינט און מיט דער הילף פֿון גלת, וועלכן איך האָב געטראָפֿן אויפֿן וועג, האָב איך מיך דערשלאָגן ביזן זאַל פֿון רויטן מאַרמאָר.

איך בין אַריין איינער.

די קאַלטע און שמעקעדיקע אַטמאָספֿערע פֿון אָט דער קעלער-שטוב האָט אויף מיר גוט געווירקט. דאָס געדויש פֿון שפּרודלענדיקן וואַסער האָט מיך אויפֿגעהייטערט און פֿאַרטריבן מיין אומעט.

אָט דאָ איז נומער 26 מיט זיין אויפֿשריפֿט: פּאָרוטשניק דוגלאַס קעין, געבוירן אין עדינבורג דעם 21-טן סעפּטעמבער 1862. געשטאָרבן אין האָגאַר דעם 16-טן יולי 1890. אַלט געווען נישט קיין גאַנצע 28 יאָר. אָרימער יונג! אַרויספּאָרנדיק קיין דאַרפֿור, האָט דוגלאַס קעין געוויס איבערגעלאָזט אין עדינבורג עפּעס אַ בלאָנד מיידל. וואָס האָט נאָך אים געבענקט, און דאָ האָט ער זיך פֿאַרליבט אין אַנטינעאַן און געשטאָרבן. אָט דאָ איז נומער 27, איבער וועלכן ער האָט זיך דעם קאָפּ צעהאַקט און וועלכער איז אויך געשטאָרבן.

שטאַרבן, ליבן! ווי באַטירלעך קלינגען אָט די ווערטער אין זאַל פֿון רויטן מאַרמאָר. ווי גרויס וואַקסט אויס אַנטינעאַ אין דעם קרייז פֿון אָט די שטומע סטאַטוען. צי די ליבע, דערגרייכנדיק איר העכסטן גראַד, גרענעצט זיך מיטן טויט? אַנטינעאַ שטייט נישט העכער אין שיינקייט און רייץ פֿאַר טייל פֿרויען פֿון אונדזערע קרייזן, און דאָך ברענט אין מיר אַ העליש פֿייער, און איך בין

גרייט אויף אַלץ, כּדי צו קענען זי איינשליסן אין מיינע אָרעמס כאַטש אויף איין רגע.

אָט איז נומער 53 — דער לעצטער. 54 וועט זיין מאַראַנוש און 55 — איך. אין 6—8 חדשים אַרום וועט מען מיך אַריינשטעלן אין אָט דער נישע ווי אַ סטאַטוע אָן אויגן, אָן אַ נשמה.

אין אָט דעם מאָמענט האָב איך מיטאַמאָל תּופס געווען די נישטיקייט, דעם הבל־הבלים פון מענטשלעכן לעבן. קינדיש בין איך געווען פאַר אַ רגע אין קעגנוואַרט פון דער אַלטער נעגרין. איך האָב מקנא געווען מאַראַנושן. פּונקט אַזוי ווי מאַראַנושן, האָב איך געמעגט מקנא זיין אָט די אַלע, וואָס שטייען אין די נישן און וואָס וועלן שפּעטער דאָ שטיין. איך ווייס, אַז מאַראַנוש איז אַצינד לעבן אַנטיבעאַן, און מיר טוט ווי צו דענקען וועגן זיין גליק. אָבער אין אַ פּאָר מאָנאַטן אַרום אין אַ געוויסן אָוונט וועלן קומען אַהער די באַלזאַמירער און די נישע 54 וועט באַקומען איר קרבן. דערנאָך וועט דער ווייסער טאַרגיִער קומען צו מיר, און דאַמאָלס וועט קומען מיין ריי אַריינצוטרעטן אין די טויערן פון אייביקייט דורך די בלוטיקע טויערן פון ליבע.

ווען איך האָב מיך, אָפּטרייסלענדיק פון זיך די אַלע געדאַנקען, אומגעקערט אין ביבליאָטעק־זאַל, איז די נאַכט שוין געהאַט צוגע־פאַלן און די אַלע מענטשן, וואָס האָבן זיך דאָרט פאַרזאַמלט, זענען געווען איינגעהילט אין שאָטן.

אין דער פינסטערניש האָב איך דערקענט לע מעסזשן, דעם גלח, ביעלאָווסקין, אַגידאַן, צוויי ווייסגעקליידטע טואַרעגן און נאָך אַ פּאָר מענטשן. זיי האָבן זיך באַראַטן וועגן עפּעס און זענען געווען שטאַרק אויפגערעגט.

פאַרוווּנדערט און באַאומרויִקט, וואָס עס האָבן זיך דאָ פלוצ־לינג צונויפגעקליבן מענטשן, וועלכע זענען געוויינטלעך צעקריגט צווישן זיך, בין איך צוגעגאַנגען צו זיי.

ס'איז פאַרגעקומען אַן אויסערגעוויינטלעכער פאַקט, וואָס האָט אַרויסגעבראַכט אַלע איינוווינער פון באַרג פון גלייכגעוויכט.

ס'איז געקומען אַ ידיעה, אַז אין מזרח־זייט, אין אַדראַר־אַנעט, האָבן זיך באַוויזן צוויי שפּאַנישע פאַרשטייער.

סעגעיר בן־שעיק האָט, געוויר ווערנדיק וועגן דעם, געוואָלט תיכף אַרויספאָרן זיי אויפזוכן, ער האָט אָבער אָקאַרשט באַקומען אַ באַפעל צו בלייבן אינדערהיים.

אַזאַ זאַך איז נאָך קיינמאָל נישט געשען. ס'איז געווען קלאָר ווי דער טאָג, אַז אַנטינעאַ איז צום ערשטן מאָל פאַרליבט.

קאַפּיטל XV

דאָס מיטגעפיל פון טאַניט=זערגאַ

— אַראַו, אַראַו...

ביסלעכווייז בין איז געקומען צו זיך פונם שווערן שלאָף, אין וועלכן איך בין אַריינגעפאַלן, כ'האָב געעפנט די אויגן און זיך אַ רוק געטין צוריק.

— אַראַו.

צוויי טריט פון מיר האָב איך דערזען די שוואַרצע, געשפּרענקלטע מאָרדע פונם לעמפּערט און גלייכצייטיק דערהערט אַ הילכיק געלעכטער.

דאָס איז געווען די קליינע טאַניט=זערגאַ. זי האָט זיך צוגעזעצט אויף אַ קישן לעבן דער קאַנאַפּע, ווו איך בין געלעגן, און האָט באַאָבאַכטעט מיין ניי באַגעגעניש מיטן לעמפּערט.

— חירם האָט זיך געלאַנגווייליקט — האָט זי דערקלערט — האָב איך אים מיטגענומען אַהער.

— גוט, אָבער צי האָט ער זיך נישט געקענט לאַנגווייליקן אַנדערשוו?

— ער בענקט זייער — האָט געזאָגט די קליינע — מען האָט אים אַרויסגעטריבן, ווייל ער האָט צו פיל געפילדערט.

דידאַזיקע ווערטער האָבן מיך דערמאַנט אָן די געשעענישן

פון נעכטיקן טאָג, וועלכער איז אַזוי רייך געווען אין איבערלעבונגען.

— אויב דו ווילסט, וועל איך אים אַרויספירן. — האָט געזאָגט טאַניט-זערגאַ.

— ניין, זאָל ער זיין.

איך האָב פריינטלעך אַ קוק געטון אויפן לעמפערט. אונדזער געמיינזאַם אומגליק האָט אונדז דערנענטערט.

— דאָ איז אויך גאַלע.

— גאַלע, ווער איז דאָס ווידער?

אויף די קני פון טאַניט-זערגאַ האָב איך באַמערקט אַ משונה-דיק חיהלע, עפּעס גרעסער ווי אַ קאַץ, מיט פלאַכע אויערן און אַ לענגערע מאָרדע, זיין פיש-גרויע פעל איז געווען שאָרסטקע.

עס האָט זיך צוגעקוקט צו מיר מיט זיינע מאָדנע קליינע ראָזאָווע אויגן.

— אַ ווינזעלע — האָט דערקלערט טאַניט-זערגאַ.

— מער האָסטו שוין נישט? — האָב איך געפרעגט אומצופרידן.

איך האָב קענטיק געהאַט אַ קאָמישע מינע, ווייל טאַניט-זערגאַ האָט אַרויסגעפּלאַצט מיט אַ געלעכטער.

— גאַלע איז מיין פריינדין. ווען איך בין געווען אַ קליינע, האָב איך איר געראַטעוועט דאָס לעבן. וועגן דעם וועל איך דיר דערציילן אַן אַנדערש מאָל. טו נאָר אַ קוק, ווי שיין עס איז.

באַ די ווערטער האָט זי אַוועקגעלייגט דאָס ווינזעלע אויף מיינע קני.

— זייער שיין פון דיין זייט, טאַניט-זערגאַ, וואָס דו ביסט געקומען מיך באַזוכן. ווי שפּעט איז אַצינד?

— אַ פּאָר מינוט נאָך ניין. די זון איז שוין הויך. צי קען מען אַראָפּלאָזן די שטאָרן?

אין צימער האָט זיך פאַרשפּרייט אַ האַלב טונקלקייט. גאַלעס אויגן זענען געוואָרן ראָזאָווער און גרין ווי חירמס.

— דו ביסט היינט פריי? פלעגסט קיינמאָל נישט אַרויסגיין אַזוי פריי?

די קליינע האָט געמאַכט אַן אָנגעברוגזט פּנימל.

— אמת, איך בין פריי — האָט אָפּגעענטפערט דאָס מיידל אַ ביסל האַרט.

איך האָב אַ קוק געטון אויף איר אויפמערקזאַמער. דאָס ערשטע מאָל האָב איך דערזען, אַז זי איז שיין. אַ וואַלד שוואַרצע האָר האָט באַדעקט אירע אַקסלען. די געזיכטס־ציגן זענען געווען רעגלמעסיק: אַ נאָז אַ געטאָקטע, אַ מײלכל אַ קליינס מיט דינענקע ליפּעלעך, די הויט־פאַרב אַ קופּערנע, דער וווקס אַ שלאַנקער. דער שטערן און די האָר אַרומגענומען מיט אַ קופּערנער רייף. אויף די הענט און די פּיס בראָנזאָלעטקעס, און אָנגעטון אין אַ טוניק פון גרין־זיידנס, געשטיקט מיט גאָלד.

— דו געהערסט צום סאַנראַי־שטאַם? — האָב איך געפרעגט מילד.

— יאָ, — האָט זי געענטפערט מיט אַ שטאָלצער מינע.

איך האָב קענטיק באַריירט אַ טעמע, וועגן וועלכער טאַניטזערגאַ האָט גערן גערעדט. פון איר געזיכט איז פאַרשוווּנדן דער פריִערדיקער אויסדרוק פון קאַלטקייט און פאַרדרוס.

— איך שטאַם פון סאַנראַי־שבט — האָט זי איבערגעחזרט. איך בין געבוירן אין גאאָ, די אַלטע סאַנראַישע הויפּט־שטאָט. מיינע אורעלטערן האָבן רעגירט איבער דער גרויסער מאַדינגישער מלוכה, איך בין נישט קיין געבוירענע שקלאַפין נאָר אַ פּרינצעסין. זי איז אַ ווײַלע אַנטשוויגן געוואָרן.

— דו ביסט אוודאי הונגעריק, — האָט זי געזאָגט — דו וועסט גווּיס נישט עסן מיט אַלע צוזאַמען.

איך האָב נישט געענטפערט.

— עסן דאַרף מען, — האָט זי ווידער אָנגעהויבן — אויב

דו וועסט דערלויבן, וועל איך ברענגען אַהער עסן פאַר אונדז ביידע און אויך פאַר חירמען און גאַלען.

און די קליינע גרין־גאָלדענע פישוף־מאַכערין איז אַרויסגע־לאָפן, נישט וואַרטנדיק אויף מיין הסכמה.

אַזוי בין איך באַפריינדעט געוואָרן מיט טאַניט־זערגאַן. זי פלעגט קומען צו מיר יעדן מאָרגן מיט ביידע חיות. זייער זעלטן האָט זי דערמאַנט וועגן אַנטינעאַן, און דאָס נאָר כּלאַחר־יד. זי האָט קענטיק אויסגעמיטן צו רעדן וועגן זאַכן, וואָס איך בין גע־ווען אַזוי בייגעריק צו הערן.

כּדי מיך אָפּצוהאַלטן פון פרעגן, האָט זי געהאַלטן די גאַנצע צייט אין איין רעדן.

איינמאָל בין איך קראַנק געוואָרן. טאַניט־זערגאַ האָט מיך געפלעגט, ווי אַן אמתע באַרמהאַרציקע שוועסטער. ביידע ווילדע חיות, די גרויסע און די קליינע, זענען געלעגן לעבן מיין בעט, און בשעת דעם היילן האָב איך געזען, ווי זיי האָבן זיך איינגעגעסן אין מיר מיט זייערע אומעטיקע געהיימנישפולע בליקן.

בשעת מיין קרענק האָט טאַניט־זערגאַ מיר דערציילט וועגן פאַרשידענע מעשיות; די שענסטע פון זיי איז געווען איר לעבנס־געשיכטע.

— פון מיינע קינדער־יאָרן — האָט זי דערציילט — זענען מיר געבליבן אין זכרון די ניגער־כוואַליעס, באַשטראַלט פון דער אויפגייענדיקער זון. דאָס איז געווען... אָבער דו הערסט זיך נישט צו.

— איך הער, איך שווער דיר, אַז איך הער.

— צי איז דיר נישט לאַנגווייליק? אין אמתן, צי ווילסטו ווייטער הערן?

— דערצייל.

באַם ברעג פון יענעם טייך פלעג איך מיך שפילן מיט מיי־

נע חבֿויטעס, אין שאָטן פֿון אַ גן־עדן־בוים, וועלכער הייסט אַזוי, ווייל אונטער אים וווינען די צדיקים אין גן־עדן. אַזוי זאָגט אונדזער נביא מחמד. צווישן די גן־עדן־ביימער זענען פֿאַרהאַן טייל אַזעלכע גרויסע, אַז אַ רייטער מוז לויפֿן עטלעכע שעה דורכאַנאַנד, כּדי דורכצולויפֿן דעם שאָטן, וואָס זיי וואַרפֿן פֿון זיך.

באַם ברעג פֿון טייך פֿלעגן מיר פֿלעכטן גירלאַנדן פֿון פֿאַרשידענע גרינסן און בלומען און זיי וואַרפֿן אין וואַסער אַריין, כּדי צו פֿאַרטרייבן די שלעכטע רוחות. מיר האָבן זיך געקייקלט פֿאַר געלעכטער, ווען אַ טייך־פֿערד (היפּאָפּאָטאַם) פֿלעגט אַרויסשטעקן זיין אומגעלומפּערטן קאָפּ און וועלן כאַפּן אונדזערע בלומענקרענץ. מיר פֿלעגן אים וואַרפֿן אַלץ, וואָס עס איז נאָר אונטער דער האַנט געווען, ביז ער האָט ווידער איינגעטונקען זיין קאָפּ אין די שוימענדיקע כוואַליעס.

אַזוי איז געווען יעדן פֿרימאָרגן. דערנאָך האָט איבער גאַאָ זיך אויסגעשפּרייט די מוטע שטילקייט פֿון מיטאָג־אָפּרו. ווען די היץ איז געפֿאַלן, פֿלעגן מיר ווידער גיין צום טייך צוקוקן זיך, ווי צווישן כמאַרעס פֿליגעלעך און מאָסקיטן קריכן אַרויס אויפֿן ברעג די אומגעהייער־גרויסע קראָקאָדילן און פֿאַרשטעקן זיך אין די זומפּן, כּדי צו לויערן אויף זייער רויב.

מיר האָבן דאַמאָלס געגומען באָמבאַרדירן די קראָקאָדילן, אַזוי ווי די היפּאָפּאָטאַמען אינדערפֿרי, און ווען די זון האָט זיך געזעצט הינטער די שוואַרצע צווייגן פֿון „דולדול“, פֿלעגן מיר, קלאַפּנדיק מיט די פֿיס און די הענט, טאַנצן דעם ריטועלן טאַנץ אונטערן געזאַנג פֿון סאַנראַישן הימן.

באַ דעם ברעג פֿון ניגער האָב איך אַמאָל געראַטעוועט דאָס לעבן אייערס אַן אָפֿיציר, וועלכער איז געווען העכער פֿאַר דיר אין ראַנג, לויט ווי איך האָב דערקענט אָן די גאָלדענע טרעסטן פֿון זיינע אַרבל. דאָס איז געשען אין אויגוסט פֿאַר זון־אונטערגאַנג.

פון מערב-זייט האָט זיך פּלוצלינג דערהערט אַ שיסעריי און דער-נאָך איז צוגעשווומען אַ קאַנאָנען-שיף, איבער וועלכער ס'האָט גע-פלאַטערט אַ בלוי-ווייס-רויטער פאָן. מען האָט פון איר אַראָפּגע-לאָזט אַ שיפל, וועלכעס איז באַלד צוגעשווומען צום ברעג מיט דריי אָפיצירן.

דער עלטסטער פון די אָפיצירן האָט אויסגעדריקט זיין ווונטש צו רעדן מיט מיין פאָטער שייך סאַני-אַזקיאַ. ווען מיין פאָטער איז צוגעגאַנגען, האָט דער אָפיציר אים דערציילט, אַז אויף אַ מייל פון ברעג איז די קאַנאָנען-שיף אַרויף אויף פעליעס, וואָס זענען געווען אונטערן וואַסער, און געלעכערט געוואָרן. דער קאָמענדאַנט האָט אַ חשד, אַז מען האָט בכיון אַריינגעשלאָגן די פּאַליעס, כדי די שיף זאָל צעשעדיקט ווערן.

מיין פאָטער האָט געענטפערט, אַז די פּראָוויזן זענען, אַלס די באַשיצער פון די דרום-שטאַמען קעגן די טוּאַרעגן, טייערע געסט אין גאָאָ, אַז די פּאַליעס האָט מען אַריינגעשלאָגן צום פיש-פאַנג אָן אַ בייזער כּוונה און אַז ער איז גרייט צוצושטעלן די פּראָ-וויזן אַלץ, וואָס איז נייטיק צום פאַריכטן די שיף.

אין דער צייט פון געשפּרעך בין איך געשטאַנען נאָענט און געוואָרפן בליקן אויפן אָפיציר. ער איז געווען אַן עלטערער, פעסט געבויטער מאַן מיט בלויע אויגן.

— קום אַהער, קליינע, — האָט ער מיך צוגערופן.

— איך בין די טאָכטער פון שייך סאַני-אַזקיאַ — האָב איך אָפּגעענטפערט בייז, באַליידיקט פון זיין רופן מיך.

— דו ביסט אַ שיין מיידל, — האָט ער געזאָגט מיט אַ שמייכע-לע — וועסט מיר געבן די בלומען, וואָס דו טראָגסט אויפן האַלדז?

דאָס איז געווען אַ האַלדז-באַנד פון רויטע איבּיסקיטן. איך האָב אים געגעבן דעם האַלדז-באַנד. ער האָט מיר אַ קוש געטון, און מיר זענען געוואָרן שלום.

דערווייל האָט מען די קאַנאָנען־שיף אַריינגעצויגן אין אַ קליינעם טייך־אויסגוס. עס איז געווען אַ סך אַרבעט באַם פאַריכטן, אַזוי, אַז פריִער ווי אויפן דריטן טאָג וואָלט מען נישט געקענט אָפּפאָרן.

אין דער נאַכט האָב איך געהאַט אַ שרעקלעכן חלום: איך האָב געזען מיין נייעם פריינט, דעם פראַנצויזישן אָפיציר, ווי ער שלאָפט רויק, און איבער זיין קאָפּ פליט אַ גרויסע קראַ, מאַכנדיק קראַ — אַ... קראַ... מיר האָט זיך אויסגעדאַכט, ווי ער שרייט; דער שאָטן פון די גומע־ביימער אין גאַאָ.. קראַ־אַ, קראַ... וועט קומענדיקע נאַכט נישט באַשיצן דעם ווייסן אָפיציר — קראַ, קראַ...

ווי נאָר ס'איז טאָג געוואָרן, בין איך געלאָפן צו די אַרבעטער און זיי דערציילט מיין חלום. זיי האָבן זיך אויסגעלאַכט דערפון.

צום מיטאָג איז דער שיף־מעכאַניק געקומען צום פאָלקאָווניק און אים דערקלערט, אַז די אַרבעט גייט צו גוט און מען וועט נאָך קענען אָפּפאָרן אין אָוונט.

— זייער גוט, — האָט געענטפערט דער פאָלקאָווניק — אָבער מיר האָבן זיך נישט וואָס צו איילן. מיר וועלן ליבער אַרויספאָרן מאָרגן פרי.

איך בין פאַרציטערט געוואָרן, בין צוגעגאַנגען צו אים און מיט אַ געבעט־שטימע אים דערציילט מיין חלום. ער האָט אויסגעהערט מיט אַ שמייכל, און דערנאָך אַ זאָג געטון ערנסט:

— גוט, קליינע, אַז דו ווילסט, וועלן מיר אָוועקפאָרן היינט אין אָוונט.

ווען די נאַכט איז צוגעפאַלן, איז די פאַריכטע קאַנאָנען־שיף אָפּגעשווומען.

טאַניט־זערגאַ האָט געשוויגן אַ ווילע.

— אָט די נאַכט איז געווען די לעצטע פון אונדזער שטאָט.

באנאכט אין שלאף האב איך דערהערט א בילן פון הינט, דערנאך געוואלטן פון מענטשן און יאמער-געשרייען פון פרויען און קינדער. די אויפגעגאנגענע זון האט מיך שוין געטראפן א נאקעטע איניינעם מיט מיינע חברטעס, לויפנדיק אן כוחות אויפן וועג קיין צפון-זייט. טוארעגן האבן, רייטנדיק אויף קעמלען, אונדז אונטערגעטריבן. הינטער אונדז האבן נאכגעפאלגט די עטלעכע פרויען פון אונדזער שבט, דערונטער מיין מוטער, צוזאמענגעבונדן צוויי-וויין. געפאנגענע מאנסבילן איז געווען ווייניק. כמעט אלע, דערונטער אויך מיין פאטער, זענען אומגעקומען אונטער די פארברענטע היזער פון גאא, אדער אויסגעקוילערט געווארן פון די באנדעס, וועלכע זענען באפאלן גאא, כדי אפצורעכענען זיך מיט די פראנצויזן פון דער קאנאנען-שיף.

די טוארעגן האבן אונדז געטריבן ווייטער און ווייטער, ווייל זיי האבן מורא געהאט פאר נאכיאגן.

נאך א צען-טאגיקן מארש, האבן זיי אונדז פארקויפט צו א קאראוואן אראבער, וואס האט געצויגן פון מאברוק קיין ראט. אבער בא די ברונעמס פון אסין האבן די טוארעגן פון שבט קעלטאזאלעט, וואס זענען אונטערגעווארפן האגאר, אונדז אפגענומען בא די אראבער, אונדז געברענגט אהער און מיך אוועקגעגעבן אלס געשאנק אנטינעאן.

איך האב איינגעדרימלט פון שוואכקייט, און איך רעכן, אז דאס איז דער סוף פון דער לעבנס-געשיכטע פון דער לעצטער יורשטע פון די מעכטיקע הערשער פון סאנראי-שבט.

קאַפּיטל XVI

דאָס זילבערנע גלעקל

ס׳איז געווען דעם 5־טן יאַנואַר 1897. פינף אַ זייגער נאָכמיטאָג האָט דער הימל זיך פאַרוואָלקנט, די לופט איז געווען אַזוי דושנע, אַז מען האָט קוים דעם אָטעם געקענט כאַפּן. דאָס איז געווען אַן אָנזאָג פון אַ נאָנטן שטורמווינט.

חירם און גאַלע זענען געלעגן אויסגעצויגן אויף דער קאַנאַפּע. איך און טאַניט־זערגאַ האָבן אַרויסגעקוקט דורכן פענסטער און באַטראַכט די ערשטע בליצן. קיין דונערן האָט מען נישט געהערט. דער שטורמווינט איז קענטיק פאַרבייגעגאַנגען ערגעץ אין אַ זייט.

— איך וועל גיין שלאָפן, — האָט געזאָגט טאַניט־זערגאַ.

איך האָב שוין דערמאַנט, אַז איר צימער איז געווען איבער מיינעם. דאָס ווייזעלע האָט זי גענומען אויף דער האַנט, אָבער חירם האָט נישט געוואָלט זיך רירן פון אָרט. ער האָט זיך איינגעגעסן מיט אַלע פיר לאַפּעס אין דער קאַנאַפּע און מוראדיק געהיילט.

— לאָז אים צורו, — האָב איך געזאָגט — זאָל ער אַמאָל דאָ שלאָפן.

אַזוי אַרום ליגט אויפן לעמפּערט אַ טייל פאַראַנטוואָרטלעכ-

קייט פאַר די געשעענישן, וואָס האָבן זיך באַלד אָפּגעשפּיגלט.

געבליבן אַליין, האָב איך מיך פאַרטיפט אין געדאַנק. אַרום מיר האָט געהערשט אַ שרעקלעכע פינסטערקייט און שטילקייט.

פון די געדאַנקען האָט מיך אויפגעוועקט דאָס ברומען פון לעמפּערט.

חירם איז געשטאַנען אָנגעשפּאַרט מיט די לאַפּעס אָן דער טיר און זי געשטופּט מיט אַלע כּוחות. ער, וועלכער האָט אַ ווײַלע צוריק נישט געוואָלט גיין מיט טאַניט־זערגאַן, האָט אַצינד דווקא זיך געוואָלט אַרויסקריגן פונדאַנען.

— שטיל! — האָב איך אַ זאָג געטון — ליגן!

איך האָב געפּרוּווט אים אָפּרײַסן פון דער טיר.

אָבער אומזיסט.

איך האָב דערבײַ באַקומען אַזאַ קלאַפּ מיט דער לאַפּע, אַז איך בין שיִער אומגעפאַלן.

איך האָב מיך אַנידערגעזעצט אויף דער קאַנאַפּע.

איך בין אָבער לאַנג נישט געזעסן.

— אַ ביסל אויפריכטיקער מיט זיך אַליין — האָב איך מיר געזאָגט — זינט איך האָב דערזען אַנטינעאַן און זינט מאָראַנזש האָט מיך פאַרלאָזט, פאַרפאָלגט מיך איין־איינציקער געדאַנק... צוואָס זיך פאַרשלאָגן דעם קאָפּ מיט טאַניט־זערגאַס מעשיות. צי קען אָט דער לעמפּערט נישט זײַן מײַן פירער?... איך פיל, אַז הײַנטיקע נאַכט דאַרפן געשען משונה־ווילדע און געהיימנישפולע זאַכן. ווי אַזוי האָב איך געקענט אַזוי לאַנג זיצן פאַרלייגט די הענט?

איך האָב תּיכּף אָנגענומען אַ באַשלוס:

— אויב איך וועל עפענען די טיר — האָב איך געטראַכט, — וועט חירם זיך אַ לאָז טון מיט אימפּעט איבער די קאָרידאָרן, אַז איך וועל נישט באַווײַזן אים נאָכצולויפן. מען מוז עס אַנדערש מאַכן.

איך האָב אַראָפּגעריסן די שנור פון די שטאָרן, געדרייט דערפון אַ שטאַרקן שטריק און אים צוגעבונדן צו דער מעטאַלענער רייף אויף דעם לעמפּערטס האַלדז. איך האָב אויפגעמאַכט די טיר.

— איצט קענסטו גיין, אָבער פּאַמעלעך, פּאַמעלעך!

איך האָב געמוזט אָנשטרענגען אַלע כּוחות, כּדי איינצוהאַלטן דעם געוואַלטיקן אימפּעט פון לעמפּערט, וועלכער האָט מיך געשלעפּט נאָך זיך איבער די קאָרידאָרן.

עס איז שוין געווען ניין אַ זייגער. די ראָזאָווע נאַכט־לעמפּלעך אין די נישן האָבן געברענט מיט גאָר קליינע פייערלעך.

וואָס פאַר אַ לאַבירינט!

אַליין וועל איך נישט טרעפן צוריק אין מיין צימער? ס'איז מיר נישט געבליבן קיין אַנדערער אויסוועג, ווי נאָכצויאָגן פוס־טריט דעם לעמפּערט, וועלכער האָט אַ ביסל געמעסיקט זיינע טריט און איז געגאַנגען כּסדר אונטערברומענדיק פריילעך.

אַלע קאָרידאָרן זענען געווען ענלעך איינער צום צווייטן. ווער ווייסט, וווהין דער לעמפּערט וועט מיך פאַרפירן! אָבער די בראַווע חיה, וואָס האָט לאַנג געבענקט נאָך איר באַלעבאָסטע, האָט מיך געפירט אַליין, ווו איך האָב געגאַרט צו זיין.

פלוצלינג האָט עפּעס אַן אָפּשיין פון גרין און רויט ליכט אין עפּעס אַ ראָג צעשפּרייט די פינסטערניש.

דער לעמפּערט האָט זיך אָפּגעשטעלט מיט אַ דומפּיקן ברומען פאַר אַ טיר, פון וועלכער עס האָט אַרויסגעשיינט אַ ליכט.

איך האָב דערקענט די טיר, דורך וועלכער דער וויסער טאַנצער האָט מיך אַריינגעפירט צומאָרגנס נאָך מיין אָנקומען. הינטער אָט דער טיר, אין קעגנוואַרט פון אַנטינעאַן, האָט דער לעמפּערט מיך אומגעוואָרפן.

און אַצינד זענען מיר די בעסטע חברים, — האָב איך גע־

טראַכט און אים געגלעט, אַז ער זאָל נישט טון קיין צו היזכן ברום.

אין דער זעלבער צייט האָב איך געפּרוווט עפענען די טיר. איך האָב אַ דריי געטון די קליאַמקע, האַלטנדיק חירמען נאָענט באַם האַלדז, כּדי צו קענען אים בעסער איינהאַלטן.

דער גרויסער זאַל, ווו איך האָב געזען אַנטינעאַן צום ערשטן מאָל, איז געווען אינגאַנצן פינסטער. אָבער דער גאָרטן, וווהין דער זאַל איז אַרויסגעגאַנגען, איז געווען איינגעטונקען אין מאַטן לבנה־ליכט, וואָס האָט זיך דורכגעשלאָגן דורכן טונקעלן כמאַרעס־שלייער. ס'איז נישט געווען קיין לופטעלע. די אָזיערע האָט געגלאַנצט אומבאַוועגלעך ווי אַ בלייערנע מאַסע.

איך האָב מיך אַנידערגעזעצט אויף אַ קישן און צוגעהאַלטן מיט די קני׳ען דעם אומגעדולדיקן לעמפּערט. איך האָב געטראַכט, נישט וועגן ציל פון מיין גאַנג, וועלכער איז געווען לאַנג פעסטגעשטעלט, נאָר וועגן די מיטלען.

פלוצלינג האָט זיך מיר געדאַכט, אַז איך הער עפּעס אַ גערויש, אַ פאַרשטיקטן קלאַנג פון שטימען.

חירם האָט געברומט אַלץ העכער און זיך געריסן פאָרויס. איך האָב אַ ביסל נאָכגעגעבן דעם שטריק. ער האָט אָנגעהויבן זיך שאַרן לענגאויס דער טונקעלער וואַנט, פונוואַנען עס האָט זיך גע־לאָזט הערן דאָס גערויש. איך האָב אים נאָכגעפאָלגט, טרעטנדיק ווי ווייט מעגלעך שטילער אויף די צעוואָרפענע קישנס.

מיינע אויגן, וואָס זענען צוגעוווינט געוואָרן צו דער פינ־סטערניש, האָבן אַצינד אונטערגעשיידט אַ הויפן טעפּיכער, אויף וועלכע איך האָב דעמאָלס געזען אַנטינעאַן.

פלוצלינג האָב איך אַ ציטער געטון, דער לעמפּערט האָט זיך אָפּגעשטעלט. איך האָב געפילט, אַז איך האָב אים אָנגעטרעטן אויפן עק. די קלוגע חיה האָט נישט אַרויסגעלאָזט קיין פּאַרע.

טאַפּנדיק די וואַנט, האָב איך געפונען נאָך אַ טיר, איך האָב

זי געעפנט פּאַמעלעך, דער לעמפּערט האָט שטיל אַ קוויטש געטון.

— חירם, שטיל, — האָב איך געזאָגט שטיל, און ארומגענומען זיין מעכטיקן נאַקן.

איך האָב געפילט אויף דער האַנט דעם פייכטן און וואַרעמען אָגריר פון זיין צונג, דאָס האַרץ האָט ביי אים געקלאַפּט. אַ געפיל פון גליק האָט אים דורכגענומען.

איך האָב פאַר מיר דערזען אַ באַלויכטענעם זאַל. אינמיטן זענען געזעסן אויף אַ מאַטע זעקס מאַן. זיי האָבן געשפּילט אין ביינדלעך און געטרונקען קאַווע פון קליינעקע קופּערנע טעפּעלעך.

דאָס זענען געווען די ווייס-געקליידטע טואַרעגן.

שטילערהייט האָב איך אָפּגעבונדן דעם שטריק פון רייף פון דער חיה, וואָס האָט זיך אַלץ געריסן פאָרויס.

— גיי! — האָב איך אַ זאָג געטון.

דער לעמפּערט האָט אַ שפּרונג געטון מיט אַ מוראדיקן קוויטש.

וואָס איך האָב פאָרויסגעזען, איז געשען.

חירמס ערשטער שפּרונג האָט אים אַריינגעוואָרפן אין רעכטן מיטן פון די טואַרעגן. צווישן דער לייב-וואַך איז געוואָרן אַ געוואַלטיקער טומל. דער צווייטער שפּרונג האָט אים איינגעטונקען אין דער פינצטערניש. איך האָב מיר קוים דערקלערט די עפענונג פון אַ נייעם קאָרידאָר, וואָס איז געווען אויף יענער זייט זאַל.

— „דאָס מוז זיין דאָרטן" — האָב איך מיר געקלערט.

אין זאַל איז געוואָרן אַ געוואַלטיקע באַר שווייגנדיקע צערודערונג. דאָס געלט אין די טעפּלעך האָט זיך געקאָלערט אין אַלע זייטן. די צוויי אומגעוואָרפענע טואַרעגן האָבן זיך געריבן די זייטן פון ווייטיק.

ס׳איז איבעריק צוצוגעבן, אַז איך האָב אויסגענוצט דעם טומל, כּדי זיך דורכצוגליטשן דורכן צימער. איך האָב מיך שוין געפונען אין קאָרידאָר, אין וועלכן הירש איז פאַרשווּנדן געוואָרן.

אינם זעלבן מאָמענט האָט זיך דערהערט אַ זילבערנער קלאַנג פון אַ גלעקל. פון אויפצאַפּלען פון די טוּאַרעגן האָב איך פאַרשטאַנען, אַז איך האָב גענומען אַ גוטע ריכטונג.

איינער פון די טוּאַרעגן איז אויפגעשטאַנען, און פאַרבייגעגאַנגען לעבן מיר. איך האָב אים נאָכגעפאָלגט פונקט רויק. מיין יעדע באַוועגונג איז געווען באַרעכנט.

— איך ריזיקיר גאָרנישט, — האָב איך מיר געטראַכט — אין ערגסטן פאַל וועט מען מיך צוריקפירן אין מיין צימער.

דער טוּאַרעג האָט אויפגעהויבן די פּאָרטיערע, איך האָב מיך אריינגעגליטשט נאָך אים אין אַנטינעאַס צימער.

דאָסדאָזיקע געוועלטיקע צימער איז געווען ערטערווייז באַלויכטן און ערטערווייז פינסטער. דאָס אָרט, וווּ אַנטינעאַ איז געזעסן, איז געווען באַגאָסן מיט אַ ים ליכט, בשעת דער איבעריקער זאַל איז געווען איינגעטונקען אין פינסטערניש.

איך האָב מיך געשטעלט אין אַ נישע באַם אַריינגאַנג און מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ באַאָבאַכטעט אַלץ, וואָס טוט זיך אַרום מיר

איך בין געווען אין אַנטינעאַס צימער. אַ חוץ אַ מענגע טייערע טעפּיכן, איז דאָ קיין זאַך נישט געווען. דער סופיט איז געווען אין שאָטן, אָבער אויף די טעפּיכן און רויכווארג האָט זיך געגאָסן אַן אָנגענעם ליכט פון די אַראָפּהענגענדיקע קאָלירטע לאַמטערן.

אַנטינעאַ איז געלעגן אויסגעצויגן אויף דער לייבן-פעל און געררייכערט. הירש, צוגעטוליעט צו איר, האָט געלעקט אירע טריט.

דער ווייסער טוּאַרעג איז געשטאַנען אויסגעצויגן ווי אַ סטרו-

נע, האַלטנדיק איין האַנט אויף דער ברוסט און די אַנדערע אויפן שטערן.

— פאַרוואָס האָט איר אַריינגעלאָזט דעם לעמפערט? — האָט אַנטינעאַ געפרעגט מיט אַ האַרטער שטים, נישט קוקנדיק אויף אים — איך האָב געזאָגט, אַז איך וויל בלייבן אַליין.

— ער האָט אונדז אָפגעשטויסן, מאַדאַם, — האָט געענטפערט אונטערטעניק דער דינער.

— איז די טיר נישט געווען פאַרמאַכט?

דער טואַרעג האָט נישט געענטפערט.

— זאָל איך צונעמען דעם לעמפערט? — האָט ער געפרעגט און אין זיין בליק איז געווען צו דערקענען, אַז ער האָט נישט קיין חשק אַצינד צו האָבן צו טון מיטן לעמפערט.

— לאָז אים, אַז ער איז שוין דאָ, — האָט אַנטינעאַ געענטפערט.

— וואָס טוט דער קאַפּיטאַן? — האָט זי ווייטער געפרעגט.

— ער האָט נאָר וואָס אָפגעגעסן מיטאָג.

— האָט ער גאָרנישט געזאָגט?

— ער וויל זען זיין חבר, דעם צווייטן אָפיציר.

— און מער האָט ער גאָרנישט געזאַגט?

— גאָרנישט, מאַדאַם.

אַ פלוצלינגע בלייכקייט האָט באַדעקט אַנטינעאַס פנים.

— גיי ברענג אים אַהער, — האָט זי שאַרף געזאָגט.

דער טואַרעג איז אַרויס, פאַרנייגנדיק זיך.

אָט דער שמועס האָט מיך טיף גערירט. אַזוי, מאָראַנזש... אין אמתן... האָב איך אומזיסט געצווייפלט אין אים... ער האָט מיך געוואָלט זען, נאָר נישט געקענט!

איך האָב נישט אַראָפּגענומען קיין אויג פון אַנטינעאַן.

דאָס איז שוין נישט געווען די שטאָלצע און שפּעטנדיקע

פּירשטין, ווי מיר האָבן זי געזען בײַ אונדזער ערשטער באַגעגעניש. זי האָט נישט געהאַט די גאָלדענע רייף אויפן שטערן, נישט געטראָגן די בראַנזאָלעטקעס און רינגען. איר איינציקער פוץ איז געווען די ברייטע געפאַלדעוועטע טוניק. די פּראַכטפולע שוואַרצע האָר, באַפרייט פון יעדער באַנד, זענען צעפאַלן פּאַסמעסווייז איבער אירע נאַקעטע פּלייצעס און אָרעמס. אַרום די גרויסע אויגן זענען געווען בלוילעכע רעמלעך, ווי פון נישט שלאָפן. אַן אויסדרוק פון טרויער און אויסגעמאַטערטקייט האָט צעקרומט איר שיין מויל. איך האָב אַליין נישט געוווּסט, צי איך האָב צער, צי פאַרגעניגן דערפון, וואָס איך זע זי אין אַזאַ מעמד.

איינגעקייקלט לעבן אירע פּיס, האָט חירם הכנעהדיק זיך איינגעקוקט אין איר פּנים.

אויף דער רעכטער וואַנט פון זאַל האָט געגלאַנצט אַ גרויסער שפּיגל פון אָרישאַלק, אין אַ געגילדטער רעם.

אַנטינעאַ איז אויפגעשטאַנען און צוגעגאַנגען צו אים. איך האָב זי געזען אַ נאַקעטע.

וואָס פאַר אַ הערלעך און אינטערעסאַנט בילד! צו זען אַ פרוי פאַרן שפּיגל, ווי זי גרייט זיך מקבל־פּנים זיין איר געליבטן, רעכענענדיק, אַז זי איז אַליין!

פון די ווייַרויך־שיסלען האָט אויפגעשטיגן אַ שמעקעדיקער רויך, וועלכער האָט מיר פאַרדרייט דעם קאָפּ. די ווי אַ ליליע שלאַנקע אַנטינעאַ איז געווען אומגעקערט צו מיר מיטן רוקן און האָט געשמייכלט צום שפּיגל.

פון קאָרידאָר האָט זיך דערטראָגן אַ גערויש פון טריט. אַנטינעאַ האָט אָנגענומען אַ גלייכגילטיקע פּאָזע, און וועלכער איך האָב זי געזען צום ערשטן מאָל. מען דאַרף עס אַליין זען מיט די אויגן, כדי צו קענען גלייבן אין דער מעגלעכקייט פון אַזאַ איבערטויש.

מאַראַנזש איז אַרייַנגעקומען אין זאַל, באַגלייט פון אַ טו־אַרעג.

ער איז אויך געווען בלייך. אָבער באַזונדערס אויפפאַלנד איז מיר געווען דער אויסדרוק פון פולקאָמענער רויִקייט, וואָס איז גע־לעגן אויף זיין פנים, וועלכעס איך האָב דאַכט זיך גוט געקענט. איך האָב דערפילט, אַז איך וועל קיינמאָל נישט פאַרשטיין דעם דאָזיקן מענטש.

ער איז געשטאַנען פאַר אַנטינעאַן, אַן אויסגעצויגענער, ווי נישט באַמערקט איר באַוועגונג, מיט וועלכער זי האָט אים גע־בעטן זיצן.

זי האָט אים אָנגעקוקט מיט אַ שמייכל.

— דו וווּנדערסט דיך אוודאי, וואָס איך האָב דיך געלאָזט קומען אין אַזאַ שפּעטער שעה.

מאַראַנזש האָט נישט געענטפערט אַ וואָרט.

— וואָס, דו האָסט דיך באַקלערט?

מאַראַנזש האָט אַן ערנסטן שמייכל געטון און האָט ווייטער געשוויגן.

איך האָב באַמערקט, ווי אַנטינעאַ האָט זיך אָנגעשטרענגט ווייטער צו שמייכלען. איך האָב באַוווּנדערט די זעלבסט-באַהערשונג פון אָט די ביידע מענטשן.

— איך האָב דיך גערופן, — ווייסטו צו וואָס? צו דערקלערן דיר, אַז איך האָב נאָך קיינמאָל נישט געטראָפן אַזאַ מענטש ווי דו. די גאַנצע צייט פון דיין זיצן האָסטו אויסגעדריקט בלויז איין ווּנטש. דו געדענקסט אַ וואָסערן?

— איך האָב אייך געבעטן, — האָט אָפּגעענטפערט מאַראַנזש איינפאַך — אַז פאַרן טויט זאָלט איר מיר דערלויבן צו זען מיין פריינט.

איך קען נישט זאָגן, וועלכעס פון ביידע געפילן מיך האָט מער

באַהערשט באַ די ווערטער, צי דאָס פרייד־געפיל, וואָס מאַראַנוש אירצט אַנטיגעאַן, צי דאָס דאַנקבאַרקייטס־געפיל פאַר זיין לעצטן איינציקן ווונטש.

— איך האָב דיך טאַקע גערופן צו מעלדן דיר, אַז דו וועסט זען דיין פריינט. איך וועל דיר נאָכמער צוליב טון, און דו מעגסט מיך אַפילו פאַראַכטן דערפאַר, וואָס דיין בלויזע עקשנות איז גע־נוג געווען צו צעברעכן מיין אומבייגזאַמען ווילן: נישט קוקנדיק אויף קיין זאַך, האָב איך באַשלאָסן צו געבן אייך ביידע פרייהייט. סענעיר בן־שעיק וועט אייך מאָרגן אַרויסבאַגלייטן פון די גרענעצן פון מיין מלוכה. ביסטו צופרידן?

— צופרידן, — האָט מאַראַנוש געזאָגט מיט אַ חוזק־שמייכל.

אַנטינעאַ האָט נישט אַראָפּגעלאָזט פון אים די אויגן.

דאָס וועט מיר געבן די מעגלעכקייט — האָט ווייטער גע־זאָגט מאַראַנוש — צו אָרגאַניזירן אַ ביסל בעסער די קומענדיקע עקספעדיציע, וואָס איך וועל מאַכן אין דער געגנט. דו פאַרשטייסט דאָך אַליין, אַז איך וועל מוזן קומען אַהער נאָכאַמאָל, כדי אויס־צודריקן דיר מיין דאַנק. כדי אָבער צו קענען אָפּגעבן דעם געהע־ריקן כבוד אַזאַ מעכטיקער הערשערין ווי דו, וועל איך בעטן מיין רעגירונג, מיטצוגעבן מיר עטלעכע הונדערט אייראָפּעישע זעלנער און אויך עטלעכע האַרמאַטן.

אַנטינעאַ האָט זיך אויפגעהויבן אַ בלאַסע ווי קאַלך.

— אַזוי?

— מען האָט עס געדאַרפט פאַרויסזען, — האָט געענטפערט קאַלט מאַראַנוש — נאָך סטראַשונקעס קומען צוזאָגן.

אַנטינעאַ איז צוגעגאַנגען צו אים. ער האָט געהאַלטן פאַר־לייגט די הענט און געקוקט אויף איר מיט אַ רחמנות־געפיל.

— דו וועסט שטאַרבן ביי מיר אין די שרעקלעכסטע עינוים! — האָט זי צום לעצט געזאָגט.

— איך בין אין אייער מאַכט.

אַנטינעאַ האָט זיך אַרומגעדרייט אין צימער ווי אַ חיה אין אַ שטייג. צום לעצט איז זי צוגעגאַנגען צו אים, און נישט קענענדיק מער זיך באַהערשן, האָט זי אים אַ פּאַטש געגעבן אין באַק.

ער האָט אַ שמייכל געטון, און אָנכאַפּנדיק זי ביי ביידע הענט, האָט ער זי געהאַלטן פעסט אין זיינע.

חירם האָט אַ בריל געטון. איך האָב געמיינט, אַז ער וועט זיך וואַרפן אויף אים, אָבער מאָראַנזשס קאַלטער בליק האָט אים ווי צוגעשמידט צום אָרט.

— איך וועל הייסן אין דיין קעגנוואַרט פאַרפייניקן דיין חבר צום טויט! — האָט געשטאַמלט אַנטינעאַ.

מיר האָט זיך געדאַכט, אַז מאָראַנזש איז נאָך בלאַסער געוואָרן. אָבער דאָס האָט געדויערט בלויז איין מאָמענט.

— מיין חבר איז בראַוו און ער האָט נישט מורא פאַרן טויט, — האָט ער אָפּגעענטפערט מיט שטאָלץ — איך בין זיכער, אַז איידער אַ לעבן געקויפט פאַרן פּרייז, וואָס דו לייגסט מיר פאָר, וועט ער ליבער וועלן שטאַרבן.

בײַ די ווערטער האָט ער אַרויסגעלאָזט אַנטינעאַס הענט. די פירשטין איז געווען מוראדיק בלאַס. איך האָב געפילט, אַז פון איר מויל פאַלן שרעקלעכע ווערטער.

— הער, — האָט זי געזאָגט.

ווי שיין זי איז געווען דאַמאָלס אין איר פאַרשוועכטער מאַיעסטעט, אין איר צום ערשטן מאָל אוממעכטיקער שיינקייט!

— הער, צום לעצטן מאָל! געדענק, אַז איך בין דאָ די הערשערין, אַז דיין לעבן איז אין מיין האַנט. געדענק, אַז דו לעבסט נאָר אַזוי לאַנג, ווי איך ליב דיך, געדענק...

— איך געדענק אַלצדינג, — האָט געזאָגט מאָראַנזש.

— צום לעצטן מאָל, — האָט איבערגעחזרט אַנטינעאַ.

די ווונדערלעכע רויִקייט פון מאַראַנושס פּנים האָט מיך אַזוי איבערראַשט, אַז מיין גאַנצע אויפמערקזאַמקייט האָט זיך קאָנצענטרירט אויף אים. אין זיין אומגעביטן פּנים איז געווען עפּעס איבערמענטשלעכעס.

— צום לעצטן מאָל, — האָט איבערגעחזרט אַנטינעאַ מיט אַ צעבראָכענער שטימע.

מאַראַנוש האָט אַפילו נישט אַ קוק געגעבן אויף איר.

— נו, זאָל געשען דיין ווילן! — האָט זי אַ זאָג געטון.

ס'האָט זיך דערהערט אַ קלונג פון זילבערנעם גלעקל. דער ווייסער טואַרעג האָט זיך באַוויזן.

— אַרויס!

מאַראַנוש איז אַרויסגעגאַנגען מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ.

— — — — — — — — — — — —

אַנטינעאַ איז אין מיינע אָרעמס. איך דריק צו מיין האַרץ נישט די הויכמוטיקע פירשטין, די פאַראַכטנדיקע ליידנשאַפטלעכע געליבטע, נאָר עפּעס אַן אומגליקלעכן און פאַרשטויסן באַשעפעניש. זי האָט זיך אַפילו נישט געוווּנדערט אויף מיין קומען. איר קאָפּ רוט אויף מיין פּלייצע. זי באַהאַלט און שטעקט אַרויס איר קליינעם שפּאַרבער-פּראָפיל פון די שוואַרצע האָר ווי די לבנה, וואָס באַווייזט זיך פון די שוואַרצע כמאַרעס. אירע צאַרטע אָרעמס קלאַמערן מיך אַרום מיט קראַמפּט.

„אָ, דו לעכצנדיין מענטשלעך האַרץ...”

ווער איז אומשטאַנד ביַיצושטיין קעגן אַזעלכע אומאַרמונגען?

איך פיל, אַז איך בין אַ פאַרפאַלענער מענטש. צי איז עס מיין שטימע, וואָס שטאַמלט אַרויס די ווערטער:

— איך וועל טון אַלץ, וואָס דו פאַרלאַנגסט, אַלץ וואָס דו ווילסט.

מיינע נערוון זענען געשפּאַנט. מיינע געדאַנקען זענען צע-

טימלט. מיין פאַרוואָרפענער קאָפּ ליגט אויף ווייכע און ציטערנדי־קע קניען. די ריחות פון די ווייררויך־שיסלען טראָגן זיך פון אַלע זייטן. די אַראָפּהענגענדיקע, קאָלירטע לאַמטערן פלאַקערן דאַכט זיך ווי קאָלאָסאַלע שטורקאַצן. צי מיין שטימע חזרט עס איבער ווי אין חלום:

— איך וועל טון אַלץ, וואָס דו באַגערסט.

איך זע אַנטינעאַס פנים לעבן מיין פנים. אין אירע אויגן־אַפּלען האָט אַ בליץ געטון עפּעס אַ ווילד פייערל.

אַ ביסל ווייטער פינקלען די אויגן פון לעמפּערט. לעבן אים שטייט אַ קליין טישל און אויף אים אַ גלעקל מיט אַ שווערן זיל־בערנעם האַמער... דער האַמער, מיט וועלכן דער קליינער פּאָרוטש־ניק קעין האָט דעם דינער דערמאָרדעט.

מער זע איך גאָרנישט...

קאַפּיטל XVII

די מיידן פון די פעלזן

איך האָב מיך אויפגעכאַפּט אין מיין צימער. די זון איז געשטאַנען הויך און באַגאָסן דאָס צימער מיט ליכט און היץ.

די ערשטע זאַך, אויף וועלכער מיין בליק איז געפאַלן, איז געווען דער אָפּגעריסענער שטאָר. ער האָט אויפגעוועקט אין מיר די דערינערונגען פון די לעצטע געשעענישן.

דער קאָפּ האָט מיר וויי געטון, די געדאַנקען האָבן זיך געפּלאָנטערט, דער זכרון איז געווען ווי פאַרטונקלט. אַז איך בין אַרויס מיטן לעמפּערט — דאָס איז זיכער. דער רויטער צייכן אויף מיין פינגער באַווייזט, מיט וואָס פאַר אַן אימפּעט ער האָט געריסן דעם שטריק. מיינע קני זענען נאָך פאַרשטויבט. אָ, יאָ! איך האָב מיך דורכגעגנבעט לענגאויס דער וואַנט פון זאַל, ווו די טוּאַרעגן האָבן זיך געשפּילט איןביינדלעך און ווו חירם האָט זיי איבערגעשראָקן. און דערנאָך? אָ, יאָ! מאָראַנזש און אַנטינעאַ.

און דערנאָך?

דערנאָך... געדענק איך נישט... ס'האָט אָבער געמוזט זיין עפּעס אַזוינס, וואָס איך קען זיך נישט דערמאָנען.

ס'איז מיר געווען שלעכט. כ'האָב מיך געוואָלט דערמאַנען און מורא געהאַט צו דערמאַנען זיך.

פונדאַנען איז ווייט צו אַנטינעאַס צימערן. איך האָב געמוזט שלאָפן, בשעת מען האָט מיך איבערגעטראָגן. נישט אַנדערש, מען האָט מיך איבערגעטראָגן שלאָפנדיקערהייט, אַנדערש וואָלט איך געדענקט.

ווייטער האָב איך נישט געקלערט. דער קאָפּ איז מיר געווען צו שווער.

— מען דאַרף אַרויסגיין אויף דער לופט — האָב איך אַ ברום געטון — מען קען דאָ משוגע ווערן פון היץ.

איך האָב געפילט אַ באַדערפעניש צו זען מענטשן, אַלציינס וועלכע. מעכאַניש האָב איך מיך געלאָזט אין ביבליאָטעק-צימער.

איך האָב דאָ געטראָפן ה׳ לע מעסושן, וועלכער איז געווען מלא שמחה, וואָס ס׳איז אָנגעקומען די פּאָסט מיט די לעצטע צייטונגען און זשורנאַלן פון דער גאַנצער וועלט. עס האָט זיי געברענגט אַ סוחר פון טריפּאָליס, וועלכער באַזאָרגט פאַר זיי אַלעמאָל די פּאָסט.

פון פענסטער האָט געבלאָזן אַ ווינטל און מיר אַ גלעט געטון דעם קאָפּ. איך האָב מיך אָנגעשפּאַרט אָן פאַראַפּעט און אָנגעהויבן צו בלעטערן איינעם פון די נומערן פון „רעווי דע דע מאָנד.״

מיטאַמאָל האָט מיין אויג זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ זייטל. ס׳האָט מיך איבעראַשט די ווונדערלעכע ענלעכקייט צווישן אינהאַלט פון בוך און דעם לאַנדשאַפט, וואָס איך האָב געהאַט פאַר די אויגן*):

„אויפן הימל זענען געשווומען לייכטע, דינע וואָלקנדלעך, ענלעך צו ווייסן אַש פון פאַרברענטע צווייגן. די זון האָט אַרומגע-

*) גאַבריעל ד׳אַנונציאָ — די מיידן פון די פעלזן. „רעווי דע דע מאָנד״ פון 15-טן אָקטאָבער 1896 זייט 867 און ווייטער.

כאַפּט מיט איר גלאַנץ די שפּיצן פון די פעלזן, צייכנענדיק שאַרף אויפן בלויען הימל זייערע ערנסטע קאַנטן. פון ערגעץ הויך איז אַראָפּגעשווומען אויפן איינזאַמען זאַל אַ טיפער טרויער און שטיל־קייט, אַזוי ווי אַ צויבער־געטראַנק, וואָס פאַלט אַריין אין טיפן בעכער."

איך האָב איבערהאַפּט דורכגעוואָרפן עטלעכע בלעטלעך. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז אין קאָפּ ווערט מיר קלאָרער.

ה' לעמעסוש האָט פאַרטיפנדיק זיך אין די צייטונגען, זיך הויך געבייזערט אויף עפּעס, וואָס איז אים ניט געפעלן.

איך האָב ווייטער געלייענט:

„צו אונדזערע פיס האָט זיך אויסגעשפּרייט אַ צויבערלעך בילד: איינגעפאַלענע טורעמס, חרובע פאָרטן, צעבראָכענע זיילן, שטיקער שיפן, סקעלעטן פון טיטאַנען. דאָס אַלץ איז געווען אַ סימ־באָל פון קאָלאָסאַלע און טראַגישע זאַכן"...

— אַ חרפּה! אַ חרפּה! — האָט ווייטער זיך צעבייזערט לע מעסוש, קלאַפּנדיק אין טיש.

„די לופט איז געווען אַזוי דורכזיכטיק, אַז איך האָב געקענט באַמערקן יעדן קאָנטור, פּונקט ווי איך וואָלט געהאַט פאַר מיינע אויגן די פעלזן, וואָס וויאָלאַנטאַ האָט מיר געוויזן דורכן פענסטער מיט אַ שעפערישן זשעסט."

אַ פאַרציטערטער האָב איך פאַרמאַכט דאָס העפט. פאַר מיי־נע פיס, איינגעהילט באַגאָסן מיט פורפור־ליכט, האָט זיך געהויבן אַי־בערן באַגילדטן גאָרטן דער ווייסער פעלז, וואָס אַנטינעאַ האָט מיר געוויזן בײַ אונדזער ערשטער באַגעגעניש.

— דאָס איז מיין גאַנצער האָריזאָנט, — האָט זי מיר דאַ־מאָלס געזאָגט.

איך האָב געלייענט ווייטער: „מיין שטערן איז געווען באַגאָסן מיט שווייס, אָבער אין קאָפּ איז מיר געוואָרן העלער, ווי אין אַ צימער, אין וועלכן מען עפנט אויף די פענסטער. איך האָב געפילט,

אַז די דעריִנערונגען קומען צוריק ווי די טייבעלעך, וואָס קערן זיך אום, קלאַפּנדיק מיט די פליגל אין זייער טויבנשלאַק.

„זי האָט אינגאַנצן זיך אָנגעהויבן טרייסלען, זי האָט ברייט געעפנט די אויגן, פונקט ווי זי וואָלט געהאַט פאַר זיך עפּעס אַ שוידערלעך בילד.

— „אַנטאָנעלאָ... — האָט זי אַרויסגעשטאַמלט.

„און אין משך פון אַ פּאָר מינוט האָט זי נישט געקענט אַרויסרעדן קיין וואָרט.

„איך האָב זי אָנגעקוקט מיט אַן אומבאַשרייבלעכן רחמנות. איך האָב טיף געליטן, אָנקוקנדיק אירע צונויפגעדריקטע ליפּן. די זעונג, וואָס זי האָט געהאַט אין אירע אויגן, איז איבערגעגאַנגען אין מיינע, און איך האָב דערזען דאָס בלייכע און אָפּגעדעקטע פּנים פון אַנטאָנעלאָ, דאָס ציטערן פון זיינע ברעמען, און דער ים־טרויער, וואָס האָט אָנגעפולט זיין גוף, האָט אים געטרייסלט, ווי אַ דין שטעקעלע.”

אויפהערנדיק לייענען, האָב איך אַוועקגעוואָרפן דעם זשורנאַל אויפן טיש.

— פונקט דאָס זעלבע, — האָב איך אַ זאָג געטון.

כדי דורכצושניידן די בלעטער, האָב איך באַנוצט דאָס מעסער, מיט וועלכן לע מעסזש האָט איבערגעשניטן די שטריק פון די ביכער־פּעק. דאָס איז געווען אַ קורצער שטילעט, מיט אַ העבאַן־הענטל, וואָס די טואַרעגן טראָגן אויפגעהאָנגען באַם פּאַס.

איך האָב אים אַריינגעלייגט אין דער ברייטער קעשענע פון מיין פלאַנעל־מאַנטל און בין געגאַנגען צו דער טיר.

פלוצלינג האָב איך דערהערט אַ רופן פון ה׳ לע מעסזש.

— ה׳ סענט־אַווי! ה׳ סענט־אַווי!

איך האָב מיך אומגעדרייט.

— אַ קליין ידיעהלע, אויב איר וועט דערלויבן.

— וואָס איז?

— אַ קלייניקייט. איר ווייסט דאָך, אַז צו מיר געהערט אויס־צופירן די אויפשריפטן אין זאַל פון רויטן מאַרמאָר.

איך בין צוגעגאַנגען צום טיש.

— איך האָב פריער פאַרגעסן צו פרעגן בײַ מאָראַנזשן וועגן דער דאַטע און אָרט פון זיין געבורט, און שפעטער האָב איך נישט געהאַט די געלעגנהייט. איך האָב אים מער נישט געזען. מוז איך זיך ווענדן צו אייך. קענט איר מיר נישט זאָגן?

— איך קען, — האָב איך געענטפערט פולקאָם רויִק.

ער האָט אַרויסגענומען פון אַ שאַכטל אַ גרויס קאַרטאָן-צעטל און איינגעטונקען די פעדער.

— אַלזאָ: נומער 54. . . קאַפּיטאַן. . .

— קאַפּיטאַן זשאַן מאַריע פראַנסואַ.

בשעת איך האָב דיקטירט, אָנשפאַרנדיק איין האַנט אויפן עק טיש, האָב איך באַמערקט אויף מיין מאַנקעט אַ קליינעם ברוין-רויטן פלעק.

— מאָראַנזש — האָט איבערגעחזרט לע מעסזש, דערשרייבנ־דיק קאַליגראַפיש דעם נאָמען פון מיין חבר — געבוירן אין. . .

— וועלפראַנזש.

— וועלפראַנזש, ראָדאַן. וועלכע דאַטע?

— דעם 14-טן אָקטאָבער 1859. געשטאָרבן אין האַגאַר דעם 5-טן יאַנואַר 1897. פּאַרטיק. איך דאַנק אייך, מיין הער, פאַר אייער געפעליקייט.

— צו אייער דינסט.

איך בין אַרויס פון צימער.

מיין באַשלוס איז געווען פעסט, און, כ'זאָג נאָכאַמאָל, אַז איך בין געווען פולקאָם רויִק. פונדעסטוועגן, געזעגנענדיק זיך

מיט ה׳ לע מעסזשן, האָב איך געוואָלט אָפּוואַרטן אַ פּאָר מינוט מיט דער אויספירונג פון באַשלוס.

תחילת האָב איך מיך אַרומגעדרייט איבער די קאָרידאָרן, דערנאָך האָב איך מיך אומגעקערט אין מיין צימער. ס׳איז נאָך דאָרט אַלץ געווען שרעקלעך הייס. איך האָב מיך אָוועקגעזעצט אויף דער קאַנאַפּע און זיך פאַרטיפט אין געדאַנקען.

דער שטילעט אין קעשענע האָט מיר געשטערט, האָב איך אים אַרויסגענומען און געלייגט אויף דער פּאָדלאָגע. דערזעענדיק אים, האָב איך מיך דערמאַנט אָן זילבערנעם האָמער. איך האָב מיך אויך דערמאַנט אָן דעם, מיט וואָס פאַר אַ לייכטקייט איך האָב אים געכאַפּט און געגעבן אַ קלאַפּ...

ס׳זענען מיר געקומען אויפן זין מיט דער פולקאָמער גענויקייט אַלע פּרטים פון יענער סצענע. איך בין אָבער רויק. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז נאָכדעם ווי איך האָב באַשלאָסן צו טויטן דעם חייב פון יענעם מאָרד, קען איך שוין רויק טראַכטן וועגן די שרעקלעכע פּרטים פון מיין טאַט.

טראַכטנדיק וועגן איר, האָב איך מיך נישט געטאָדלט נאָר געוווּנדערט.

— אַזוי האָב איך געטויט מאַראַנזשן? — האָב איך מיר געטראַכט — אַזוי האָב איך איבערגעהאַקט דעם פאָדעם פון זיין לעבן! ווי אַזוי איז דאָס געשען?!

און מער גאָרנישט! נישטאָ קיין מורא, קיין געוויסנסביסן, קיין פחד פאַרן גרשעענעם מאָרד-טאַט!

— נו, שוין צייט, — האָב איך אַ זאָג געטון פאַר זיך — מען דאַרף מאַכן אַן עק.

איך האָב אויפגעהויבן דעם שטילעט און פאַרן אַריינלייגן אים אין טאַש, האָב איך געמאַכט מיט אים אַ באַוועגונג, ווי איך

וואָלט וועמען געוואָלט שטעכן. ס'איז אַרויסגעקומען גוט, מיין האַנט איז געווען געשיקט און זיכער.

דאָס ערשטע מאָל בין איך געגאַנגען אין אַנטינעאַס צימערן אָן אַ וועג־ווייזער. איך האָב געטראָפן אָן שוועריקייטן. פאַר די טירן איז געשטאַנען דער טואַרעג.

— לאָז מיך אַריין, — האָב איך געזאָגט — דיין באַלעבאַסטע רופט מיך.

דער דינער האָט מיך אַריינגעלאָזט.

באַלד האָבן זיך דערטראָגן צו מיינע אויערן שטילע קלאַנגען פון מוזיק. דאָס האָט געשפילט אַג־דאַ, זיצנדיק איניינעם מיט די איבעריקע פרויען באַ די פיס פון איר באַלעבאַסטע. טאַניט־זערגאַ איז נישט געווען.

ווייל איך האָב דאַמאָלס געזען אַנטינעאַן צום לעצטן מאָל, וועל איך דיר דערציילן, ווי אַזוי זי איז מיר פאָרגעקומען אין דאָזיקן אַנטשיידענעם מאָמענט.

איך האָב איצט געהאַט פאַר מיר נישט אַ פרוי, נאָר אַ קעניגין אין איר פולער פראַכט. איר שלאַנקע פיגור האָט זיך געבויגן אונטער דער משא פון די קעניגלעכע שמוק־זאַכן. אויפן קאָפ האָט זי געטראָגן אַ קאָלאָסאַלן גאָלדענעם „פסקענט", אויסגעזעצט מיט שמאַראַגדן־בוכשטאַבן, וואָס האָבן געבילדעט איר נאָמען אין טיפינאַר־שפראַך. געקליידט איז זי געווען אין אַ רויטן זיידענעם „סקענט", אויסגעהאַפטן מיט גאָלדענע לאָטאָס־בלומען. צו אירע פיס איז געלעגן אַ סצעפטער, וואָס האָט זיך פאַרענדיקט מיט אַ דריי־צאָן. די נאַקעטע אָרעמס זענען געווען אַרומגעהאַנגען מיט שלאַנגען־אַרטיקע אָרעמבענדער. אויפן האַלדז האָט זי געטראָגן אַ שמאַראַגדן־קאָליע, וואָס איר ערשטער קרייז האָט איינגערעמט דעם העלפאַנט־ביינערנעם האַלדז, און די איבעריקע קרייזן האָבן זיך אַראָפגעלאָזט אויף דער ברוסט.

ווען איך בין אַרייַנגעקומען, האָט זי אַ שמייכל געטון.

— איך האָב געוואַרט אויף דיר, — האָט זי געזאָגט איינפאַך.

איך בין געגאַנגען פאָרויס, און אונטערגייענדיק צו איר אויף פיר טריט, האָב איך מיך אָפּגעשטעלט.

זי האָט אַ קוק געטון אויף מיר איראָניש.

— וואָס באַדייט דאָס? — האָט זי אַ פרעג געטון פולקאָם הויך, אָנווייזנדיק אויפן שטילעט, וואָס זיין הענטל האָט אַרויסגעשטעקט פון מיין טאַש.

איך האָב אים אַרויסגעכאַפּט פון טאַש און צוגעגרייט זיך צו אַן אָנפאַל.

— די ערשטע, וואָס וועט זיך אַ ריר טון מיר העלפן, וועל איך הייסן אַרויסוואַרפן אַ נאַקעטע אינמיטן מדבר אַריין, — האָט אַ זאָג געטון אַנטינעאַ צו די חברטעס, וועלכע זענען אויפגעשפרונגען פון זייערע ערטער, דערזעענדיק אין מיין האַנט דעם שטילעט.

— דער דאָזיקער שטילעט — האָט זי ווייטער אַ זאָג געטון — איז זייער אַ מיאוסער און דו האַלטסט אים נישט גוט. אפשר ווילסטו, איך זאָל שיקן נאָכן זילבערנעם האַמער? מיט אים ביסטו אַ סך געשיקטער ווי מיטן שטילעט.

— אַנטינעאַ, — האָב איך געזאָגט מיט אַ פאַרשטיקטער שטימע — איך בין אייך געקומען דערמאָרדן.

— זאָג מיר „דו". האָסט דאָך נעכטן באַנאַכט מיך געזוכט. אפשר שעמסטו דיך פאַר זיי? — האָט זי געפרעגט, אָנווייזנדיק אויף די פרויען, וואָס די אויגן האָבן זיי אַרויסגעסטאַרטשעט פאַר שרעק.

— מיך דערמאָרדן — האָט זי פאָרטגעזעצט — דאָס איז זייער נאַריש פון דיין זייט. — מיך דערמאָרדן אין דער צייט, ווען דו קענסט באַקומען אַ באַלוינונג פאַר יענעם מאָרד.

צי... האָט ער געליטן? — האָב איך געפרעגט, אויפציטערנדיק אינגאַנצן.

— ווייניק. דו האָסט אַזוי גוט געאַרבעט מיטן האַמער, גלייך דו וואָלסט דיין גאַנץ לעבן געווען אַ קאָוואַל.

— אַזוי ווי דער קלייגער קעין, — האָב איך אונטערגעברומט.

זי האָט אַ שמייכל געטון אַ פאַרוווּנדערטע.

— אָ, דו ווייסט די געשיכטע? יאָ, ווי דער קליינער קעין.

— אָבער קעין איז געווען ווייניקער לאָגיש. דיך אָבער... פאַרשטיי איך נישט.

— איך פאַרשטיי אויך נישט.

זי האָט אַ קוק געטון אויף מיר מיט נייגער.

— אַנטינעאַ! — האָב איך אַ זאָג געטון.

— וואָס ווילסטו?

— איך האָב געטון, וואָס דו האָסט פאַרלאַנגט. ענטפער מיר אויף מיין פראַגע!

— פרעג.

— אין זיין צימער איז געווען פינסטער, נישט אמת?

— זייער פינסטער. איך האָב דיך געמוזט צופירן צו דער אָטאָמאַנע, וווּ ער איז געשלאָפן.

— ער איז געשלאָפן, זיכער?

— זיכער.

— ער איז נישט געשטאָרבן באַלד פון קלאַפּ?

— ניין. איך ווייס גענוי ווען, ער איז געשטאָרבן. צוויי מינוט נאָכדעם, ווי דו ביסט, געבנדיק אים אַ קלאַפּ מיטן האַמער, אַנטלאָפן, אַרויסלאָזנדיק אַ ווילד געשריי.

— האָט ער אַזוי נישט געקענט וויסן...

— וואָס?

— אַז דאָס בין איך געווען...

— אמת, ער האָט געקענט נישט וויסן, ער האָט אָבער געוווּסט.

— ווי אַזוי?

— איך האָב אים געזאָגט.

— און... ער האָט געגלייבט?

— ער האָט דיך אויך דערקענט אָן געשריי. ווען ער וואָלט נישט געווען געוווּסט, אַז דאָס ביסטו, וואָלט די גאַנצע זאַך פאַר מיר קיין אינטערעס נישט געהאַט, — האָט זי געענדיקט מיט אַ פאַראַכטנדיק געלעכטער.

פיר טריט האָבן מיך אָפּגעטיילט פון אַנטינעאַן. איך האָב אַ שפּרונג געטון, אָבער איידער איך האָב באַוויזן אַ קלאַפּ צו טון, בין איך אַנידערגעפאַלן אויף דער ערד.

חירם האָט מיר אַ שפּרונג געטון אויפן האַלדז; איינצייטיק האָב איך דערהערט די באַפעלערישע און רויִקע שטימע פון אַנטינעאַן:

— רופט מענטשן!

אין אַ רגע אַרום האָט מען מיך באַפרייט פון לעמפּערטס אומאַרמונג. די זעקס טואַרעגן האָבן מיך אַרומגערינגלט און געוואָלט בינדן.

איך בין גענוג שטאַרק און זייער היציק. אויף אַ רגע האָב איך מיך אויסגעריסן פון זייערע הענט. איינער פון די דינער איז געלעגן בײַ מיינע פיס, אומגעוואָרפן דורך אַ קלאַפּ פון דער פויסט אין קינבאַק, אַן אַנדערער האָט זיך געוואָרפן, צוגעדריקט פון מיין קני. אין יענעם טאָג האָב איך אַנטינעאַן געזען צום לעצטן מאָל. זי איז געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אויף איר העבאַן-סטעפּטער און זיך צוגעקוקט צום קאַמף מיט אַן איראָנישן נייגער-שמייכל.

פלוצלינג האָב איך אַ געשריי געטון, אָפּלאָזנדיק מיין קרבן.

אין מיין לינקן אָרעם האָט עפּעס אַ קנאַק געטון. דאָס האָט איי־
נער פון די טואָרעגן מיך אַ כאַפּ געטון פון הינטן און אויסגעלענקט
מיין אָרעם.

ווען צוויי ווייסע רוחות האָבן מיך געטראָגן געבונדענערהייט
איבער די קאָרידאָר, בין איך געפאַלן אין חלשות.

קאַפּיטל XVIII

די יאָהאַנעס־ווערמעלעך

אין מיין צימער איז אַריינגעפֿאַלן דאָס בלייכע לבנה־ליכט. לעבן דער אָטאָמאַנע, אויף וועלכער איך בין געלעגן, איז געשטאַנען אַ שלאַנקע, ווייסע פיגור.

— דאָס ביסטו, טאַניט־זערגאַ? — האָב איך געשעפּטשעט.

— שטיל! דאָס בין איך.

איך האָב מיך געוואָלט אויפהייבן אויף מיין געלעגער, איך האָב אָבער דערפילט אַ שרעקלעכע ווייטיק אין אָרעם. אַלץ, וואָס עס איז געשען, איז מיר געקימען אויפן זין.

— אָ, קליינע, קליינע! ווען דו וואָלסט געוווסט!

— איך ווייס.

איך בין געווען שוואַך ווי אַ קינד. נאָך דער שטאַרקער נערוון־דערשיטערונג איז געקומען אַ פולקאָמע אָפּשוואַכונג. טרערן האָבן מיך געשטיקט.

— ווען דו וואָלסט געוווסט, ווען דו וואָלסט געהווסט... פיר מיך אַוועק פונדאַנען, קליינע. פיר מיך אַוועק!

— רעד שטילער, הינטער דער טיר שטייט אַ טואַרעג אויף דער וואַך.

— נעם מיך צו, ראַטעווע מיך! — האָב איך איבערגעחזרט.

— איך בין געקומען וועגן דעם — האָט זי געענטפערט פשוט.

איך האָב אַ קוק געטון אויף איר. זי האָט נישט געטראָגן איר שיינעם זיידענעם טוניק. זי איז געווען אָנגעטון אין אַ געווייגט־לעכן ווייסן „האַיק".

איך וויל אויך אַוועק פונדאַנען, — האָט זי געזאָגט שטיל — איך וויל שוין פון לאַנג. איך בענק נאָך גאָאַ, נאָכן טייך און די גומע־ביימער. איך וויל אַנטלויפן, צייט איך בין אָנגעקומען. איך בין אָבער צו שוואַך צו קענען מיך לאָזן אַליין אין דער שרעקלעכער סאַהאַראַ. איך האָב נישט געהאַט די דרייסטקייט צו זאָגן דערפון דיינע פאָרגייער, ווייל אַלע האָבן געטראַכט נאָר וועגן „איר". דו אָבער האָסט זי געוואָלט דערמאָרדן.

איך האָב אַרויסגעלאָזט אַ פאַרשטיקטן קרעכץ.

— דו ליידסט, — האָט זי געזאָגט — זיי האָבן דיר צע־בראָכן די האַנט.

— אַלנפאַלס אויסגעלענקט.

מיט אַ זעלטענער צאַרטקייט האָט זי מיט אירע קליינע הענ־טלעך אַרומגעטאַפּט מיין אָרעם.

— הינטער מיין טיר, זאָגסטו, שטייט אַ טואַרעג, ווי אַרום־זשע ביסטו אַריינגעקומען? — האָב איך אַ פרעג געטון.

— דאָרט אַרום, — האָט זי געענטפערט, אָנווייזנדיק אויפן פענסטער, איבער וועלכן עס איז אַראָפּגעהאָנגען אַ שוואַרצע דיקע שנור.

זי איז אַרונטערגעגאַנגען צום פענסטער, און אַרויסבייגנדיק זיך, האָט זי אָפּגעשניטן די שנור מיט אַ מעסער. זי איז אַראָפּ־געפאַלן אויף דער פאָדלאָגע.

זי איז צוריקגעקומען צו מיר.

— אַנטלויפן, אַנטלויפן! — האָב איך געזאָגט. — אָבער ווי אַרום.

— אָט דאָ! — האָט זי איבערגעחזרט, ווידער אָנווייזנדיק אויפן פענסטער.

— אָט אָ דאָ? — האָב איך געזאָגט אַ פאַרצאַפלטער. — מיר זענען דאָך אויף אַ הויך פון צוויי הונדערט פוס?

— די שנור איז צוויי הונדערט פופציק פוס לאַנג, — האָט זי געענטפערט — זי איז אַ נייע און אַ שטאַרקע.

— אַזוי אַראָפּלאָזן זיך, טאַניט-זערגאַ? און מיין קראַנקער אָרעם?

— איך וועל דיך אַראָפּלאָזן. איך בין אַ שטאַרקע. אָט, אין ביידע זייטן פענסטער זענען פאַרהאַן מאַרמאָרנע קאָלאָנעס, וועל איך אַרומדרייען די שנור אַרום איינער און וועל זיך אַראָפּלאָזן פּאַמעלעך. אויף דער שנור האָב איך געמאכט קניפּן, כדי איך זאָל מיך קענען אַלע מאָל פאַרהאַלטן און זיך אָפּרוען.

— און דו?

— ווען דו וועסט שוין זיין אונטן, וועל איך צובינדן די שנור צו דער קאָלאָנע און וועל מיך אַליין אַראָפּלאָזן. האָב נישט מורא, איך בין זייער געשיקט דערצו.

— און וואָס וועט זיין? צי ווייסטו, ווי אַזוי זיך אַרויסצוקריגן פון אָט די בערג?

— קיינער ווייסט נישט דעם וועג אויסער סעגעיר בן-שעיקן, און אפשר אויך אַנטינעאַ.

— וואָס-זשע וועט זיין?

— מיר האָבן די קעמלען, וועלכע סעגעיר בן-שעיק באַנוצט צו זיינע נסיעות. האָב איך דאָ אַהערגעבראַכט אונטערן פענסטער דאָס שטאַרקסטע פון זיי, מיט אַ גרויסן זאַפּאַס פּאַשע. עס וועט אונדז אַרויספירן פונדאַנען.

— אָבער...

זי האָט אַ טופּע געטאָן מיטן פוס.

— וואָס פאַר אַן „אָבער"... בלייב, אויב דו ווילסט, אויב דו האָסט מורא. איך פאָר! איך בענק נאָך גאָא. נאָכן ניגער און די גומע־ביימער.

איך האָב געפילט, אַז איך ווער רויט פאַר חרפה.

— איך פאָר, טאַניט־זערגאַ, איך וועל בעסער שטאַרבן פאַר דורשט אינמיטן דער מדבר. איידער בלייבן דאָ. קום...

— שטיל, נאַכנישט! מען דאַרף צוואַרטן. אַצינד קען מען אונדז דערזען. אין אַ שעה אַרום וועט די לבנה זיך באַהאַלטן הינטער די געבערג, דאַמאָלס...

זי האָט זיך אַנידערגעזעצט און אַנטשוויגן געוואָרן. צי האָט זי מתפלל געווען? מעגלעך.

פלוצלינג האָב איך זי אויפגעהערט זען. ס'איז געוואָרן שטאָק פינסטער. די לבנה האָט זיך באַהאַלטן הינטער די בערג.

איך האָב דערפילט אויף מיין אָרעם טאַניט־זערגאַס קליין הענטל. זי האָט מיך צוגעפירט צום פענסטער איך האָב מיך איינגעהאַלטן נישט צו ציטערן.

— פאַרטיק — האָט זי געזאָגט מיט אַ שטילער, נאָר פעסטער שטימע — די שנור איז אַריבערגעוואָרפן אַרום דער קאָלאָנע. אָט דאָ איז אַ באַוועגלעכער קניפּ, לייג אים אַרונטער הינטער די אָרעמס. אָט דאָס קישן לייג צו צום קראַנקן אָרעם, אַז די שנור זאָל דיך נישט רייבן. ווענד זיך מיטן פנים צו דער וואַנט.

איך בין שוין געווען רויק און געקענט זיך באַהערשן. האָב איך מיך אַנידערגעזעצט אויפן פענסטער און אַרויסגענומען די פיס אינדרויסן. די פרישע באַרג־לופט האָט מיך אויפגעהייטערט. טאַניט־זערגאַ האָט מיר אַריינגעלייגט די האַנט אין קעשענע.

— דאָ האָסטו אַ שאַכטל. ווען דו וועסט זיין אונטן, זאָלסטו עפענען דאָס שאַכטל. דאָרט זענען פאַרהאַן לייכטנדיקע יאָהאַנעס־ווערעמלעך, וועל איך זיי דערזען און אויך זיך אַראָפּלאָזן.

זי האָט מיר פעסט געדריקט די הענט.

איך האָב מיך אָנגעהויבן אַראָפּלאָזן. פון דעם אַראָפּלאָזן זיך אויף צוויי הונדערט פוס געדענק איך בלויז איין זאַך: ווען די שנור האָט זיך פלוצלינג אָפּגעשטעלט און איך בין געבליבן הענגען מיט שאָקלענדיקע פיס לעבן דער גלאַטיקער וואַנט, איז מיר געוואָרן קאַלעמוטנע אויפן האַרץ. וואָס וואַרט זי, די קליינע? — האָב איך מיר געטראַכט — ס׳דויערט שוין אפשר אַ פערטל שעה, ווי איך הענג אַזוי אין די לופטן... אָ, שוין! איך שטיי שוין ווידער. אַ פּאָר מאָל האָט זיך מיר געדאַכט, אַז איך ריר שוין אָן דעם באָדן, אָבער דאָס איז געווען אַן אַרויסשטריק פון פעלזן, אָן וועלכן איך האָב מיך אָנגעשלאָגן מיטן פוס. פלוצלינג האָב איך דערפילט, אַז איך זיץ אויף דער ערד.

איך האָב אַראָפּגענומען פון מיר די שנור, אָוועקגעוואָרפן דאָס קישן און געעפנט דאָס שאַכטל. ס׳זענען אַרויסגעפלויגן דריי לייכט־ווערעמלעך, אָנגעהויבן זיך דרייען אין דער לופט און אַרויף אַלע מאָל העכער און העכער.

פלוצלינג האָב איך דערהערט לעבן מיר אַ שטימע:

— דו ביסט מיד, סידי פּאָרוטשניק, גיב, וועל איך צוהאַלטן די שנור.

בײַ מײַן זייט איז געשטאַנען סערזשאַנט בן־שעיק.

אַ קוק טוענדיק אויף זיין הויכן שוואַרצן סילועט, בין איך פאַרציטערט געוואָרן, אָבער ניט אַרויסגעלאָזט פון דער האַנט די שנור, אויף וועלכער ס׳האָט זיך שוין געגליטשט די קליינע טאַניט־זערגאַ.

— גיב, — האָט ער איבערגעחזרט באַפעלעריש, און מיר אַרויסגענומען די שנור פון דער האַנט.

עס האָט עפּעס אַ רויש געטון איבער אונדזערע קעפּ. אַ קליינע טונקעלע פיגור האָט זיך באַוויזן. סעגעיר בן־שעיק האָט זי גענומען אין זיינע אָרעמס און אַוועקגעשטעלט אויף דער ערד.

טאַניט־זערגאַ האָט אַרויסגעלאָזט אַ קרעכץ, ווען זי האָט דערזען דעם טאַרגיער.

ער האָט איר גראָב פאַרמאַכט דאָס מויל מיט דער האַנט.

— צי וועסטו זיין שטיל, די קליינער זשוליק, וואָס גנבעט קעמלען?

ער האָט זי אָנגענומען בײַם אָרעם, און ווענדנדיק זיך צו מיר, אַ זאָג געטון באַפעלעריש:

— קומט צו מיר.

איך האָב געפאָלגט. בײַ טאַניט־זערגאַ האָבן די ציין זיך געוואָרפן אין מויל פאַר שרעק.

מיר זענען צוגעקומען צו דער קליינער הייל.

— גייט אַריין! — האָט סעגעיר בן־שעיק באַפוילן.

ער האָט אָנגעצונדן אַ שטורקאַץ און בײַ זיין רויטן ליכט האָבן מיר דערזען אינעווייניק אַ פּראַכטפולן קעמל.

— די קליינע איז גאָר קיין נאַר נישט, — האָט בן־שעיק געזאָגט — זי האָט אויסגעקליבן דאָס שענסטע און דאָס שטאַרקסטע. זי איז אָבער אַ צעטראָגענע. זי האָט נישט מיטגענומען קיין וואַסער און דריי טעג אַרום וואָלט איר געשטאָרבן פון דורשט.

טאַניט־זערגאַ האָט אויפגעהערט קלאַפּן מיט די ציין. זי האָט געקוקט אויפן טואַרעג מיט אַ געמיש פון שרעק און האָפנונג.

— סידי פּאָרוטשניק, — האָט סערגעיר בן־שעיק געזאָגט — קום אַהער צום קעמל, ווײַל איך דיר עפּעס זאָגן.

ווען איך בין צוגעקומען צו אים, האָט ער געזאָגט:

— פון יעדער זייט איז פאַרהאַן אַ לאָגל פול מיט וואַסער. זייט שפּאָרזאַם מיט וואַסער, ווייל איר דאַרפט אַריבערגיין אַ שרעקלעכע געגנט. מעגלעך, אַז אויף אַ שטרעקע פון פינף הונדערט קילאָמעטער וועט איר נישט אָנטרעפן קיין קוואַל.

דאָ האָט איר ווידער שאַכטן מיט קאָנסערוון. ס׳איז דאָ אויך אַ ביקס, טאַקע דיין ביקס, סידי. באַנוץ זי בלויז אויף צו שיסן אַנטילאָפּן. דאָ האָט איר נאָך עפּעס.

ער האָט איינגעוויקלט אַ בויגן פּאַפּיר און זיך איינגעבויגן איבער אים.

— אין וועלכער זייט ווילט איר גיין, אַרויסקומענדיק פון דאַנען? — האָט ער געפרעגט.

— אין דער ריכטונג פון אידעלעס, כדי צו געפינען דעם וועג, וווּ דו האָסט אונדז געטראָפן, מיך און דעם קאַפּיטאַן.

— איך האָב פאַרשטאַנען, אַז איר וועט אַזוי וועלן גיין. אָבער צומאָרגנס פאַר זונען-אויפגאַנג וואָלט מען אייך געכאַפּט און געהרגעט.

— אין דער צפון-ריכטונג — האָט ער צוגעגעבן — איז האָגאַר, וואָס שטייט אונטער אַנטינעאַס הערשאַפט. איר מוזט זיך פאַרנעמען קיין דרום-זייט.

— וועלן מיר גיין קיין דרום-זייט, — האָב איך געזאָגט.

— מיט וועלכן וועג וועט איר גיין?

— איבער סילעט און טימיסאַאָ.

— דאָ וועט מען אייך אויך זוכן. מען ווייסט, אַז דיר איז באַקאַנט דער דאָזיקער באַקוועמער וועג, וואָס האָט ברונעמס. די טוּאַרעגן וועלן דיך אָפּוואַרטן בײַ די ברונעמס.

— וווּ דען?

— אויפן טראַקט פון טימיסאַאָ קיין טאַמבוקטו קענט איר זיך פאַרנעמען ערשט אויף אַ מרחק פון זיבעציק קילאָמעטער פונדאַ-

נען, אין דער געגנט טולמעסי. דאָרט ענדיקן זיך די וואַנדער־וועגן פון די טוּאַרעגן פון האָגאַר און ס'הייבן זיך אָן די וואַנדער־וועגן פון די טוּאַרעגן־אוּלעמידן.

— זיי האָבן דאָך אויסגעהרגעט מיין גאַנצן שטאַם און מיך אָוועקגעפירט אין געפאַנגענשאַפט! איך וועל נישט גיין אַהין — האָט זיך אָנגערופן טאַניט־זערגאַ מיט אַ געוויין.

— שווייג! — האָט בייז געזאָגט סעגעיִר בן־שעיִק.

— ס'מוז אַזוי זיין, ווי איך האָב געזאָגט, הגם די קליינע איז נישט אומגערעכט. די אוּלעמידן זענען טאַקע אכזרים. זיי האָבן אָבער מורא פאַר די פראַנצויזן. אַ סך פון זיי זענען אין פאַרבינדונג מיט די פּאָסטנס פון צפון־ניגער. אַחוץ דעם זענען זיי אין מלחמה מיט די האָגאַר־איינוואוינער, און יענע וועלן נישט גיין אייך נאָכיאָגן אין זייער לאַנד. ס'מוז זיין, ווי איך האָב געזאָגט. איר מוזט זיך פאַרנעמען אויפן טראַקט קיין טאָמבוקטו. ערשט דאָרט, וווּ ער שניידט זיך איין אין די וואַנדער־שטחים פון די אוּלעמידן. זייער לאַנד איז רייך אין קוואַלן און איןביימער. אָנקומענדיק קיין אויעד־טעלעמסי, וועט איר פאַרענדיקן אייער נסיעה אונטער אַ וואַלד פון בליִענדיקע מימאָזן. דער וועג פונדאַנען קיין אויעד־טעלעמסי איז אַחוץ דעם קורצער ווי איבער טימיסאַאָ און גייט כסדר גלייך.

— יאָ, ס'איז אמת, — האָב איך געזאָגט — אָבער אָנצוקומען אַהין, מוז מען פריִער דורכגיין „טאַנעז־ריפּט”.

סעגעיִר בן־שעיִק האָט אַ מאַך געטון מיט דער האַנט פאַר גרויס פאַרדרוס.

— סעגעיִר בן־שעיִק ווייסט גוט, — האָט ער געזאָגט — וואָס „טאַנעז־ריפּט” איז אַזוינס. ער אַליין, וואָס איז אויסגעפאָרן די סאַהאַרא אין דער לענג און אין דער ברייט, ער האָט תמיד אויסגעמיטן, ווי ווייט מעגלעך „טאַנעז־ריפּט”. ער ווייסט, אַז קעמלען, וואָס פאַרבלאָנדזשען אַהין, קומען אום אָדער ווערן ווילד, ווייל קיינער

וויל זיך נישט איינשטעלן זיי צו גיין אויפזוכן... אָבער דער פּחד פֿאַר אָט דער געגנט קען אייך ראַטעווען. איבעריקנס, קלייבט אויס איינס פֿון די ביידע: אָדער ריזיקירן צו שטאַרבן פֿון דורשט אויף די זאַמדן פֿון „טאַנעז-ריפֿט", אָדער דערמאָרדעט ווערן אויף אַ וואַסער-נישט-איז אַנדערן וועג. איר האָט נאָך אַ ברירה: איר קענט בלייבן דאָ.

— מיין באַשלוס איז שוין אָנגענומען, — האָב איך אַ זאָג געטון.

— גוט, — האָט ער אָפּגעענטפֿערט, אויפֿוויקלענדיק אויפֿסניי דעם פּאַפּיר-ראָל — איך האָב דאָ אָנגעצייכנט דעם גאַנצן וועג און די ברונעמס, אָבער אַ סך פֿון זיי זענען אפֿשר אויסגעטרוקנט. זע, טרעט נישט אָפּ פֿון אָנגעצייכנטן וועג, אַז נישט איז דיין טויט. אַצינד שטייג אויף מיט דער קליינער אויפֿן קעמל.

מיר זענען לאַנג געגאַנגען שווייגנדיק. סעגעיר בן-שעיק איז געגאַנגען פֿאָרויס. ביסלעכווייז זענען מיר דורכגעגאַנגען אַ פֿינסטערן קאָרידאָר, אַ באַרג-שלוכט, אַ צווייטן קאָרידאָר... יעדער אַריינגאַנג איז געווען פֿאַרשטעלט דורך אַ מיש-מאַש פֿון פֿעלזן און קוסטעס.

פֿלוצלינג האָט אַרום אונדזערע שלייפֿן אַ בלאָז געטון אַ ברענענדיק לופֿטעלע. אין קאָרידאָר איז אַריינגעדרונגען אַ טונקל-רויטלעך ליכט. אַרום אונדז איז געווען די מדבר.

— גייט אַראָפּ, — האָט ער געזאָגט.

אין פֿעלז האָט גערוישט אַ קוואַל. דער טאַרגיער איז צוגעגאַנגען און אָנגעפֿילט מיט וואַסער אַ לעדערנעם בעכער.

— טרינקט זיך אָן — האָט ער געזאָגט דערלאַנגנדיק אים פֿריער איינעם, דערנאָך דעם אַנדערן.

מיר האָבן געטרונקען.

— טרינקט נאָך, וועט איר איינשפּאָרן פֿון זאַפּאַס. זעט, אַז איר זאָלט היינט מער נישט דאַרפֿן טרינקען פֿאַרן זונען-אונטערגאַנג.

— אַלץ אין אָרדענונג. אין צוויי שעה אַרום וועט אָנהייבן טאָגן. דאַמאָלס דאַרפט איר שוין זיין ווייט.

איך בין געריירט געווען פון בן־שעיקס באַהאַנדלונג. איך בין צוגעגאַנגען צו אים און אים אָנגענומען בײַ דער האַנט.

— סעגעיר בן־שעיק — האָב איך געזאָגט שטיל — פאַרוואָס טוסטו דאָס אַלץ?

ער האָט זיך אָפּגערוקט זייגע טונקעלע אויגן האָבן געפינקלט.

— פאַרוואָס?

— יאָ, פאַרוואָס?

— דער נביא — האָט ער געענטפערט ערנסט — דערלויבט דעם גערעכטן, אַז איינמאָל אין לעבן זאָל בײַ אים דאָס רחמנות־געפיל איבערוועגן דאָס פליכט־געפיל. סעגעיר בן־שעיק נוצט עס אויס כדי אָפּצודאַנקען דעם, וואָס האָט אים דאָס לעבן געראַטעוועט.

— און דו האָסט נישט קיין מורא, אַז אומקערנדיק זיך צו די מיינינקע, וועל איך אויפדעקן אַנטיגעאַס געהיימניש?

— ניין — האָט ער אָפּגעענטפערט מיט איראָניע — פאַר דיר, סידי פּראָפעסאָר, לוינט נישט, אַז דיינע לייט זאָלן זיך דערוויסן, ווי אַזוי דער קאַפּיטאַן איז אומגעקומען.

איך בין פאַרצאַפּלט געוואָרן, דערהערנדיק דעמדאָזיקן לאָגישן ענטפער.

— איך טו אפשר נישט גוט, — האָט צוגעוואָרפן דער טאַרגיער — וואָס איך דערהרגע נישט די קליינע... אָבער זי האָט דיך ליב. און זי וועט נישט אויסזאָגן. פאַרט, ס׳הייבט באַלד אָן צו טאָגן.

איך האָב געוואָלט דריקן די האַנט פון אונדזער משונהדיקן רעטער, ער האָט זיך אָבער אָפּגערוקט.

— דאַנק מיר נישט. וואָס איך טו, טו איך פאַר מיר, צו

האָבן אַ מצווה באַ גאָט. זיי וויסן, אַז מער וועל איך אַזוינס נישט טון, נישט פאַר דיר, נישט פאַר קיינעם.

איך האָב געמאַכט אַ מינע, ווי איך וואָלט נישט געגלייבט.

— גלייב מיר. וואָס איך טו, טו איך פאַר מיר און נישט פאַר דיר. דו וועסט צוריקקומען אַהער, און דאַמאָלס פאַרלאָז דיך נישט אויף סעגעיר בן־שעיקן.

— איך וועל צוריקקומען? — האָב איך געזאָגט שטיל אַ פאַרציטערטער.

— יאָ, דו וועסט צוריקקומען.

ער איז געשטאַנען ווי אַ פינסטערע סטאַטוע לעבן גרויען פעלז.

— דו וועסט צוריקקומען — האָט ער איבערגעחזרט מיט פעסטקייט — דו אַנטלויפסט אַצינד, אָבער דו האָסט אַ טעות, אויב דו מיינסט, אַז דו וועסט אָנקוקן די וועלט מיט די זעלבע אויגן ווי ביז אַהער. איין און דערזעלבער געדאַנק וועט דיך פאַרפאָלגן אומעטום. אַמאָל... נאָך אַ יאָר, צוויי, פינף, וועסטו דיך אומקערן איבער דעם זעלבן קאָרידאָר, איבער וועלכן דו ביסט אַצינד אַרויסגעגאַנגען.

— שווייג! — האָט אַ געשריי געטון טאַניט־זערגאַ מיט אַ ציטערנדיקער שטימע.

— שווייג דו, דו קליינער וואָרם, — האָט געענטפערט סעגעיר בן־שעיק. די קליינע האָט מורא, ווייל זי ווייסט, אַז איך זאָג אמת, ווייל זי ווייסט די געשיכטע מיטן פּאָרוטשניק גיבערטי.

— פּאָרוטשניק גיבערטי? — האָב איך געפרעגט, און אַ קאַלטער שווייס האָט באַדעקט מיינע שלייפן.

— דאָס איז געווען אַן איטאַליענישער אָפיציר, וואָס איך האָב פאַר אַ יאָר אַכט געטראָפן צווישן ראַט און ראַדאַמעס. די ליבע צו אַנטינעאַן האָט נישט אָפּגעטייט אין אים די ליבע צום לעבן. ער

האָט געפּרוּווט אַנטלויפן און עס איז אים געלונגען אָן מיין הילף. ער האָט זיך אומגעקערט אין זיין לאַנד. און אָט, הער אַ שיינע זאַך: אין צוויי יאָר אַרום, פאָרנדיק אויף אַ נסיעה, האָב איך באַגעגנט לעבן צפונדיקן פאָרט עפּעס אַן אויסגעמאַטערטן, גוססדיקן נפש, וואָס האָט געזוכט דעם אַריינגאַנג צו אונדז. דאָס איז געווען דער אומקערנדיקער גיבערטי. אין מאַרמאָר-זאַל פאַרנעמט ער דעם פּלאַץ נומער 39.

דער טואַרעגער האָט זיך פונאַנדערגעלאַכט.

— אָט דאָס איז די געשיכטע פון פאָרוטשניק גיבערטי. אָבער גענוג שוין. זעצט אייך אויפן קעמל.

איך האָב געפאָלגט אָן אַ וואָרט צו רעדן. טאַניט-זערגאַ האָט מיך אַרומגעכאַפּט פון הינטן מיט אירע קליינע אָרעמס.

סעגעיר בן-שעיק האָט אַרויסגעלאָזט די לייצן.

— פאָרט אין אַללאַס נאָמען.

— אַ דאַנק, אַ דאַנק, סעגעיר בן-שעיק, און זיי געזונט.

— אויף ווידערזען, פאָרוטשניק סענט-אַווי, — האָב איך געהערט שוין פונדערווייטנס זיין שטימע.

קאַפּיטל XIX

טאַנעז־ריפּט

די ערשטע שעה פון אונדזער אַנטלויפן איז דאָס קעמל געלאָפן מיט אַ געוואַלטיקן אימפעט. מיר האָבן אין דער צייט אַדורכגעמאַכט מינדסטנס פינף קילאָמעטער.

דער שנעלער גאַנג פון קעמל האָט געמאַכט אַרום אונדז אַ פּריש לופטעלע. פון ביידע זייטן זענען פאַרבייגעלאָפן פּאַרוויאַנעטע, שטעכעדיקע קוסטעס.

אין פייפן פון ווינטל האָב איך דערהערט טאַניט־זערגאַס קול :

— שטעל אָפּ דאָס קעמל.

איך האָב תּחילת נישט פאַרשטאַנען, וואָס זי וויל. זי האָט מיר אַ דריק געטון דעם רעכטן אָרעם. איך האָב געפאָלגט. דאָס קעמל האָט אָנגעהויבן גיין פּאַמעלעך.

אין דער זעלבער צייט איז אַ קליין גרוי חיהלע אַרויפגעשפּרונגען אויפן קעמל.

— מיין גאַלע איז געקומען, — האָט אויסגערופן טאַניט־זערגאַ מיט שמחה.

דאָס איז געווען איר באַליבטער וויזל, וואָס האָט איר נאָכ־

געפּאָלגט פון דערהיים און האָט זיך איצט אַרויסגעכאַפּט צו איר אויף דער האַנט.

— איך בין גליקלעך, — האָט טאַניט־זערגאַ געזאָגט שטיל.

סעגעיר בן־שעיק האָט געהאַט אויסגערעכנט, אַז אין אַכט טעג וועלן מיר דערגרייכן די אָאַזיסן פון די אולעמידן. ער האָט גוט געוווסט דעם ווערט פון זיין קעמל. ער האָט געקענט אויסהאַלטן גאַנצע צוויי טעג אָן עסן, צופּנדיק בלויז די דאַרע צווייגלעך פון די אַקאַציעס און שלינגענדיק זייערע ווייסע שטאַכלען, וואָס האָבן געשטאָכן ווי שפּילקעס. מיר האָבן געטראָגן כמעט אַלע ברויטעגנס, וואָס סעגעיר בן־שעיק האָט אָנגעצייכנט אויף זיין מאַפּע, אָבער אין זיי איז געווען נישט מער, ווי זודיקע, געלע בלאָטע. דאָס האָט געשלעפּט פאַרן קעמל, אַזוי, אַז נאָך פינף טעג רייזע, האָבן מיר נאָך געהאַט די העלפט פון אונדזערע וואַסער־זאַפּאַסן. אונדז האָט זיך געדאַכט, אַז מיר זענען געראַטעוועט.

לעבן איינעם פון די אויסגעטריקנטע ברונעמס האָב איך איינמאָל דערשאָסן אַ מדבר־קאָזעלע, מיט קליינע גלייכע הערנער. טאַניט־זערגאַ האָט אָפּגעשונדן דאָס קאָזעלע, און מיר האָבן זיך געקויקט מיט אַ פיינעם שפּיז־בראָטן. אונדזער ווידעלע, וואָס האָט אין דער צייט פון אָפּרו, בשעת דער גרעסטער היץ, אַרומגעשמייעט איבער די אויסגעהוילטע פעלזן, האָט איינמאָל געפונען אָן „אוראַן", אַ מדבר־קראָקאָדיל פון דריי איילן די לענג, און אים באַלד אַראָפּגעדרייט דעם קאָפּ. ער האָט זיך אַזוי אָנגעפרעסן דערמיט, אַז ער האָט זיך נישט געקענט אַ ריר טון. מיר האָבן אים געמוזט געבן אַ שלוק וואַסער, אַז ער זאָל קענען לייכטער פאַרדייען.

ס'איז געווען פינף אַ זייגער נאָכמיטאָג. די היץ איז געווען אַ שרעקלעכע. מיר האָבן גערוט. איך האָב אויפגעוויקלט דעם פּאַפּיר־ראָל, אויף וועלכן סעגעיר בן־שעיק האָט אָנגעצייכנט דעם וועג פון אַהגאַר ביז סודאַן.

— איבערמאָרגן — האָב איך געזאָגט — וועלן מיר זיין אויפן טראַקט, וואָס וועט אונדז פירן קיין טעלעמסי. דאָרט וועלן מיר שוין האָבן וואַסער איבערגענוג.

טאַניט-זערגאַס אויגן האָבן געפונקלט אויף איר אָפּגעצערט פּנים.

— און גאָא? — האָט זי געפרעגט.

— ס'וועט אונדז בלייבן נישט מער ווי אַ וואָך רייזע ביזן ניגער, אַ רייזע, וועלכע וועט, ווי סעגעיר בן-שעיק האָט פאַרזיכערט, זיין גאָר אַן אָנגענעמע.

— דו וועסט פאָרן מיט מיר קיין גאָאַ?

— איך וועל פאָרן, טאַניט-זערגאַ, איך זאָג דיר צו, אָבער דו מוזסט מיר אויך עפּעס צוזאָגן.

— וואָס אַזוינס? אָ, איך פאַרשטיי שוין, דו האַלטסט מיך קענטיק פאַר אַ נאַרעלע, אַז איך זאָל קענען אויסזאָגן אַזוינס, וואָס קען דיר עגמת נפש פאַרשאַפן.

באַ די ווערטער האָט זי אַ קוק געטון אויף מיר. די אויס-געמאַטערטקייט האָט אויסגעאיידלט איר פּנימל. אירע גרויסע אויגן האָבן געפונקלט. צום ערשטן מאָל האָב איך דערפילט זייער שיינ-קייט.

מיר זענען ביידע געבליבן אַנטשוויגן. זי האָט די ערשטע איבערגעריסן דאָס שווייגן.

— די נאַכט פאַלט צו. לאָמיר עפּעס אָפּעסן און פאָרן ווייטער וואָס גיכער.

זי איז געגאַנגען צום פעלזן, וווּ דאָס קעמל האָט גערוט.

באַלד האָב איך דערהערט איר מוראדיקן געשריי:

— אָ, קום נאָר אַהער, קום!

מיט איין שפרונג בין איך געווען לעבן איר.

— דאָס קעמל, דאָס קעמל! — האָט זי אַרויסגעשטאַמלט.

איך האָב אַ קוק געטון, און אַ שוידער האָט מיך אַ דורכ־געגומען.

אונדזער קעמל איז געלעגן אויסגעצויגן אויפן זאַמד און געכאַרכלט אין שרעקלעכע קאָנוולסיעס.

וואָס עס איז געווען די סיבה פון זיין טויט, בין איך קיינ־מאָל נישט געוווּר געוואָרן. ווען ער האָט אַרויסגעלאָזט דעם לעצטן הויך, האָבן מיר געפילט, אַז אונדז עקט זיך דאָס לעבן.

טאַניט־זערגאַ האָט די ערשטע אָנגעהויבן צו רעדן.

— ווי ווייט זענען מיר פון טראַקט קיין סודאַן? — האָט זי געפרעגט.

מיר זענען צוויי הונדערט קילאָמעטער פון טעלעמס, — האָב איך געענטפערט. — מיר וועלן איינשפּאָרן דרייסיק קילאָמעטער, אויב מען זאָל זיך נעמען אויף איפערואַן. אָבער אויף דעם יועג זענען נישט אָנגעצייכנט די ברונענס

— מוז מען אַלזאָ גיין אויף טעלעמס? צוויי הונדערט קי־לאָמעטער איז זיבן טאָג גאַנג. נישט אמת?

— מינדסטנס זיבן.

— וווּ איז דער ערשטער ברונען?

— זעכציק קילאָמעטער פונדאַנען.

— מוזן מיר תיכף פאָרן.

— פאָרן, טאַניט־זערגאַ, פאָרן צופוס?

זי האָט אַ טופּ געטון מיטן פוס, איך בין נשתומם געוואָרן פון איר מוט.

— מען מוז פאָרן, — האָט זי איבערגעחזרט — מיר וועלן זיך אָנעסן און אָנטרינקען און אויך געבן צו עסן און טרינקען

דעם וויזעלע, ווייל מען קען נישט מיטנעמען אַלע זאַפּאַסן. מיר וועלן מיטנעמען וואַסער נאָר אויפֿן באַנאַכטיקן גאַנג. מאָרגן אין אָוונט וועלן מיר דורכמאַכן ווייטערע דרייסיק קילאָמעטער, און צוקומען צום ברונעם, וואָס איז אָנגעצייכנט אויף בן-שעיקס מאַפּע.

— יאָ, — האָב איך געקלאָגט — ווען מיין אָרעם וואָלט נישט קראַנק געווען, וואָלט איך געקענט טראָגן אַ לאָגל מיט וואַסער.

— פאַרפאַלן, — האָט געענטפערט טאַניט-זערגאַ — מען קען אַנדערש נישט מאַכן. — דו וועסט נעמען די ביקס און צוויי פּושקעס קאָנסערוון און איך די פּושקעלעך מיט וואַסער. אין אַ שעה אַרום דאַרף מען אָנהייבן גיין, אַנדערש וועלן מיר נישט דורכמאַכן די דרייסיק קילאָמעטער איבער נאַכט. באַטאָג זענען דאָך די פעלזן אַזוי אָנגעגליט, אַז ס'איז אוממעגלעך צו שטעלן אַ פוס.

— דעם וויזעלע — האָט זי צוגעגעבן — דאַרף מען נישט געבן קיין סך צו עסן, אַנדערש וועט ער נישט קענען נאָכפאָלגן. מאָרגן וועט מען עס שיקן אויף געיעג, וועט עס אפשר כאַפּן פאַר אונדז אַן „אוראַן“.

מיר זענען איבערגעזעסן די שעה און אָנגעהויבן דעם מאַרש. איך בין מודה, אַז ווען נישט דאָס מיידל, וואָלט איך דאָ געבליבן זיצן אָפּוואַרטנדיק דעם טויט.

דו האָסט דאָך געהערט איבער דער מדבר און די וויסט, אַז די ערשטע נאַכט-שעהן זענען שרעקלעך. אַ ברענענדיקער שטויב איז אונדז אַריינגעדרונגען אין האַלדז, אין די אויגן און אין אַלע אבֿרים. דער דורשט, די היץ האָבן אונדז געמאַטערט אָן אַ שיעור. ס'זענען געווען צייטן, ווען איך האָב מיך געוואָלט אָפּשטעלן און אַוועקלייגן, האָב איך דעמאָלס אַ קוק געטאָן אויף טאַניט-זערגאַ. זי איז געגאַנגען פאָרויס מיט האַלב האַלב-פאַרמאַכטע אויגן. איר פּנים האָט אויסגעדריקט ליידן און אַנטשלאָסנקייט צוגלייך. האָב איך פאַרמאַכט די אויגן און געגאַנגען ווייטער.

ווען עס איז געוואָרן טאָג האָבן מיר זיך אָוועקגעזעצט אין אַ שפּאַלט פון אַ פעלז. די היץ האָט אונדז באַלד געצוווּנגען אויפצוהייבן זיך זוכן אַ טיפערן פעלז. טאַניט-זערגאַ האָט נישט געגעסן. זי האָט דערפאַר מיט איין זופּ אויסגעטרונקען אַ האַלבּ פּושקעלע וואַסער, און דעם גאַנצן טאָג געדרימלט. גאַלע האָט זיך געדרייט אַרום אונדז, אַרויסלאָזנדיק אַלעמאָל אַ קלאָג-געשריי.

די צווייטע טייל וועג איז געווען שרעקלעכער פאַר דער ערשטער. איך האָב געליטן, ווי אַ מענטש אין אַ מדבּר קען נאָר ליידן. נישט געקוקט דערויף, האָבן מיינע מאַגנסבּילשע קרעפטן אָנגעהויבן איבערוועגן די נערוון פון מיין חברטע. דאָס אָרימע קינד איז געגאַנגען שווייגנדיק מיט דעם „האַק" אַרויפגערוקט איבער די אויגן, נאָך איר איז געגאַנגען גאַלע.

עס האָט געטאָגט. צום לעצט האָב איך דערזען דעם ברונעם, וואָס איז געווען אָנגעמערקט אויף בּן-שעיקס מאַפּע מיט דעם וואָרט „טיסאַ ריריך", וואָס עס באַדייט: צוויי איינזאַמע ביימער.

— מוט, טאַניט-זערגאַ, מען זעט שוין דעם ברונעם!

— גוט, זייער גוט, — האָט זי געשטאַמלט, — אָז נישט...

זי האָט מער נישט געקענט ריידן קיין וואָרט.

דעם לעצטן קילאָמעטער זענען מיר נישט געגאַנגען, נאָר געלאָפן.

סוף כּל סוף האָבן מיר אים דערגרייכט.

ער איז געווען ליידיק.

וואָס פאַר אַ משונהדיקע איבערלעבונג ס'איז צו שטאַרבן פון דורשט! תּחילת זענען די יסורים מוראדיקע. נאָך אַ געוויסער צייט ווערן זיי לייכטער. די חושים ווערן אָפּגעטעמפּט. ס'קומען אויפן געדאַנק פאַרשידענע קליינינקייטן פון לעבן, דערנאָך קומט אַן אַרט פאַרגליווערונג.

פון דער פאַרגליווערונג האָט מיך אַרויסגעריסן אַן אָנריר ווי פון אַ גליִענדיקן אייזן אויפן שטערן. טאַניט־זערגאַ איז געשטאַנען אַריבערגעבויגן איבער מיר. דאָס האָט מיר איר הענטל אַזאַ ברי געטון.

— שטיי אויף, — האָט זי געזאָגט, לאָמיר ווייטער גיין.

— אַצינד גיין, טאַניט־זערגאַ, די מדבר ברענט ווי אַ קאַלך־אויוון. די זון שטייט אויפן העכסטן פונקט. ס'איז מיטאָג.

— לאָמיר גיין, — האָט זי איבערגעחזרט.

איך האָב פאַרשטאַנען, אַז זי רעדט פון היץ.

זי איז געשטאַנען מיט אַ הוילן קאָפּ, נישט קוקנדיק אויף דער זון, און איבערגעחזרט.

— לאָמיר גיין, לאָמיר גיין.

— דעק צו דעם קאָפּ, טאַניט־זערגאַ, — האָב איך געשריגן.

— לאָמיר גיין, לאָמיר גיין, גאָאַ איז גאָר נאָענט... איך פיל עס. איך וויל נאָך זען גאָאַ...

איך האָב זי געצוווּנגען זיך אַנידערצוזעצן לעבן מיר אין שאָטן פון אַ פעלז. אַ גרויס רחמנות האָט מיך אָנגענומען, צוזעענדיק, ווי די כוחות גייען איר אויס.

— גאָאַ איז דאָרט, גאָר נאָענט, נישט אמת?

אירע פינקלדיקע אויגן האָבן אויסגעדריקט אַ געבעט.

— יאָ, מיין קליינע, יאָ, מיין טייערע, גאָאַ איז נאָענט. אָבער אויב גאָטעס ווילן, לייג דיך. די זון איז פאַר דיר אַ סם המוות.

— אָ, גאָאַ, גאָאַ! איך האָב געוווּסט, אַז איך וועל זי ווידער זען, — האָט זי געזאָגט — הער דיך איין, איך מוז דיר דערציילן, פונוואַנען איך האָב געוווּסט, אַז איך וועל ווידער זען גאָאַ.

— באַרויִק דיך, קינד, באַרויִק דיך!

— ניין, איך מוז דיר דערציילן. דאָס איז געווען שוין זייער לאַנג, בײַ דעם ברעג פֿון טײַך, ווו מײַן פֿאָטער איז געווען פֿירשט... איינמאָל אין אַ יום טוב איז געקומען פֿון ווייט אַן אַלטער כּישוף־מאַכער, אָנגעטון אין פֿעל און באַפּוצט מיט פֿעדערן. אויפֿן פּלאַץ האָט ער געטאַנצט „אַ באָסודילאַ" און אַלע איינוווינער זענען גע־שטאַנען אַרום אין אַ ראָד. איך בין געווען אין דער ערשטער ריי, און לויט דעם האַלדז־באַנד פֿון פּערל, וואָס איך האָב געטראָגן, האָט ער דערקענט, אַז איך בין דעם פֿירשטס טאָכטער. ער האָט מיר אָנגעהויבן דערציילן חעגן דער פֿאַרגאַנגענהייט, וועגן דער גרויסער מאַכט פֿון מײַנע פֿירשטלעכע עלטערן, וועגן אונדזערע פֿײַנט, די ווילדע קינטאַסן, דערנאָך האָט ער מיר געזאָגט...

— באַרויִק דיך, טאַניט־זערגאַ.

— דערנאָך האָט ער מיר געזאָגט: שרעק דיך נישט, ס׳וועלן קומען שווערע צײַטן פֿאַר דיר, אָבער גאָט וועט העלפֿן. איינמאָל וועסטו זען גאָאַ אויפֿן האָריזאָנט, אָבער נישט דאָס איינגענומענע און פֿאַרשקלאַפֿטע גאָאַ, נאָר דאָס רומפֿולע גאָאַ פֿון אַמאָל, די הויפּטשטאָט פֿון די שוואַרצע פֿעלקער. דאָס אויסגעלייזטע און אויפֿגעלעבטע גאָאַ מיט אַ מעטשעט פֿון זיבן טורעמס און פֿערצן טור־קוס־קופּאָלן, מיט הײַזער, גערטנער און פֿאָנטאַנען... דאַמאָלס וועט פֿאַר דיר קומען די צײַט פֿון באַפֿרייונג און הערשאַפֿט...

טאַניט־זערגאַ איז געשטאַנען אויסגעצויגן, די אומדערבאַרמ־דיקע זון האָט געשאָטן אויף אונדז פֿײַער.

פּלוצלינג האָט די קליינע אויסגעצויגן די הענט און געשריגן ווילד:

— אָט גאָאַ! איך זע גאָאַ!

— גאָאַ — האָט זי איבערגעחזרט — כ׳האָב געוווּסט! איך זע ביימער און פֿאָנטאַנען, קופּאָלן און טורעמס! פּאַלמען און בלו־מען! גאָאַ!

אויף דעם פלאַם־פייערדיקן האָריזאָנט האָט זיך ווירקלעך באַוויזן אַ פאַנטאַסטישע שטאָט. אַ הערלעכער מיראַזש איז אויסגעוואַקסן פאַר אונדזערע אויגן.

— גאָאַ, — האָב איך אויסגערופן — אָט גאָאַ!

גלייכצייטיק האָט זיך אַרויסגעריסן פון מיין ברוסט אַן אַנדערער אויסגעשריי פון ווייטיק און שרעק. טאַניט־זערגאַס הענטל, האָב איך געשפירט, איז ווייך געוואָרן אין מיין האַנט. איך האָב אַ כאַפּ געטון דאָס מיידל אין מיינע אָרעמס און נאָך דערהערט אירע שטילע ווערטער.

— „און סוועט קומען אַ צייט פון באַפרייונג און הערשאַפט...״

אין אַ פּאָר שעה אַרום האָב איך מיט דער הילף פון מעסער געגראָבן אַ קבר, וווּ טאַניט־זערגאַ האָט געפונען איר אייביקע רו.

דער ווינט האָט נישט אַראָפּגענומען פון מיר די אויגן, בשעת דער אַרבעט, און דערהערנדיק דאָס גערויש פון זאַמד, וואָס איז געפאַלן איבער דעם מיידלס טויטן קערפּער, האָט ער אָנגעהויבן הוילן.

— גאַלע! — האָב איך מיך געבעטן, און אים געפרוווט אַ גלעט טון.

ער אָבער האָט מיר אַ ביס געטון אין דער האַנט, איז אַריינגעשפרונגען אין קבר און אָנגעהויבן פונאַנדערוואַרפן דאָס זאַמד.

— איך האָב אים גענומען אַוועקטרייבן, האָט ער נישט געוואָלט אָפּטרעטן פון אָרט. איך האָב איינגעזען, אַז אויב ער וועט אַפילו אַציינד אָפּגעטרעטן, וועט ער שפּעטער נאָך מיין אַוועקגיין צוריקגעקומען און אויפגעגראָבן דעם קערפּער.

די ביקס איז געלעגן לעבן מיינע פיס. אין דער אומענדלעכער מדבר האָט אָפּגעהילכט אַ שאָס. גאַלע איז געלעגן אַ טויטער אויף

דעם קבר פון זיין באַלעבאָסטע. זיי האָבן זיך נישט צעשיידט באַם לעבן און באַם טויט.

איך בין אויפגעשטאַנען, וואַקלענדיק זיך אויף די פיס און זיך געלאָזט גיין פאָרויס אין דער מדבר אין דער ריכטונג פון דרום־ווייט.

קאַפּיטל XX

דאָס ראָד פאַרמאַכט זיך

אין טאָל אועד-מיאַ, ווּ אַ שאַקאַל האָט אַ געשריי געטון אין דער נאַכט, ווען סענט-אַווי האָט מיר דערציילט, אַז ער האָט דערמאָרדעט מאָראַנזשן, האָט אַצינד ווידער זיך אָפּגערופן אַ שאַקאַל, אפשר דערזעלבער ווי דאַמאָלס.

איך האָב באַלד דערפילט, אַז די היינטיקע נאַכט דאַרף עפּעס געשען.

מיר זענען געזעסן ווי געוויינטלעך אויף דער וועראַנדע פון עס-צימער, פונוואַנען עס האָט זיך געעפנט אַן אויסזיכט אויף דער מדבר. ווען ער האָט געענדיקט רעדן, האָט סענט-אַווי זיך אויפגעהויבן און אָנגעשפּאַרט זיך אָן פאַרענטש. איך האָב אים נאָכגעפאָלגט.

— און ווייטער וואָס איז געשען? — האָב איך געפרעגט.

ער האָט מיך אָנגעקוקט.

— ווייטער וואָס איז געווען? דו ווייסט אַוודאי פון די צייטונגען, אַז מען האָט מיך געפונען אַ גוססדיקן פון הונגער און דורשט אין לאַנד פון די אולעמידן און אַז מען האָט מיך איבערגעפירט קיין טאָמבוקטו. אַ גאַנצן חודש בין איך דאָרט געלעגן אין היץ. וואָס איך האָב גערעדט די גאַנצע צייט פון היץ, ווייס איך

נישט. קיינער פון די אָפיצירן פון טאָמבוקטוער גאַרניזאָן האָט מיר נישט אויסגעזאָגט. ווען איך האָב זיי דערציילט וועגן מיינע איבער־לעבענישן, לויט ווי עס שטייט געשריבן אין אָפיציעלן באַריכט פון דער מיסיע מאַראַנזש—סענט־אַווי, האָב איך פאַרשטאַנען פון דער קאַלטקייט, מיט וועלכער מען האָט אויפגענומען מיין דערציילונג, אַז צווישן איר און די רייד, מיט וועלכע איך האָב מיך אַרויסגעכאַפּט בשעת דער היץ איז פאַרהאַן אַ גרויסער אונטערשיד.

מען האָט מיך געלאָזט צורו, און נישט געפאָדערט פון מיר קיין דערקלערונגען. מען האָט גענומען צו קענטעניש, אַז קאַפּיטאַן מאַראַנזש איז געשטאָרבן פון אַ זונען־שלאַק און אַז איך האָב אים באַגראָבן אין דער געגנט פון טימיסאַאָ. מען האָט גוט באַמערקט די בלייזן, וואָס זענען געווען אין מיין דערציילונג און מען האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָ שטעקט עפּעס אַ געהיימנישפולע דראַמע. קיין באַווייזן דערצו איז אָבער נישט געווען, האָט מען געהאַלטן פאַר גלייכער צו פאַרייבן די גאַנצע זאַך, איידער אַרויסצורופן אַ סקאַנ־דאַל. וועגן דעם אַלעם ווייסטו, איבעריקנס, אַזוי גוט ווי איך.

— און... זי? — האָב איך נעפרעגט נישט דרייסט.

ער האָט אַ שמייכל געטון מיט טריומף. ער האָט הנאה גע־האַט, וואָס ער האָט מיך געמאַכט פאַרגעסן אָן מאַראַנזשן און אָן זיין פאַרברעכן, און אַריינגעצויגן אין קרייז פון זיין משוגעת, זיין מאַניע.

— זי?... צייט זעקס יאָר ווייס איך פון איר גאָרנישט. אָבער איך זע זי און רעד מיט איר אין חלום און אויף דער וואָר. איך טראַכט וועגן דעם מאָמענט, ווען איך וועל ווידער שטיין פאַר איר פנים, וועל איך מיך דאַמאָלס וואַרפן צו אירע פיס און זאָגן:

— „זיי מיר מוחל, וואָס איך האָב מיך אַרויסגעריסן פון אונטער דיין מאַכט. איך האָב דאַמאָלס נישט פאַרשטאַנען, אַצינד

פאַרשטיי איך אַלץ... און אָט זעסטו איך בין צוריקגעקומען... אַזוי ווי פּאַרוטשניק גיבערט...״

— „דו וועסט פאַרגעסן צוליב איר אַלץ: פאַמיליע, כבוד, פאָטערלאַנד״, — אַזוי האָט געזאָגט דער אַלטער לע מעסש.

ער האָט עס געזאָגט אויפן גרונט פון דערפאַרונג. ער האָט געוווסט, ווי פאַר אַנטינעאַן האָט זיך געבויגן דער ווילן פון די פּופּציק בר-מינגס אין זאַל פון רויטן מאַרמאָר.

— ווער איז אייגנטלעך די דאָזיקע פרוי? — וועסטו מיך אַצינד פרעגן... בנאמנות, איך ווייס אַליין נישט! און וואָס גייט עס מיך אייגנטלעך אָן? וואָס קומערט מיך איר פאַרגאַנגענהייט, צי זי איז אַ קינד פון די ים-געטער, אָדער אַ ממזר פון אַ שיכור און אַ גאַסן-מיידל.

אַזעלכע פרטים האָבן מיך געקענט אינטערעסירן אין יענער צייט, ווען איך בין געווען אייפערזיכטיק אויף מאָראַנזשן — אַ ווילדער גאַנג פון ציוויליזירטע מענטשן, וואָס מישן אַריין אַמבי-ציעס אין ליבעס-זאַכן.

אָבער צייט איך האָב געהאַלטן אַנטינעאַס קערפּער אין מיי-נע אָרעמס, וויל איך מער קיין זאַך נישט וויסן. איך וויל נישט וויסן קיין זאַך, ווייל איך האָב שוין געהאַט דאָס פאָרגעפיל פון יענער צוקונפט, פון יענער איינציקער באַשטימונג, מיט וועלכער איך באַגער מיך צו פאַרייניקן: אַן אומדורכדרינגלעכע מיידלשע נאַטור און געהיימנישפולע ליבע.

— „אַן אומדורכדרינגלעכע מיידלשע נאַטור״, — איך מוז עס דיר דערקלערן. איינמאָל אין אַ ווינטער-טאָג אין אַ שמוציקן אַרבעטער-קוואַרטאַל פון אַ גרויסער שטאָט בין איך נאָכגעגאַנגען אַ לוויה.

מיר זענען געקראָכן ביז צו די קני אין בלאָטע. די קירך איז געווען אַ פייכטע און אָרימע. אויסער צוויי דריי מענטשן פון

דער פֿאַמיליע, וועלכע האָבן באמת געטרויערט נאָך מת, האָבן אַלע מלוים נאָר געטראַכט וועגן דעם, ווי צו געפֿינען אַן אויסרייד אויף אָוועקצוגיין. צום בית־עולם זענען אָנגעקומען נאָר די, וואָס האָבן קיין שום אויסרייד נישט געקענט געפֿינען.

עס שטייען מיר נאָך אַצינד פֿאַר די אויגן די גרויע מויערן, די ברודיקע קבֿרנים און שמשים, וואָס שטרעקן אויס די הענט... ווי אָפּשייַלעך דאָס אַלץ איז געווען!...

ערגעץ ווייט אין אַ געלן בלאָטיקן גרוב, לעבן אַ מויער, האָט מען איבערגעלאָזט דעם בר־מינן, וואָס איך געדענק שוין נישט זיין נאָמען.

במשך דער צייט, וואָס מען האָט מקבר געווען דעם בר־מינן האָב איך געקוקט אויף מיינע הענט, אויף די הענט, וואָס האָבן אויסן גרונט פֿון אַ רייצנדער ליידנשאַפֿט געטוליעט צו זיך אַנטי־נעמען הענט. און עס האָט מיך אָנגענומען אַ גרויס רחמנות אויף מיין קערפּער. אַ פּחד פֿאַר דעם, וואָס עס דערוואַרט אים אין יע־נעם בלאָטיקן גרוב.

„צי איז מעגלעך — האָב איך מיר געטראַכט — אַז אָט דער קערפּער זאָל ליגן און פֿוילן אין גרוב? ניין, איך שווער, אַז איך וועל עס נישט צולאָזן! עס וואַרטן אויף אים זיינע ברידער און ליבסטע, עס וואַרטן אויף אים די פּיפּציק שווייגנדיקע און ערנסטע ריטער פֿון אַרישאַלק אין זאַל פֿון רויטן־מאַרמאָר. זיי וועלן נישט וואַרטן אומזיסט. איך גיין צו זיי."

„אַ געהיימנישפֿולע ליבע". — אַ שאַנדע דעם, וועלכער פּויקט אויס פֿאַר דער וועלט דעם סוד פֿון זיין ליבע. די סאַהאַראַ האָט אַרומגערינגלט אַנטינעאַן מיט אַן אומדורכדרינגלעכער מויער, און דעריבער זענען אַפֿילו די ראַפֿינירטסטע קאַפּריזן פֿון אָט דער פֿרוי אין אמתן צניעותדיקער און ציכטיקער, ווי דיין צוקונפֿטיקע חתונה מיט איר פּאַראַד און עפֿנטלעכקייט, אירע מודעות און איינ־

לאַדונגען, ווי מען זאָגט אין דער וועלט, אַז אין דעם אין דעם טאָג, אין דער אין דער שעה וועסטו מעגן פאַרגוואַלטיקן דיין מיידל.

דאָס, דאַכט זיך, איז אַלץ, וואָס איך האָב דיר געוואָלט זאָגן.

ניין, נאָך עפּעס: פאַר אַ ווײַלע האָב איך גערעדט וועגן זאַל פון רויטן מאַרמאָר. צו דרום-זייט פון שערשל, דער אַלטער צעזאַ-רעאַ, באַ דעם מערב-ברעג פון קליינעם טייך מאַזאַפראַן, איז פאַר-האַן אַ געהיימנישפולע שטיינערנע פּיראַמידע. די אָרטיקע באַפעל-קערונג רופט זי אָן „דאָס קבר פון דער קריסטין”. דאָ רוט דער קערפער פון אַנטינעאַס עלטער-עלטער-באָבע קלעאָפּאַטרע סעלענע, די טאָכטער פון מאַרקוס אַנטאָניוס און קלעאָפּאַטרע.

קיינער איז נאָך נישט אַריינגעדרונגען אין צימער, וווּ עס ליגט אין אַ גלעזערנעם ארון דער קערפער פון דער אַמאָל רייצנ-דער פרוי. דאָס אייניקל וועט איבערשטייגן די באָבען אין פראַכט און אין הערלעכקייט.

אין צענטער פון מאַרמאָר-זאַל, באַ דעם פעלזן, וווּ ס'רוישט דאָס קרישטאָל-וואַסער פון פאָנטאַן, איז איינגעאָרדנט אַ פלאַטפאָרם. אָט דאָ וועט זיך אַוועקזעצן, אויף אַן אָרישאַלק-פאָטעל, מיט אַ גאָל-דענער קרוין אויפן קאָפּ און נעפּטונס דרייצאָן אין דער האַנט, די ווּנדערלעכע פרוי, וועגן וועלכער איך האָב דיר דערציילט. זי וועט זיך אַוועקזעצן אין יענעם טאָג, ווען אַלע הונדערט און צוואַנ-ציק נישן אַרום איר טראָן וועלן אויסגעפולט ווערן און יעדע וועט באַקומען איר קרבן.

בשעת איך האָב פאַרלאָזט האָגאַר, ווי דו געדענקסט, האָט די נישע 55 געזאָלט אויספאַלן פאַר מיר. פון דאַמאָלס אָן האָב איך נישט אויפגעהערט צו רעכענען, און לויט מיין חשבון קומט אויס, אַז מיין אָרט דאַרף זיין אונטערן נומער 80, אָדער 85, אָבער חשבונות, וואָס זענען געבויט אויף אַזאַ וואַקלדיקן יסוד, ווי דער

קאפריז פון אַ פרוי, קענען זיין פאַלש. איך בין דעריבער אַלע־מאָל מער אומרויִק. מען דאַרף זיך איילן, מען דאַרף זיך איילן, זאָג איך דיר.

— מען דאַרף זיך איילן — האָב איך נאָכגעזאָגט ווי אין חלום.

ער האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ מיט אַן אויסדרוק פון אַ גרויסער פרייד. ער האָט מיר געדריקט די האַנט און אויסגערופן אין באַגייסטערונג:

— מיר וועלן זי זען, מיר וועלן זי זען!

אַ ווילדע פרייד האָט אונדז אַרומגעכאַפּט. מיר האָבן געלאַכט און געוויינט נאָך דער ריי, נישט אויפהערנדיק צו חזרן:

— לאָמיר זיך איילן, לאָמיר זיך איילן!

פלוצלינג האָט אַ בלאָז געטון אַ לייכט ווינטעלע, וואָס האָט געטרייסלט די אַלפאַ־בלעטער, מיט וועלכע אונדזער דאַך איז געדעקט געווען. דער לילאַ־פאַרביקער הימל האָט זיך געבלייכט און מיטאַמאָל האָט צו מזרח־זייט אַ גרויסער געלער פּאַס אים דורכגעשניטן. דער פרימאָרגן איז אויפגעשטאַנען איבער דער מדבר.

דער פּאָסטן האָט זיך אָנגעהויבן וועקן פון שלאָף.

אַ פּאָר מינוט זענען מיר געשטאַנען און געשוויגן מיט די אויגן געווענדט צום וועג־שפור, וואָס פירט קיין דרום־זייט, וואָס פירט קיין טעמאַסינין, עגיערע, האָגאַר.

מען האָט אָנגעקלאַפּט אין דער טיר פונם עס־צימער. מיר האָבן אויפגעשוידערט.

— אַריין! — האָט געזאָגט מיט אַ פעסטער שטימע אַנדרע דע סענט־אַווי.

וואַכמייסטער שאַטעלען איז געשטאַנען פאַר אונדז.

— וואָס ווילט איר דאָ אַזוי פרי? — האָט געפרעגט אַנדרע דע סענט־אַווי.

דער אונטער-אָפיציר האָט זיך אויסגעצויגן ווי אַ סטרונע.

— איך בעט אַנטשולדיקונג, הער קאַפּיטאַן. היינטיקע נאַכט האָט מען געכאַפּט אַרום דעם פּאָסטן עפּעס אַן אַרטיק-געבוירענעם, וועלכער האָט אַפילו נישט געפּרוווט זיך אויסדרייען. ווען מען האָט אים געבראַכט אַהער, האָט ער פאַרלאַנגט מען זאָל אים פירן צום קאָמענדאַנט. דאָס איז געשען האַלבע נאַכט, האָב איך אייך נישט געוואָלט שטערן.

— וואָס איז דאָס פאַר אַ מענטש?

— אַ טאַרגיער, הער קאַפּיטאַן.

— אַ טאַרגיער? ברענג אים אַהער.

שאַטעלען האָט זיך אָפּגערוקט. הינטער אים איז געשטאַנען יענער מענטש, באַוואַכט פון צוויי זעלנער. זיי זענען אַרויף אויף דער טעראַסע. דער בייגעקומענער איז טאַקע געווען אַ הויכגעוואַקסיקער טאַרגיער. זיין מאַנטל איז געווען טונקל-בלוי, זיינע גרויסע פאַרכמורעטע אויגן האָבן געפונקלט.

ווען ער איז געשטאַנען אויג-אויף-אויג מיטן קאַפּיטאַן האָבן זיי ביידע דורכגעשוידערט.

אַ ווײַלע האָבן זיי זיך ביידע איבערגעקוקט אין שווייגן.

— פרידן מיט דיר, פאָרוטשניק דע סענט-אַווי, — האָט געזאָגט דער טאַרגיער מיט אַ רויִקער שטימע, פאַרגייענדיק זיך.

— פרידן מיט דיר, סעגעיר בן-שעיִק, — האָט געענטפערט אַנדרע מיטן זעלבן רויִקן טאָן.

סוף

פאַרלאַג ש. יאַטשקאָווסקי, לעשנאָ 27

איבערזעצונגען:

גאַבריעלע ד'אַנונציאַ — דזשיאָוואַני עפּיסקאָפּאָ
(ראָמאַן) פון איטאַליעניש: מאַרק ראַקאָווסקי

וו. דאָראָשעוויטש — לעגענדן און מעשהלעך פון
אריענט פון רוסיש מאַרק ראַקאָווסקי

ע. דע אמיטשיס — דאָס האַרץ
יידיש: שלמה שיינבערג

פ. מ. דאָסטאָיעווסקי — זכרונות פון טויטן הויז
יידיש: א. זילבערמאַן

אַנרי באַרביס — דאָס פייער (טאָגבוך פון אַ ראָטע)
פון פראַנצויזיש: בונם וואַרשאַווסקי

אַ. טורגעניעוו — רודין יידיש א. זאַק

פיער לאָטי — די פישער פון איסלאַנד (ראָמאַן)
פון פראַנצויזיש: מאַרק ראַקאָווסקי

מאַקסים גאָרקי — דריי (ראָמאַן)
פון רוסיש: מרדכי ניידין

ב. קעלערמאַן — אינגעבאָרג
פון דייטש: מנחם פלאַקסער

הענריק שענקעוויטש — מיט פייער און שווערד
I טייל (ראָמאַן) יידיש: משה בליישטיפט
II „ „ „ „
III „ „ „ „
IV „ „ „ „

אָריגינעלע ווערק:

ז. סעגאַלאָוויטש — אַ לעגענדע וועבט זיך
" — ראָמאַנטישע יאָרן
" — אייביק איינזאַם (ראָמאַן)
אפרים קאַגאַנאָווסקי — טירן-פענצטער (נאָוועלן)
שלמה קאָרנבלום — געלייטערטע (ראָמאַן)
יהושע פערלע — זינד
א. ראָזענפעלד — די גרינע בריק
י. מעסטעל — מלחמה-נאָטיצן פון אַ יידישן אָפיציר I ב.
ה. ד. נאָמבערג — דאָס בוך פעליעטאָנען
לייב ניידוס — ליטווישע אראבעסקן I באַנד
ש. וואולמאַן — גילגולים

ביבליאָטעק פאַר יוגנט:

פ. מ. דאָסטאָיעווסקי — יידיש גיטל מייזיל

מאָזאַיק-ביבליאָטעק:

1. גוי דע מאפאסאַן — דער עלטערן-מערדער און אַנדערע פון פראַנצויזיש: מאַרק ראַקאָווסקי
2. קאטיל מענדעס — דער פאַרלוירענער גן-עדן און אַנד. פון פראַנצויזיש: מאַרק ראַקאָווסקי
3. ז. סעגאַלאָוויטש — אַ פרוי אין קאַזאַרמע
4. מאַרסעל פרעוואָ — די ברוסט

פ. מ. דאָסטאָיעווסקי — ווייסע נעכט, אייביקער מאַן
קלאָד פאַרער — מאַרקיזן יאָריסאַקאַ
פיער בענואַ — אַטלאַנטידאַ